STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02123

DOS YIDISHE GEDRUKTE VORT UN TEATER IN ARGENTINE

Shemuel Rozshanski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ראָזשאַנסקי

●

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע

געזאַמלטע שריפטן — ערשטער באַנד

●

בוענאָס־איירעס
1941

די אויסגאַבע איז
פון צען בענדער
געזאַמלטע שריפטן
פון שמואל ראָזשאַנסקי

1. — דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע.
2. — הונגער צו דער זעט (דערציילונגען און סקיצן).
3. — אונדזערע אידייען, סביבה, עלטערן און קינדער.
4. — אייגענע פרעמדע (נאָוועלן און סקיצן).
5. — אַרגענטינער פּערזענלעכקייטן.
6. — אין בוענאָס - איירעס (סקיצן און מיניאַטורן).
7. — ביי די רויטע טויערן פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.
8. — געשטאַלטן און פּראָבלעמען.
9. — מלחמה און ליטעראַטור.
10. — פאַר אונדזער לעבן.

די הילע פאַר אַלע בענדער האָט געצייכנט
דער מאָלער משה פייגנבלום

אינהאַלט

זייטן

ארייַנפיר — 5-6

1 — אַ סך־הכל צום 50־יאָריקן יובילײ פון ישוב — 7-19

2 — דער פעריאָד פון די פּיאָנערן — 20-29

3 — די ערשטע פּאָפּולערע אויסגאַבעס און זייערע פּאָפּולערע שרייבער — 30-49

4 — מיט די אייגענע כוחות און אייגענער אױ־טאָריטעט — 50-63

5 — דער קאַמף פאַר לאָקאַליזם און זעלבסטקולטור — 64-72

6 — שרייבערישע און אידייאישע טענדענצן פון צוויי טיילן אין אַ האַלבן יאָרהונדערט — 73-87

7 — אין בוענאָס־איירעס — אַלץ, אויף דער פּראָ־ווינץ — גאָרנישט — 88-94

8 — די טעגלעכע צייטונגען און זייער אַנטוויקלונג — 95-105

9 — זוכנדיק אַ טאָן פאַר זשורנאַלן און ליטע־ראַרישע באַוועגונגען — 106-125

10 — דיספּראָפּאָרץ צווישן דער זשורנאַליסטיק און דער ליטעראַטור — 126-134

11 — דריי עטאַפּן אין דער בעלעטריסטיק — 135-141

12 — ליטעראַרישע גרייכונגען און דערגרייכונגען, נעמען און געשטאַלטן — 142-178

13 — אויפן וועג צו וואָגיקער פּובליציסטיק און פאָרשונג — 179-190

14 — פאָרמען און אויספורעמונג — 191-193

15 — די אומאָפּהענגיקייט פון געדרוקטן וואָרט און די אָפּהענגיקייט פון טעאַטער — 194-202

16 — די געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון יידישן טעאַ־טער אין אַרגענטינע — 203-213

17 — נאַציאָנאַלע בייטראָגן פון יידישן טעאַטער — 214-229

18 — אַ געשיכטע פון גאַסטראָלן און פון שטענדיקן אָנהייב — 230-241

19 — פּרואוון און דערוואָרבענע פּאָזיציעס — 242-254

זוכצעטל פון נעמען, דערמאָנטע אין בוך — 255-263

„דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין ארגענטינע" איז דאָס ערשטע בוך פון מיינע צען בענדער געזאמלטע שריפטן, וועלכע דערשיינען איצטער און מיט וועלכע איך בין אויסן צו קאָנצענטרירן זיך אין דער שטענדיקער זוכעניש פון צענטער אין אידייען, געפילן און לעבן, אזוי ווי דאָס לעבן איז און אזוי ווי עס דאַרף זיין.

בוך איז סך־הכל. איך בין נישט אויסן בוך, נאָר סך־הכל. אין אלץ דארף מען זוכן אַ סך־הכל. עיקר. אין אלע עיקרים געפינען דעם אייגענעם עיקר.

געפינען דעם פרייען יידישן מענטש. געפינען דאָס מענטשלעכע. זוכן דאָס אינם לעבן. דורך בעלעטריסטיק. דורך עסייען, דורך פראָבלעמען. דורך דער געזעלשאפטלעכער דערפארונג, און אומעטום זוכן דעם מענטש מיט ווערדע און כאראקטער.

וועל איך האָבן עפעס געווירקט אין דער ריכטונג — וועט עס פאר מיר זיין די העכסטע באלוינונג.

●

דאָס דאָזיקע ווערק איז פון מיין ארבעט אין „יובל־בוך", וואָס א געזעלשאפטלעכער קאמיטעט האָט אַרויסגעגעבן לכבוד „די אידישע צייטונג" צו איר 25סטן אניווערסאר, און ווערט געדרוקט מיט די מאטריצן און ממילא לויט דער טראדיציאָנעלער אָרטאָגראפיע, ביי וועלכער עס האָט זיך געהאלטן דאָס זאמלבוך.

ווי אַ ייווא־מיטארבעטער וואָלט איך געוויס געוואָלט, אַז מיין בוך זאָל ווערן געדרוקט לויטן אויסלייג פון ייווא. פאר קיינעם איז אָבער קיין סוד נישט, אַז אַרויסגעבן אין אַרגענטינע אַ יידיש בוך אָן ערנקאָמיטעטן און אָן ערנאָוונטן איז פאר אַ שרייבער זייער א שווערע אויפגאבע. מען דאַרף

דעריבער זיין צופרידן מיט דער געלעגנהייט, וואָס פאַרגרינגערט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

איך בין דערפאַר דאַנקבאַר דעם געזעלשאַפט־לעכן קאָמיטעט פון „יובל־בוך", פאַר דערמעגלעכן מיר צו באַנוצן זיך מיט די מאַטריצן.

האַלטנדיק פון דעם כּלל, אַז ס'איז תּמיד כּדאַי צו רעווידירן די אייגענע אַרבעט, ווייל אַלעמאָל איז דאָ וואָס אויסצובעסערן און דערגאַנצן, האָב איך דאָ אַריינגעבראַכט אַ סך מילואים. ביי דער געלעגנהייט איז נייטיק אָנצואווייזן, אַז פון מיין אַרבעט אין „יובל־בוך" זיינען — אָן מיין וויסן און שוין נאָכדעם ווי די ערשטע עקזעמפּליאַרן זיינען אַרויס פון דרוק און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אייניקע שרייבער — פאַרשוואונדן אויף אַ מערקווירדיקן אופן, און עס פעלן, די באַמערקונגען 208־210. די דאָזיגע שטעלן קומען אין דעם־אָ בוך לויטן אויטענטישן טעקסט, אָן ענדערונגען און אָן מילואים.

איך האַלט אויך פאַר מיין חוב דאָ צו זאָגן, אַז אויב ס'איז מיר מעגלעך־געווען אין דעם ווערק ברייטער זיך אָנצושפּאַרן אויף ביבליאָגראַפיע, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו ביים ייוואָ אין בוענאָס־איירעס, וואו עס איז שוין פאַראַן, הגם נאָך אין עטאַפּ פון עטאַבלירונג — אין אונדזער יונגן און באַשרענקטן ישוב — אַן עשירות פאַר יעדן איינציקן, וועלכער וויל זוכן, לייענען, זיך פאַרטיפן, פאַרשן, באַגרינדן און זיך אליין פאַרפעסטיקן גייסטיק.

דער מחבר

בוענאָס־איירעס, פעברואַר 1941.

— I —

אַ סך־הכּל צום 50־יאָהריגען יובילײ פון ישוב

אינם יאָהר 1939, ווען עס איז אויסגעפאַלען דער 50־יאָהריגער יובילײ פון דעם אידישען ישוב אין אַרגענטינע (1), איז דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט אין לאַנד אַלט־געווען 41 יאָהר (2) און די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, פון וועלכער מען האָט קאָנקרעטע ידיעות, איז געגעבען געוואָרען מיט 38 יאָהר צוריק (3). די דאָזיגע דאַטעס

1) ערב דעם יובל איז אין בוענאָס־אײרעסער אידישע צייטונגען אַרױפגעשוואומען אַ פּאָלעמיק, צי דער יובל פאַלט אויס אין 1938 אָדער אין 1939. כּדי צו דערוויזען, אַז דער יובל איז אין 1939, האָט מען געבראַכט כּל־ערלײ װײטע ראיות, אַפילו פון אַ פּאַריזער פּראָנצויזישען ביכעל, אָבער מ'האָט פאַרגעסען, אַז ס'איז פאַראַן אַ היימיש אידיש בוך, וואָס איז דערשינען צום 25־יאָהריגען יובילײ פון ישוב, אין 1914, „די יודען אין אַרגענטינע", וואו עס ווערט פּינקטליך פעסטגעשטעלט דער אָנהויב פון ישוב. דוד גאָלדמאַן, דער מחבר פון דעם בוך, געהערט טאַקע אַליין צו דער ערשטער גרופּע אימיגראַנטען, געקומען — ווי ער גיט אָן אויפן שערבלאַט, אונטער זיין בילד, — דעם 14־טען אויגוסט 1889 (י"ח אב תרמ"ט).

2) אין 1898 זענען אין בוענאָס־אײרעס דערשינען דרײ אידישע צייטשריפטען — „וויעדער־קול", „דער אידישער פאָנאָגראַף" און „דיא פאָלקס שטיממע" — און דאָס זענען געווען די ערשטע דרײ אידישע אויסגאַבעס אין דרום ־ אַמעריקע.

3) דעם 21־סטען אויגוסט 1901, דורך דעם פּראָפעסיאָנעלען שוישפּילער בערנאַרדאָ ווייסמאַן, אין טעאַטער „דאָריאַ", וואָס הייסט היינט „מאַרקאָני".

פיהרען צום געדאנק, אז מיט דעם אימיגראנטען־שטראם פון די ערשטע יאהרען זענען נישט געקומען אזעלכע, ביי וועלכע שרייבעריי אדער שפילען טעאטער שטעהט אויפ'ן ערשטען פלאן, וויבאלד ערשט ניין יאהר נאכדעם, ווי אידען האבען געבויט זייערע צעלטען אין דעם נייעם לאנד, איז דערשינען דאס ערשטע אידישע וואכענבלאט און ערשט אין צוועלף יאהר ארום איז פארגעקומען א טעאטער ־ פארשטעלונג, וואס האט איבערגעלאזט שפורען אין דער יונגער געשיכטע פון אידישען לעבען און שאפען ביי די ברעגען פון לא פלאטא.

אין ספעציפישע באדינגונגען איז אויפגעקומען דאס אידישע געדרוקטע ווארט אין נייעם לאנד.

דעם פונדאמענט פאר דעם אידישען געדרוקטען ווארט אין ארגענטינע האבען געלייגט אזעלכע מענשען, וועלכע זענען פריהער נישט געווען קיין שרייבער. אהן שרייבערישער דערפאהרונג. אהן כטאזש. אהן שרייבערישער אויטאריטעט.

אין געגענזאץ צו די פאראייניגטע שטאאטען. וואס האבען באצייטענס געלאקט אויך אידישע אינטעלעקטועלע כוחות פון אייראפע נישט געקוקט אויף אלע פאראורטיילען צו אמעריקע, האט ארגענטינע א לאנגע צייט נישט געלאקט קיין שעפערישע מענשען. אפילו היינט, ווען די אויסוואנדערונגס נויט אין אייראפע איז ריזיג, ווילען שרייבער בלויז „אנטלויפען” קיין ארגענטינע, אבער נישט פאהרען. ווי־זשע איז שוין געווען אמאל? אמאל האט דאס לאנד געהאט א פינסטערען שם אין דער וועלט, איבערהויפט אין דער אידישער וועלט. אחוץ די, וועלכע זענען געקומען דירעקט צוליב קאלאניזאטארישע צילען, זענען די מעהרסטע פון די אנדערע אימיגראנטען ארופגעקומען קיין בוענאס־ איירעס „צופעליג”. געוואלט האבען זיי פאהרען אין אן אנדער לאנד, נאר זיי האבען פארבלאנדזשעט קיין „בוינע”. שרייבער, צומאל שרייבער מיט א קליינעם סטאזש, זענען אבער „צופעליג” אויך נישט געקומען. עס האט נישט געהאלפען, וואס ארגענטינע איז אין די 90־ער געווען איינע פון די ברענענדיגסטע טעמעס אין „המליץ”, „הצפירה”, „וואסכאד” און אנד. זשורנאלן און ספעציעלע בראשורען, דער־

שינענע אין צארישען רוסלאנד (4). י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאן זענען געווען אן אויסנאהם (5). פּרץ האט בכלל ארויסגעוויזען אן אויסערגעוועהנליכען אינטערעס צו ארגענטינע אין קאיאר פון ישוב, האט איהם פארטיידיגט פון אטאקעס און רכילות, באריהרענדיג גרונט־פראגען פון דער אימיגראציע און קאלאניזאציע (6). אין אלגעמיין איז אבער דאס אויפקומען פון געדרוקטען ווארט אין יונגען ישוב געווען אנגעוויזען אויף מענשען, וועלכע זענען ניט געווען קיין שרייבער פון בארוף און וועלכע זענען געקומען צו שרייבעריי נישט פון שרייבערישע אימפולסען, נאר פון — זוכען פּרנסה . . .

דער, וועלכער האט ארויסגעגעבען דאס ערשטע אידישע בלאט אין ארגענטינע, און עס ארויסגעגעבען מיט אן עקשנות, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א פּיאנער — מיכל הכהן סיני — איז געקומען צו דעם געדאנק, נישט ווייל דאס ווארט האט זיך פון איהם געריסען, נישט געלאזט רוהען, האט זיך געצאפּעלט און געזוכט אנטפּלעקונג, נאר גאנץ פּשוט, ווייל ער האט געזוכט א שטיקעל באַ־

---

4) „דער ווארשויער זשורנאל „איזראעליטא" האט טרעפליך די באמערקונג געמאכט, דאס, בשעת משה רבינו האט דיא יודען ארימגעפיהרט אין דער מדבר, מיט די האפנונג, זייא ענדליך אין איין ארץ זבת חלב ודבש אריינצוברענגען, האבען זייא איבער דעם לאנד פיהל ווייניגער גערעדט, אלס די יעטציגע איבער ארגענטינא" — יאקאב יעדוואבניק און איזידאר העלמאנן, „דיא רייזע נאך ארגענטינא", ווארשויא, יאר 1891, זייט 4.

5) פּרץ האט אין 1893 געפּלאנט צו עמיגרירען צוזאמען מיט דינעזאנ'ען קיין ארגענטינע, ווי מ'זעהט עס פון זייער קארעספּאנדענץ — י. ל. פּרץ: „בריוו און רעדעס", געזאמעלט פון נחמן מייזיל, ווילנע, יאהר 1929, זייט 81.

6) זעה: מיין ארבייט „י. ל. פּרצ'עס באציאונג צו ארגענטינע" אין „ארגענטינער יווא־שריפטן", בוך 1, בוענאס איירעס, 1941, ז"ז 117־136.

שעפטיגונג (7). „דאָ — האָט סיני אַליין אויסגע־שריבען, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק. אַרויסצוגעבען דאָס בלאַט „וויעדער ־ קול" — איז דעם גרויסען כרך בואנאָס עירוס האָט ער זיך אַרום געדרעהט לעדיג און ער פשוט ניט געהאַט פאָן וואַנעט אַ טאָג איבערצוקומען... צו מאַכען עפּעס אַ געשאַפט האָט ער ניט קיין געלד, אַ מלאכה האָבען איהם זיינע עלטערן ניט געלערנט ער האָט זיך געוואָלט שטעלען ביי וואָס פאַר אַנאַרבעט ס'איז קנעטען ליים, האַקען שטיינער, טראָגען ציעגעל. גיעססען וואַססער אביא ער זאָל האָבען די נאָהענ־וואָנדיגסטע וואָס אַ מענש מוס האָבען... פּלוצום האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט. עס איז אָנגעפאָהרען אַ טראַמוואַי און אַ קליינע־יונגע פון די וואָס טראָ־גען אַרום „צייטונגען" פאַרקויפען האָט זיך אויפען טרעפּפעל אַרויפגעכאַפּט און אָנגעהויבען אויף אַ קול זיין סחורה אויסצורעכנען: „לאַ פּרענסאַ, לא נאסיאָן... „לא בכל הגוים המון בית־ישראל אשר באַרגנטינא!" האָט ער אויסגעשריען בעטראַכטענ־דיג דיעזע סצענע. — „יעדאס פאָלק האָט זיך צייַ־טונגען אין זיין שפּראַך, יעדעס פאָלק שטאָלצירט און עהרעט זיין ליטעראַטור נור איין ישראליק ניט! אַזוי פיעל אידען וויא דאָ אין אַרגנטינא איז דאָ און געוואהנליך געפינען זיך דאָך אונטער זיי סופרים, חכמים, משכילים, וואָס זיינען ניט פרעמד מיט דער אידישער פעדער און דאָך ערשיינט דאָ ניט עפּעס אַ יודישעס בלאַטטיל!"... געטראַכט און געטהאָן... האָט אַ „וויעדער־קול" אין זיינע געדאַנ־קען אָפּגעקלונגען. — „יאַ, אַזוי בלייבט עס שוין! מיכל, דו וועסט שוין האָבען אַרבייט!"...

„דו וועסט שוין האָבען אַרבייט!" — איז גע־ווען דער ערשטער וועגוויזער פאַר די, וועלכע האָ־בען געלייגט דעם יסוד פאַר דעם אידישען גע־דרוקטען וואָרט אין אַרגענטינע. אין משך פון איין האַלבען יאָהר, אין 1898, זענען אויפגעקומען אין

(7) „פעלליטאָן דער וויעדער־קול" פון מיכל הכהן סיני, אינם ערשטען נומער פון דער אויסגאַבע, דערשינען י"ד אדר פון תרנ"ח (עס פעהלט די נישט ־ אידישע דאַטע אויפן טיטעל ־ בלאַט).

בוענאָס־איירעס די ערשטע דריי בלעטער, יעדע איינע פון זיי מיט אַן אַנדערען רעדאַקטאָר, און קיין איינער פון זיין איז פריהער נישט געווען קיין שרייבער, נאָר יעדער איינער פון זיי איז געקומען צו דער אויסגאַבע, ווי צו אַ פּראָפעסיע, כאָטש ער איז אַליין נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַל...

אַברהם ווערמאָנט, איינער פון די ערשטע דריי רעדאַקטאָרען, איז געווען דער איינציגער, וועלכער האָט אויף זיך געזאָגט, אַז ער איז נאָך אין אייראָפּע געווען אַ זשורנאַליסט, „אַ גויעשער צייטונגס־שרייבער וואָס האָט דיא חוצפּה דעם אמת צו שרייבען" (8), נאָר ווען אַפילו דאָס זאָל זיין אַזוי, איז אָבער אויך באַקאַנט, אַז ער האָט פריהער אַפילו דעם אידישען אלף־בית כמעט ווי פאַרגעסען. די אַנדערע צוויי האָבען גראָד אַ סך געקענט, אָבער דער אָנפאַנג פון געדרוקטען וואָרט איז אויך געווען זייער שרייבערישער אָנפאַנג. פּאַביאַן ש. הלוי איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרען פון אַ קאָלאָניע קיין בוענאָס־איירעס, צו ווערען דער רעדאַקטאָר פון „פּאָנאָגראָף", כאָטש ער האָט יאָ געקענט פאַרשיידענע לשונות, נאָר ניט קיין אידיש, די שפּראַך פון זשורנאַל, און די אַרויסגעבער האָבען איהם טאַקע געזאָגט, אַז ער קען שרייבען דייטש מיט אידישע אותיות און ס'וועט זיין גוט... (9). און דאָס מערקווירדיגע פון דעם אַלעמען איז דאָס, וואָס הגם די אַלע רעדאַקטאָרען זענען נישט געווען קיין שרייבער פון דער פּראָפעסיע און דאָס אַרויסגעבען אַ זשורנאַל האָט נאָך אויך נישט דערוויזען, אַז דאָס איז אַ געשעפט, דאָך זענען אַלע ערשטע שרייבער צוגעגאַנגען צו דעם ווי צו אַ געשעפט — „דו וועסט שוין האָבען אַרבייט!"...

עס איז דערפאַר כדאַי זיך צו פאַרטראַכטען אויף דעם פאַקט, ווי אַזוי די, וועלכע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון געדרוקטען וואָרט, האָבען נאָכ־

8) אַ. ווערמאָנט: „די נייע עשרת הדברות", איז דעם ערשטען נומער פון „וויעדער־קול".

9) פּ. כ"ץ: „צו דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע", בוענאָס־איירעס, יאָהר 1929, זייט 30.

דעם קיין היים אויף דעם דאָזיגען פונדאַמענט פאַר זיך אַליין נישט געפונען. זיי, וועלכע זענען געקומען צום געדאַנק פון שרייבען, כדי צו „האָבען אַרבייט", האָבען נישט געהאַט ביי דעם קיין אַרבייט, ווען דאָס געדרוקטע וואָרט איז אויפגעשטיגען און געוואָרען אַ קוואַל פון אַרבייט פאַר שרייבער. די, וועלכע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם געדרוקטען אידישען וואָרט אין אַרגענטינע, האָבען קוים אַ קורצינקע צייט געהאַט פלאַץ אין די אויפגעקומענע אידישע טעגליכע צייטונגען (10). נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען די פאָפולערסטע שרייבער אין לאַנד און אויך פאַר אויסלאַנד (11), האָבען געהאַט דעם גרעסטען סטאַזש און אויטאָריטעט, און טאַקע געהאַט אויך אַ סך חסידים, זענען גענוג־געווען געצעהלטע חדשים אויף צו באַווייזען, אַז זיי קענען ניט זיין קיין אָנפיהרער פון צייטונגס ־ וועזען, און אויף זייער אָרט זענען אויסגעוואַקסען וועניג־באַקאַנטע שרייבער, וועלכע האָבען פריהער גראָד נישט געהאַט די כונה צו שרייבען בלויז דערפאַר, ווייל מ'קען דערפון פאַרדינען.
אין דער אַרגענטינער אידישער זשורנאַליסטיק איז איבערגע'חזר'ט געוואָרען די געשיכטע פון די אידען אין מדבר: זיי האָבען זיך געפונען ביי די שוועלען פון „ארץ זבת חלב ודבש", אָבער זיי זענען אין דעם לאַנד נישט אַריינגעלאָזט געוואָרען. אַרייז זענען גראָד יענע, וועלכע זענען געקומען צו שרייבעריי מיט אידעאַליזם, יעדענפאַלס מיט ווייניגער געדאַנקען פון „ש ו י ן האָבען אַרבייט"...

---

10) י. ש. ליאַכאָוויצקי, דער באַגאַבטסטער פון די שרייבער ־ פיאָנערען, איז געוואָרען אויס אָנפיהרער אין דער טאָג־פּרעסע שוין אין 1915, ווען ער איז אַלטגעווען נישט מעהר ווי 41 יאָהר; איז בלויז אַ קורצע צייט געווען רעדאַקטאָר פון „טאָג" (1913־1914) און אויך מאָנאַטען בלויז געווען רעדאַקטאָר פון „די אידישע צייטונג" (פון נאָוועמבער 1914).

11) ווענען אַברהם ווערמאָנט'ן האָט זיך אָפּגערופען אפילו י. ל. פרץ. י. ש. ליאַכאָוויצקי האָט מיטגעאַרבייט אין אַ סך צייטונגען און זשורנאַלען פון אייראָפּע און נאָרד־אַמעריקע.

אויב דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט איז אַר־גענטינע איז נישט געבוירען געוואָרען אונטער דער ברענענדיגער און פאַרברענענדיגער זון פון אידעאַליזם, איז דער אידעאַליזם געקומען שפּעטער. דעם אידעאַליזם האָבען געבראַכט די קאָלאָניסטען — פון די קאַמפּען; די אַרבייטער און סאָציאַליסטען — אַנטלאָפענע פון צאַרישען רוסלאַנד; די נאַציאָנאַליסטען און קולטוריסטען — מיט שעהנע טראַדיציעס פון דער אייראָפּעאישער פאָלקס־ געהעריגער אינטעליגענץ; און אידישיסטען און פיינשמעקער — מיט אַמביציעס פון ליטעראַרישע און אידייאישע זוכענישען.

דער פּראָצעס איז געווען אַ פאַרקעהרטער. ווען די עקאָנאָמישע אויסזיכטען ביים געדרוקטען וואָרט זענען געווען צווייפעלהאַפטע, זענען געקומען צו שרייבעריי מענשען מיט דער איינציגער אמביציע, צו פאַרדינען ביי דעם אָדער געלט אָדער אַ דעה אין קהל׳שע זאַכען. נישט די שרייבערישע אמביציעס זענען געשטאַנען אויבענאָן, אָט־די אַמביציעס, צוליב וועלכע שרייבער האָבען נאָכדעם גע־הונגערט, צוגעצאָהלט, זיך געפּייניגט און געשריבען נישט אלעמאָל דאָס, וואָס האָט געקענט זיין גאַנג־באַר (12). שרייבער האָבען געמאַכט פלענער אַרויס־צוגעבען זאַמעלביכער, נישט צו פאַרדינען, נאָר צו־צולעגען צו זיי, און אינגאַנצען אָהן קיין שום אינ־טערעס צו געווינען דורכדעם אַ דעה אין די קהל׳שע אַנשטאַלטען, ווייל די זשורנאַלען זענען געווידמעט געוואָרען צו ליטעראַטור (13). און גראָד פון די

---

12) „האָט בראָדסקי געאַרבייט איבער „טאַמאַרע" כמעט צוויי צעהנדליג יאָהר, זיך אומצעהליגע מאָל אומגע־קעהרט צו איהר און זי וואַריאַזירט אויף פאַרשיי־דענע אופנים — און געלאָזט זי נישט פאַרענדיגט" — ה. בלאָשטיין: „ביים קבר פון אהרן בראָדסקי". איינלייטונג צו „געקליבענע שריפטען", פון אהרן בראָדסקי, ב"א, יאָהר 1926, זייט 10.

13) „זעגלען", חודש ־ זשורנאַל פון ליטעראַטען־גרופּע א"ז נאָמען, אין 1924, האָט דעמאָנסטראַטיוו נישט אַנגענומען קיין אַנאָנסען, כדי צו זיין דורכאויס פריי

מינים שרייבער זענען ארויסגעקומען די, וועלכע
פארנעהמען דעם אויבענאן אין די צייטונגען און
אינם געדרוקטען ווארט בכלל. די ליטעראַרישע אָדער
פּאַרטיי - זשורנאַלען, די ביבליאָטעקען און געזעל-
שאַפטליכע טריבונעס זענען געוואָרען דער קאַרי-
דאָר, דורך וועלכען שרייבער זענען נאָכדעם אַרי-
בער אין צייטונגען. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ גרוי-
סער טייל היינטיגע רעדאַקציע - מיטגלידער פון די
טעגליכע צייטונגען באַשטעהט פון געוועזענע לע-
רער אָדער געוועזענע געגנער פון צייטונגס - הער-
שאַפט. דער גרעסטער טייל אידישע זשורנאַליסטען
אין אַרגענטינע באַשטעהט פון ליטעראַטען, אַזעל-
כע וואָס זענען געווען ליטעראַטען — דערצעהלער,
פּאָעטען, דראַמאַטיקער, עסעאיסטען — איידער זיי
זענען אַריין אין די צייטונגען אַרבייטען. אַ סך פון
זיי זענען נישט אין די צייטונגען געוואָרען ליטע-
ראַטען, נאָר זיי זענען גיכער אין די צייטונגען גע-
וואָרען אוים ליטעראַטען. פאַרלירענדיג דעם גלאַנץ
פון אידעאַליזם, האָבען זיי אַנגעוואוירען דעם גלאַנץ
פון זייער וואָרט. דער לייענער אינטערעסירט זיך
מיט דעם פּערזענליכען לעבען פון זיין שרייבער.
מיט זיין מאָראַלישען ניוואָ און וויל זעהן אין דעם
שרייבער אַלע מעלות, אי פון אַ שרייבער, אי פון אַ
מענשען, און דער'עיקר'שט אינערליכע באַציהונג.
אידעאַליזם. דער לייענער זוכט ביים שרייבער אי-
דעאַליזם, אַפילו ווען ער, דער לייענער, איז ווייט
דערפון אָדער קען עס בכלל נישט באַנעהמען...
אַזעלכע פאָדערונגען האָבען די, וועלכע האָבען גע-
געבען כבוד דעם ניי־אויפקומענדיגען ישוב, אויך
געשטעלט צו די שוישפּילער. זיי האָבען פאַרלאַנגט
פון שוישפּילער, נישט בלויז פעהיגקייטען פאַר דער
ביהנע, נאָר אויך פיינע מענשליכע אויפפיהרונג.
און, כדי דער אַרטיסט זאָל שטעהן אויף דעם גע-
העריגען ניוואָ, האָט דער געזונטער טייל פון אַר-
געַנטינער ישוב, דער וואָס האָט געשאַפען פאַר דער
צוקונפט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, וועלכע
ווערען היינט געשאַצט און געשעצט אין דער גאַנ-
צער אידישער וועלט און אויך אין דער אַרגענ-
טינער שפּאַנישער וועלט, געפאָדערט — מאָראַלי-

שע הויך, אידעאַליזם (14).

להיפּוך צו דעם אידישען געדרוקטען וואָרט. איז דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענטינע אנט־שטאַנען מיטן כוח פון פּראָפעסיע ־ מענשען. ניט קיין ליבהאָבער האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם אַרגענטינער אידישען טעאַטער, נאָר אַ פּראָ־פעסיאָנעלער אַקטיאָר, בערנארדאָ ווייסמאַן (15). וועלכער איז געווען פאַרבונדען מיטן אידישען טעאַטער גאַנצע אָנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר איי־דער ער איז געקומען צו פאָהרען אין אַרגענטינע. אויב ווייסמאַן האָט זיינע ערשטע ספּעקטאַקלען גע־שטעלט מיט ליבהאָבער, איז עס אָבער געווען נאָר אַזוי לאַנג, ווילאַנג עס האָט באַדאַרפט ביי איהם דויערען צו קריגען געלט אויף אראָפּצוברענגען פון אייראָפּע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער (16). אין די דאָזיגע ערשטע טריט פון אידישען טעאַטער אין דעם נייעם ישוב זעהט מען דעם כאַראַקטער ־ ציי־כען פון דער אַרגענטינער אידישער ביהנע ביזן היינטיגען טאָג. מען האַלט אין איין „קריגען געלט אויף אראָפּצוברענגען שוישפּילער”. די אָרטיגע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרען ווערען פון די טעאַטערס באַטראַכט, פּונקט ווי בערנארדאָ ווייסמאַן האָט באַ־טראַכט זיינע „ליוביטיעליעס” אין 1901 . . .

דאָס געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע, סיי די

---

14) כאָטש די הויפּט ־ הכנסה אין אידישען טעאַטער איז אין די ערשטע יאָהרען געקומען פון די אַלפאָנסען און זייערע „כלות”, און אַקטיאָרען האָבען אָנגעווי זען, אַז אָהן די „בלאַטע” קענען זיי נישט אויסהאַל־טען אַ טעאַטער, האָט די נייע געזעלשאַפט פאַרט מיט דעם זיך נישט גערעכענט און אויפגעהויבען אַ קאַמף. פאַדערענדיג פון שוישפּילער קרבנות, אידעאַליזם.

15) געבוירען אין 1873, אין בוקארעסט, רומעניע, נאָ־אַלס קינד געווען אויף דער בינע, אַלס אַקטיאָר גע שפּילט פון 1887, געוואַנדערט איבער סערביע, בולגאַ־ריע, גריכענלאַנד און עגיפּטען. געקומען אין 1901 אין בוענאָס־איירעס — זלמן זילבערצווייג, „לעקסי־קאָן פון אידישען טעאַטער”, ערשטער באַנד, זייט 699.

16) ד"ז.

זשורנאליסטיק, סיי די ליטעראַטור, איז אין רוב פּאַרזייהט געוואָרען און אויסגעוואַקסען אין לאַנד גופא. די מעהרהייט פון די שרייבער, וועלכע פאַר־נעהמען דעם אויבענאַן אין די טעגליכע ציימונגען. ווי אין דער ליטעראַטור, האָבען אַלס שרייבער דאַ זיך אַנטוויקעלט, כאָטש זיי האָבען שוין מיטגע־בראַכט, אי אַ ביסעל דערפאַהרונג, אי אַ סך נייע שטימונגען פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַ־טור און פּרעסע אין די גרעסטע אידישע צענטערס. ביי די ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ זענען ביי זיי אויסגע־וואַקסען פליגלען און דער עכאָ פון זייערע שטימעס ווערען שוין טיילמאָל דערהערט אויך אין די ווייטע, גרויסע אידישע צענטערס, וואו מען האָט פריי־הער געקוקט אויף אַרגענטינע פון אויבען אַראָפּ, צו־מאָל מיט אַ צווײדײטיגען שמייכעלע . . .

אין משך פון די 41 יאָהר, פון קאָיאָר ביז צום 50־יאָהריגען יובילי פון ישוב, איז דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע, אָנגעהויבען פון שוואַכע, אומבאהאָלפענע זשורנאַלען, וואו די שריי־בער זענען געוועזן אָנפאַנגער, אָהן דערפאַהרונג, אָהן סטאַזש, אָהן אויטאָריטעט, אויסגעוואַקסען צו אַ מדרגה פון זשורנאַליזם, וואָס רופט אַרויס פון צייט צו צייט לויב און צומאָל אַנטציקונג אויפן חשבון פון דעם אָדער יענעם שרייבער, ווי אויך אויפן חשבון פון צייטונגען אַלס גאַנצע. פאַכקענער פאַר־גינען זיך אין אויסלאַנד צו מאַכען אויך פאַרגלייכען צווישען דער אידישער פּרעסע אין די פאַר־אייניגטע שטאַאַטען, למשל, און אַרגענטינע, און נישט איין מאָל הערט מען אַ הויכען קאָמפּלימענט פאַר בוענאָס־איירעס און אפילו אַ שטעלען־העכער די אַרגענטינער „פּראָווינציאַנעלע” פּרעסע איבער דער נאָרד־אַמעריקאַנער, כאָטש די בוענאָס־איי־רעס׳ער טעגליכע צייטונגען האָבען אַ סך אָן אַרי־מערע פּעריפעריע ווי די ניו־יאָרק׳ער.

אויך דאָס אידישע טעאַטער אין בוענאָס איירעס פון 1940 רופט אַרויס לויב אין נאָרד־אַמע־ריקע, וואו מען קוקט מיט קנאה אויף אַרגענטינע און מען דערמאָנט זיך אין אַמאָליגע גוטע צייטען.

ווען אַקטיאָרען זענען געפאָהרען אין אייגענע קאָ־רעטעס און האָבען געברענט אַ וועלט (17). דאָס אי־דישע טעאַטער אין אַרגענטינע, וויסען אַבער אַלע, איז נישט קיין זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע, איז נישט ווי דאָס געדרוקטע וואָרט. ווי אַרים עס איז געוואָרען דאָס ניו־יאָרק'ער טעאַטער אין די אויגען פון ברייטען עולם, איז ניו־יאָרק נאָך אַלץ דער קוואַל, אָהן וועלכען דאָס בוענאָס ־ איירעס'ער טעאַ־טער קען קיין עטליכע חדשים נישט אויסהאַלטען — אַזאַ איבערצייגונג הערשט אין די אַרגענטינער טעאַטער ־ קרייזען.

אין משך פון די 38 יאָהר, זינט עס איז גע־געבען געוואָרען די ערשטע אידישע טעאַטער ־ פאָר־שטעלונג אין בוענאָס־איירעס, וועלכע האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט שפּורען, איז געוואָרען אַלץ ־ מעהר־אָנגענומען די סיסטעם, אַז אַקטיאָרען, וועלכע ווי־לען קומען אַפילו פאַר אַנסאַמבלען, דאַרפען ניט זיין קיין אָנפאַנגער, נאָר מוזען שוין האָבען אַ נאָ־מען. ווייניג זענען אויפגעקומען אינם לאַנד גופא. בעת די היינטיגע שרייבער זענען געקומען, ס'רוב, אין עלטער פון צוואַנציג יאָהר און נאָך אינגער, זענען די היינטיגע אַקטיאָרען געקומען אין לאַנד וויט אריבער דער עלטער פון צוואַנציג יאָהר. די, וועלכע געהען אַרוים פון דעם כלל, זענען געקומען קיין אַרגענטינע אין זכות פון משפחה, אין זכות פון קרובים, באַקאַנטע שוישפּילער. דאָס טעאַטער דאַרף האָבען „באַקאַנטע" מאַרקעס, „באַוואוסטע", „פּאָ־פּולערע", אַפילו ווען די אַרטיסטען דאַרפען שפּי־לען אין אַנסאַמבעל, טיילמאָל אין עפּיזאָדען ־ ראָ־לען. טאָמער ווערט אַ שוישפּילער צו־היימיש, טויג עס נישט פאַרן טעאַטער — אַזאַ איבערצייגונג האָ־בען די אַקטיאָרען גופא — ווייל דער עולם וויל נייעס, נייעס. און וואו נעהמט מען אַזוי פיל נייעס?

איז דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענטינע

17) ווי באַרים טאָמאַשעווסקי און יעקב פּ. אַדלער אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון אידישען טעאַטער, ווען מ'האָט זיך געבאָדען אין געלט.

מקנא די אידישע צייטונגען. ווייל די צייטונגען, גרויסע טריבונעס פארן געדרוקטען ווארט, אויך פאר דער שעהנער ליטעראטור, ווערען געשטארקט דער׳־עיקר׳שט מיטן כוח פון ארטיגע, זעלבסט - דערצויגענע, לאקאל - אריענטירטע שרייבער, בעת דאס טעאטער לעבט נישט מיט׳ן כוח פון די ארטיגע. זעלבסט - דערצויגענע, לאקאל - אריענטירטע שוי־שפילער, זייער צאהל איז נישטיג, און דאס טעא־טער איז כסדר געווענדט צו אויסלאנד, צו נארד־אמעריקע, צו אייראפע אויך, אפשר ווער פון דעם אדער יענעם גאסטשפילער געזיכערט ווערען די עקזיסטענץ פון טעאטער אויף א דריטעל פון דעם זיבען - חדשים׳דיגען סעזאן פון יאהר (18).

אנטקעגען די אייראפעאישע ישובים האט אר־גענטינע א „פריווילעגיע" פון דער נאטור, צוליב וואס נארד־אמעריקאנער שוישפילער האבען בכלל אויסגענוצט דעם „טשענס", אויפצוטרעטען אין בוע־נאס־איירעס (19). קען זיין, אז אהן דער דאזיגער „פריווילעגיע" וואלט דאס אידישע טעאטער אין נייעם ישוב געווען געצוואונגען צו לעבען מיט׳ן איי־גענעם בלוט און די ארטיגע שוישפילער וואלטען אליין באדארפט זיך אויסקעמפען א רעכט, צו פאר־אינטערעסירען דאס פובליקום מיט זייערע אייגענע שאפונגס - כוחות. מען האט זיך אבער צוגעוואוינט, אז ער, זיין מאיעסטעט דער גאסטשפילער, איז דער איינציגער, וועלכער קען ברענגען דעם עולם אין טעאטער. עס ווערט אזוי ארום אטראפירט דער דראנג צו אומאפהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיג־קייט.

---

18) דער סעזאן פון אידישען טעאטער איז בוענאס־איירעס האלט אן, געווענליך, פון אפריל ביז אק־טאבער.

19) דאס, וואס אין ארגענטינע איז ווינטער, ווען איז נארד - אמעריקע אדער אייראפע איז זומער, לאקט זינט יארן די אויסלענדישע אידישע שוישפילער, וואס האבען אזוי ארום די געלעגענהייט צו שפילען אין דער צייט, ווען אין זייערע לענדער איז דער סעזאן געענדיגט.

בעת אין יעדער צייטונג איז ליכט צו באמער־קען אין דעם שרייבען פון פארשיידענע זשורנאליס־טען, פונקט ווי ביי שריפטשטעלער, א דראנג צו גייסטיגער אומאפהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיג־קייט, צו פארנעהמען אן ארט אין שרייבען, ווי אין לעבען, ווערען די דאזיגע טענדענצען אפגעטוהן פון טעאטער, אפגעוואשען און אפגעווישט מיטן שוואם פון אומגלויבען און צווייפעל.

יעדער נייער פרואוו אין געדרוקטען ווארט רופט ארויס נייגעריגקייט און מ'ווארט מיט אינטע־רעס צו זעהן, וואס וועט דערפון ארויסקומען.

יעדער נייער פרואוו אין טעאטער, געשטיצט אויף די ארטיגע כוחות, געפינט אן אוועקמאכען מיט דער האנט, א פריהצייטיגען אורטייל, אז ס'איז „אומזיסט די טרחה", צו שטעלען א טעאטער אויף זיך אליין.

בליהט דאס אידישע געדרוקטע ווארט אין ארגענטינע — און עס איז שוין דא צווייט פון דער נייער אידישער ליטעראטור — פארזייהט מיט קער־נער פון אייגענעם לאנד און געשניטען אינם לאנד פארן לאנד. בעת דאס אידישע טעאטער בליהט אויך — און עס זענען דא א רייהע טאלאנטירטע שוישפילער אין דער היפשער משפחה — אבער עס לעבט מיט א פרעמדען פאטענט, נישט אויף די נעמען פון די היגע שוישפילער, נאר אויף אויס־לענדישע נעמען . . .

ווען דער ישוב געהט אריין אין די 50־גער, דארף ער באטראכט ווערען ווי א מאן אין די פופ־ציגער, ווי אין דער צייט פון דער גרעסטער פאר־אנטווארטליכקייט, ווען מ'דארף ערנסט אפהיטען דעם נאמען, דאס ווארט, דעם סטאזש, די אויטאריטעט. אויפן וועג צו דער דאזיגער אויטאריטעט גע־פינט זיך דער ארגענטינער אידישער ישוב און די צוויי וויכטיגסטע אויסדרוקען פון זיינע קולטור־שאפונגען: דאס געדרוקטע ווארט און דאס טעאטער.

— II —

דער פּעריאָד פון די פּיאָנערען

ווען דער ארבייטסלאָזער מיכל הכהן סיני האָט אין דער גרויסשטאָדט ארומגעזוכט אַ באַשעפטיגונג, וועלכע ס'איז באַשעפטיגונג, און איז געפאַלען אויף דער המצאה, ארויסצוגעבען צוזאַמען מיט יואל ראָזענבליט'ן אַ בלאַט, האָט ער באַשטימט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער דאָזיגער געדאַנק וועט געבען אַזוי פיל פרוכט. דער גרעסטער בעל־חלומות האָט זיך דאָס נישט געקענט פאָרשטעלען אין זיין דמיון (20).

עס איז געווען אַן אמת'ער בראשית. פּיאָנערען ־ ארבייט אין אַלע הינזיכטען. נישט געווען אַפילו קיין אידישע דרוקעריי ־ שריפט און דער, וואָס האָט פאַרטראַכט דאָס ערשטע אידישע בלאַט, האָט עס באַדאַרפט אַליין אויס'כתיבה'ן (21) פון אָנהויב ביזן סוף. האָט מען געוואָלט האָבען דרוקעריי־שריפט פאר אַ וואָכענבלאַט — און דאָס איז שוין געווען ניין יאָהר נאָכדעם, ווי אידען האָבען געוואוינט אינם לאַנד — האָט מען ערשט באַדאַרפט דאָס ארויספאָדערען פון ענגלאַנד. און, אַז די שריפט איז פון ענגלאַנד נישט אָנגעקומען, האָט מען איז

20) מיכל הכהן סיני האָט געשריבען אינ'ם ערשטען נומער „וויעדער־קול”: „לאָמיך זיין דער ערשטער... כ'וויל פּרובירען . . . ”

21) „וויעדער־קול”, רעדעגירט פאָן מיכל הכהן סיני”. האָט געהאָט פיר זייטען, עפּעס קלענער פון אַ גרויסען צייטונגס ־ פאָרמאַט; עס זענען דערשינען דריי נומערען, אַלע ליטאָגראַפירט; דער רעדאַקטאָר אַליין האָט דעם גאַנצען מאַטעריאַל אויסגעכתיבה'ט אויף שטיין.

בוענאָס־אײרעס אויסגע׳כתיבה׳ט אותיות (22), זײ אויסגעגאָסען און מיט דער דאָזיגער שריפט האָבען אָנגעהויבען דערשײנען די ערשטע צװײ אַרגענטינער אידישע װאָכענבלעטער, „דער אידישער פאָנאָגראַף״ און „דיא פאָלקס שטיממע״. און, אַזױ װי עס זענען נישט געװען גענוג אידישע זעצער, האָט מען באַדאַרפט מאַכען אידישען זאַץ מיט אַ קריסטליכען זעצער (23).

די אַרגענטינער אידישע זשורנאַליסטיק איז, בכן, די פּיאָנערין אויך פון אידישען דרוקערײ־װעזען. אין אַ װילנע, פּעטערבורג, װאַרשע, לאָנדאָן אָדער ניו־יאָרק זענען געװען אידישע דרוקערײען אַ סך פריער פאַר דער זשורנאַליסטיק. אין אַרגענטינע איז געװען אַ פאַרקעהרטער פּראָצעס. אַדאַנק דער זשורנאַליסטיק איז אויפגעקומען דאָס דרוקערײ־װעזען, װאָס װערט אויסגענוצט גלײכצײטיג פאַר כ׳ערלײ מינים געזעלשאַפטליכע צװעקן און אַפילו אין געװעהנליכען פאַמיליען ־ לעבען, װאו אידישע שריפט װערט באַנוצט פאַר אײנלאַדונגען אויף שמחות וכדומה.

אָנהויבענדיג פון שריפט און ענדיגענדיג מיט דער רעדאַקציאָנעלער אַרבײט, איז דאָס אַרויסגעבען אַ אידיש בלאַט אין בוענאָס־אײרעס געװען

---

22) אַדאַנק מיכל הכהן סיני׳ס כתיבה־טאַלאַנט זענען דערשינען די ערשטע דרײ אידישע בלעטער אין אַרגענטינע. סיני׳ס כתיבה ־ טאַלאַנט האָט אַ שם אין דער געשיכטע פון דער פּיאָנערען ־ זשורנאַליסטיק „עס איז אַ פאַקט — שרײבט פּ. כ״ץ — אַז כמעט די אַלע אידישע זשורנאַליסטען אין אַרגענטינע, פון דער ערשטער צײט, צײכענען זיך אויס מיט זײער קאַליגראַפישער קונסט... װאָרום איז אַ געװיסען זינען זענען זײ געװען מעהר קאַליגראַפען װי שרײבער״ („צו דער געשיכטע״, ז. 51).

23) געװען סקאַנדאַלען, אין 1898, אַרום די פּראַגען פון אידישער שריפט און זעצער. „דער אידישער פאָנאָגראַף״ האָט אָנגעקלאָגט „דיא פאָלקס שטיממע״ אין צו׳גנב׳ענען בײ איהם שריפט, אויף װאָס ער האָט געהאַט די אויסשליסליכע רעכט, װײל „דער אידישער פאָנאָגראַף״ האָט די שריפט געלאָזט גיסען פאַר זיך,

פארבונדען מיט אויסטערלישע שוועריגקייטען, און עס איז, אפשר, דערפאר ניט שייך צו זוכען ניווא און קאנסעקוועגטקייט אין די אויסגאבעס. נאך ביז היינט, נאך צעהנדליגער יאהרען פון אויפשטייג אין געדרוקטען ווארט, ווען די ארגענטינער אידישע זשורנאליסטיק קאנקורירט שוין אפטמאל מיט דער אידישער זשורנאליסטיק פון אויסלאנד, בעת אויך אידישע ליטעראטור הויבט אן צו רופען אויפמערקזאמקייט, ווי ארגענטינער אידישע ליטעראטור, שטעהען פאר אויסגאבעס גרויסע פראבלעמען פון שרייבערישער עקזיסטענץ. אזוי ווי צייטונגען און זשורנאלען אין דער אידישער ארגענטינע קענען זיך פון לייענער אליין נישט אויסהאלטען און מוזען אנקומען צום אנאנסען - געבער, און עס איז גראד פאראן א גרויסער באדען צו באקומען אנאנסען, זענען די שרייבער נישט אינגאנצען אומאפהענגיג. דאס איז אויך היינט און נאכמעהר, אהן א שיער מעהר, איז דאס געווען אמאל.

עס איז קיין ספק נישט, אז אויב „דיא פאלקס שטיממע” איז דערשינען 16 יאהר נאכאנאנד, אלס א וואכענבלאט, און איז אונטערגעגאנגען ערשט נאכדעם ווי עס האבען זיך באוויזען און גענומען זיך איינבירגערען טעגליכע אידישע צייטונגען, איז די דאזיגע ארבייט געווען — ווערמאנט'ס ארבייט. וואס איז פאר אנדערע אויסגאבעס עד־היום געווארען א „טראדיציע”. פאר א פאר פעזעס, דורך אנאנסען אדער „גלאט אזוי”, האט מען געקענט ביי ווערמאנט'ן אריינשרייבען אין בלאט אריין, וואס דאס הארץ האט געוואלט, אדער דער רעדאקטאר האט דעם פאראינטערעסירטען איינגעשפארט אז ארבייט און אליין אריינגעשריבען, געזידעלט, אנבאגראבען, ווי עס האט געלוינט פאר דעם, וועלכער האט געגעבען די פאר טאלער. איינער, וואס האט באצאהלט פאר זיין אבאנאמענט אויף דער צייטונג, איז אויך פאר דער רעדאקציע געווען א פריווילעגירטער מענש און האט געקענט פאדערען, אז מ'זאל איהם דרוקען אדער אריינשרייבען, וואס ער פארלאנגט . . .

נאך עד־היום קען מען הערען פון א סך אידען, ווי זיי קומען אין א גרויסער אידישער צייטונג מיט

אַ בקשה אָדער גאָר מיט אַ פֿאָדערונג און שטעלען זיך פֿאַר:

— כ'בין אַ „סאָסיע" (24) פֿון דער צייטונג...

נישט־ווילענדיג, על פּי צופֿאַל, וואָס זיי באַנוצען אנשטאָט „אַבאָנענט" דאָס וואָרט „סאָסיע", דריקען אויס אַ סך מענשען זייער קוק אויף דער צייטונג. דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אַ ירושה פֿון אַלטע צייטען, ווען אברהם ווערמאָנט, וועלכער איז צום לענגסטען אָנגעגאַנגען מיט אַ רעגולערער אויסגאַבע, האָט איינגעוואָרצעלט אַזאַ טראַדיציע. געגען דער דאָזיגער טראַדיציע קומט אויס דעם ערנסטען אידישען געדרוקטען וואָרט צו ראַנגלען זיך ביזן היינטיגען טאָג (25). הן פּערזאָנען, הן אינסטיטוציעס האָבען זיך צוגעוואוינט, אַז די אויסגאַבעס זאָלען דרוקען מעלדונגען און אָפּשאַצונגען וועגען זייערע אַרבייטען, ווי זיי ווינשען זיך. נישט איין סעקרעטאַר פֿון אַן אַנשטאַלט, זעהענדיג זיינע נאָטיצען געדרוקט אין דער אויסגאַבע נישט ווי ער האָט זיי געשריבען, נאָר געענדערט, ווען אַפֿילו ס'איז בלויז געקירצט, וואָס איז אין גרונט געווען נויטיג צו קירצען, האָט געפּרואווט צו שטעלען זיין אינסטיטוציע אָדער פּריוואַטע אונטערנעהמונג געגען דער צייטונג אָדער זשורנאַל, וואָס האָט איהם מעיז־פּנים געווען. דאָס זענען איבערגעבליבענע שוואַכקייטען פֿון דעם פּיאָנערען־פּעריאָד אין אַרגענטינער אידישען געדרוקטען וואָרט.

האָט מען באַדאַרפֿט לאַנג פֿיהרען אַן עקשנות'דיגען קאַמף. דער דאָזיגער קאַמף איז די בעסטע רעקאָמענדאַציע פֿאַרן געדרוקטען וואָרט.

ווען ס'ווערט געמאַכט אַ סך־הכל צום פֿופֿציג־

---

24) „סאָסיע" האָט אַ טאָפּעלטען זין: „סאָסיאָ" איז אַ שותף און „סאָסיאָ" הייסט אַ מיטגליד פֿון אַן אינסטיטוציע. מ'באַנוצט דאָס שפּאַניש וואָרט אין אידיש.

25) מ'קען צוזאַמענשטעלען אַ לאַנג צעטעל פֿון פּערזאָנען און בלעטער, וועלכע זענען אַריינגעלעגט געוואָרען אין חרם און באָיקאָטירט געוואָרען אויפֿן שאַרפֿסטען אופֿן. באָיקאָט און חרם זענען אין משך פֿון צעהנדליגער יאָהרען זעהר־אָפֿט באַנוצט געוואָרען געגען בלעטער און שרייבער אין אַרגענטינע.

יאָהריגען יובילײ פון דעם ישוב און מען פרעגט זיך. וואו, אויף וועלכען געביט, איז פּאַרצייכענט געוואָרען דער גרעסטער אויפטו פון דעם אידישען לעבען אין אַרגענטינע, אַז אויפטו וואָס אימפּאָנירט זיך, אין לאַנד גופא און אין גאַנץ אויסלאַנד. אַלץ מעהר און מעהר, פאַלט דער ענטפער בלי־שום ספק אויף דער זשורנאַליסטיק, אויף דעם צייטונגס־וועזען.

דער, וועלכער שאַצט דעם אַרגענטינער אידישען ישוב הינטער די אויגען, פון דער ווייטענס, האָבענדיג פאַר זיך בלויז די צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען אין בוענאָס־איירעס אין 1939, שטעלט זיך געוויס פאַר, אַז דער ישוב איז אַ סך גרעסער ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. שאַצענדיג לויט די צייטונגען, שטעלט מען זיך פאַר, אַז די אַרגענטינער אינסטיטוציעס זענען אַ סך גרעסער ווי זיי זענען אין דער ווירקליכקייט. די בוענאָס־איירעס׳ער אידישע צייטונגען זענען די פאַרגרעסערגלעזער אויף דער געזעלשאַפטליכקייט . . .

גאָר אַנדערש, אַן אַנדערע פּראָפּאָרץ, איז געווען צווישען אַרגענטינער געדרוקטען אידישען וואָרט און דעם ישוב ביי זיין אַנטשטעהונג. „אויב עס איז אמת דער כלל — האָט געשריבען דוד גאָלדמאַן צום 25־יאָהריגען יובילײ פון ישוב, אין 1914 — אַז ווי די געזעלשאַפט, אַזוי איז די פּרעסע, מוזען מיר, אַרגענטינער אידען, זיין אַן אויסנאַהם פון כלל, מחמת אונזער פּרעסע שטעהט אויף אַ פילנידעריגערער גייסטיגער שטופע ווי אונזער געזעלשאַפט... די מעהרסטע אידישע צייטונגען, וואָס זענען דאָ דערשינען ניט אַלס פּאַרטיי ־ אָרגאַנען, זענען באַשאַפען געוואָרען, אָדער מיטן צוועק צו האָבען אַ מאַכט אין דער געזעלשאַפט, אָדער אַלס מיטעל צו זאָגען דעם עולם מוסר... דערצו האָט נאָך יעדער אַבאָנענט, וואָס האָט געצאָהלט, עס באַטראַכט אַלס חוב פון דער רעדאַקציאָן צו דרוקען זיינע פאַרפאַסונגען... וואָס אַנבאַלאַנגט די שפּראַך, וואָסער איך קען דאָס ניט שרייבען זשאַרגאָן?״ (26).

(26 „די יודען אין אַרגענטינע״, ז. 48 ־ 49.

דער ישוב אין דער פּיאָנערען - צייט, ווי קליין ער איז געווען אין צאָהל, איז דערצו נאָך געווען צעריסען. געווען אַן אַטמאָספערע, וועלכע האָט נישט געלאָזט פריי אָפּאָטעמען. דאָס איז געווען די אַטמאָספערע פון די טמאים, וועלכע האָבען אין בוענאָס איירעס געגרינדעט „אַ אידישע געזעלשאַפט". נאָך איידער דאָ איז געגרינדעט געוואָרען דער ריכטיגער ישוב, וואָס האָט יענע „געזעלשאַפט" אויסגעריסען מיטן וואָרצעל. דער „איד פון בוענאָס-איירעס", וואָס איז דורך שלום-עליכמ'ס דערצעהלונג פריקרע פּאָפּולער - געוואָרען, האָט נישט געלאָזט דעם ניי - אויפקומענדיגען ישוב איינהאַלטען אַ גלייכגעוויכט. דאָס ווידערגעפיהל צו די טמאים און דער דראַנג פון די נייע אימיגראַנטען, זיך אָפּצוטיילען אין פּריוואַטער ווי אין געזעלשאַפטליכער סביבה, האָט געהאַלטען כסדר אויפגעשטורעמט דאָס אידיש לעבען. רק מען האָט געגישטערט. רק מען האָט קאָנטראָלירט. רק מען האָט נאָכגעפאָרשט, צי אייגענע מענשען האַלטען נישט אָן קיין באַציהונגען מיט „יענע". און, היות די טמאים האָבען געלאָקט דעם אימיגראַנטישען הענדלער, בעל-מלאכה אָדער שטיקעל אינטעליגענט (27), געבענדיג צו פאַרדינען „אַ לייכטען טאָלער", אַזוי לייכט ווי מען האָט עס ביי קיינעם נישט געקענט פאַרדינען, זענען אידען געווען כסדר אין צושטאַנד פון אויפרעגונג. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז וואַרפען אויף עמיצען אַ פאַרדאַכט, אַז ער האַלט אַן באַציהונגען מיט טמאים, געווען איינע פון די לייכטסטע זאַכען. יאָ אמת, ניט אמת, נאָר באָדען פאַר חשדים, באַשולדיגונגען און רכילות זענען געווען אויף טריט און שריט. אַזוי איז אברהם ווערמאָנט, דער רעדאַקטאָר פון „דיא פאָלקס שטיממע", באַטראַכט געוואָרען פון אַ סך ווי „אַ זייערינגער מענש". כאָטש ווערמאָנט האָט אין זיין וואָכענבלאַט געדרוקט שטירמישע אַרטיקלען און אויפרופען געגען די פרויענהענדלער, האָט דאָס

---

27) געווען אַ רייע אַזעלכע אינטעליגענטען, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער דער באַשולדיגונג, אַז זיי האָבען געפיהרט די קאָרעספּאָנדענץ אין די „הייזלאָך".

איהם נישט באשיצט פון די באשולדיגונגען, אז ער איז אליין א צייט לאנג געווען אן „אונטערוועלט־מענש", און אז מיט זיינע אטאקעס אויף די טמאים האט ער נאר פארדעקט זיין אמת'ע פאזיציע . . . אין א בראשור, וואס איז פארשפרייט געווארען געגען אברהם ווערמאנט'ן (28), ווערט דער רעדאקטאר פון „דיא פאלקס שטיממע" פארגעשטעלט ווי „א שאנדע פאר דעם יודענטום אין בוענאס־איירעס": ער זאל זיך האבען גע'שמד'ט אין סטאמבול, וואו ער זאל האבען געווען ביי א פעטער, וועלכער איז טאקע געווען א „פעטער"; אויך אין בוענאס־איירעס זאל ער האבען פארדינט ביי אזעלכע „געשעפטען" (און דערביי זענען אנגערופען געווארען נעמען פון „הייזער", מיט נומערען) — און וואס אין דער קארט . . .

זענען געווען אזעלכע, וואס האבען דערוויזען מיט פארשיידענע ארגומענטען, אז די דאזיגע באשולדיגונגען געגען ווערמאנט'ן זענען נישט מעהר ווי בילבולים פון שונאים, וועלכע האבען נישט געקענט אויף אן אנדערען אופן זיך געגענשטעלען דער פעדער פון רעדאקטאר. איינע האבען געזאגט: „קנאת־סופרים". אנדערע האבען געזאגט: „ווערמאנט איז אויך געווען אומ'ברחמנות'דיג אנטקעגען זיינע קאנקורענטען. ער פלעגט מורא'דיג זידלען, סיי געזעלשאפטליכע טוער, סיי שרייבער. אז ער האט זיך צעקריגט מיט א מענשען, האט דער מענש געמעגט נישט האבען קיין שייכות צו כלל־טוערייי אדער שרייבעריי, פלעגט ער איהם אויך „אנבאגראבען", ווי נאר ער האט דאס געקאנט באווייזען. ער פלעגט אויסגעפינען צרות פון משפחה־לעבען און עם אויסדערצעהלען פאר דער גאנצער וועלט — אבי זיין געגנער זאל איהם האבען צו געדענקען... און, אזוי

---

28) „די אלטע מכה פון זידלערייא פון א ווערעמדיגען רעדאקטאר פון א פאלקס שמאטע", 12 ז., אונטערגעשריבען „א יודישער אקטיאר", געוויס איז דאס געווען א פסעוודאנים פון ז. לעווין, רעדאקטאר פון „דער פאוק" און מחבר פון דער פיעסע „ווערמאנט אויף דער קאטרע", אין וועלכער ז. לעווין האט געשפילט די ראלע פון ווערמאנט'ן.

ווי צרות פון משפחה ־ לעבען האבען דעמאלט נישט
געפעהלט און פלעקען איז ניט שווער געווען אויס־
צוגעפינען, זענען די פיאנערען ־ בלעטער דערשינען
אין דער שווערער און שטיקענדיגער לופט פון א
ישוב, וואס האט געקעמפט אפצוגרעניצען זיך פול־

די אלטע מגלה פון זלערייא פון א ווערעמדיגען רעדאקטאר פון א פאלקס שמאטע

הילע פון דער ערשטער ארגענטינער אידישער בראשור, ליטאגראפירט, משמעות אין 1901, א פאמפלעט פון ז. לעוויז געגען א. ווערמאנט

שטענדיג פון די, וועלכע האבען פריער אין דעם
לאנד פאראומרייניגט דעם אידישען נאמען . . .

אין אזא שווערער אטמאספערע, אנגעלאדען
מיט באשולדיגונגען, רכילות און חשדים, איז אויס־
געקומען די ערשטע צוויי טיכטיגסטע און פאפו־
לערסטע ארגענטינער אידישע זשורנאליסטען זיך

צו אנטוויקלען. יעקב שמעון ליאכאָוויצקי (29), איינער פון די דריי שרייבער, וועלכע האָבען דעבו־טירט אין „וויעדער־קול" (30), האָט געהאַט אויס־צושטעהן נישט ־ ווענינער ווי אברהם ווערמאַנט. פאַרקעהרט: כאָטש די זינד, וועלכע זענען צוגעשרי־בען געוואָרען ווערמאַנט׳ן, זענען געווען האַרבערע ווי ליאכאָוויצקי׳ס, פונדעסטוועגען איז ליאכאָוויצ־קי לענגער און ביטערער באַקעמפט געוואָרען ווי ווערמאַנט. די באַשולדיגונג, אַז ווערמאַנט איז גע־ווען אַ מחותן מיט פרויענהענדלער, איז לויט די דעמאָלטיגע דאגות פון ישוב געווען אַ שווערערע ווי דאָס, אַז ליאכאָוויצקי איז נישט געווען קיין אויסגעהאַלטענער מענש אין כלל ־ פראַגען, איז גע־גאַנגען גלייכצייטיג מיט ציוניסטען און מיט אנאַר־כיסטען, האָט געזוכט צו ווערען אַ שתדלן ביי מלכות און אין געוויסע פאַלען געווען נישט איז אָרדנונג מיט חשבונות. דאָך האָט מען אין די שפּעטערע יאָהרען מוחל־געווען ווערמאַנט׳ן און אַפילו די קריי־טיקער זיינע האָבען צונויפגעקליבען לעגענדעס, וואָס זיינע פריינד האָבען פאַרשפּרייט (31). צו ליאכאָ־

---

29) עס זעהט אויס מאָדנע, וואָס פּ. כ"ץ, אין זיין בוך „צו דער געשיכטע", וואו ער דערצעהלט כל׳ערליי פאַרבאָרגענע מעשים און מעשיות וועגען ליאכאָוויצ־קי׳ן, רופט איהם כסדר אַז „יעקב שלום", בעת פאַר קיינעם איז נישט געווען פאַרבאָרגען, אַז ליאכאָוויצ־קי האָט גאָר געהייסען י ע ק ב ש מ ע ו ן.

30) אין מיכל הכהן סיני׳ס „וויעדער־קול" האָט גלייך אינם ערשטען נומער דעבוטירט אַ. ווערמאַנט און אינם צווייטען נומער — י. ש. ליאכאָוויצקי.

31) פּ. כ"ץ, וועלכער שטעלט אַרויס ליאכאָוויצקי׳ן „צו דער געשיכטע" אויף חוזק, האָט איבערגעגעבען די לעגענדע, אַז ווערמאַנט, געדראָהט פון רופּיאַנעס, האָט אַרויסגענומען פון „דיא פאָלקס שטיממע" אַ נאָטיץ וועגען אַ פרויענהענדלער, וואָס איז געפאָהרען קיין אייראָפּע, אָבער אין געהיים האָט וו. אין עטליכע עק־זעמפּליאַרן יאָ אָפּגעדרוקט דעם נאָטיץ און דאָס אוועק־געשיקט קיין אייראָפּע, כדי מ׳זאָל זיך היטען פאַר דעם אַלפאָנס, (פּ. כ., ז. 49).

וויצקי׳ן איז אָבער געבליבען דער האַס און צאָרן אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען צוריקגע־צויגען פון די זשורנאַליסטישע שלאַכט־פעלדער און האָט בלויז פון צייט צו צייט אָפּגעדרוקט אַרטיק־לען, וואָס זאָלען קיין דיסקוסיע נישט אַרויסרופען. אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל פון קליינער באַדיי־טונג (32).

אָט אַזאַ פיינליכע אַטמאָספערע איז געשאַפען געוואָרען פאַרן שרייבער אין דער פיאָנערען ־ צייט פון אידישען געדרוקטען וואָרט אין אַרגענטינע.

32) אין די לעצטע 15 יאָהר פון זיין לעבען האָט ליאַ־כאָוויצקי גערופען די אויפמערקזאַמקייט בלויז מיט זיין סעריע אַרטיקלען וועגען די ערשטע אידען אין בוענאָס איירעס, געדרוקט אין „דאָס פאָלק" אין 1925.

די ערשטע פּאָפּולערע אויסגאַבעס און זייערע פּאָפּולערע שרייבער

שוין אין דער פּיאָנערען־צייט פון אידישען געדרוקטען וואָרט האָט זיך גענומען אָפּשפּיגלען דאָס לעבען פון נייעם ישוב מיט זיינע פאַרשיידענע טענדענצען, כאַראַקטערס, שטרעבונגען און דאגות.

דער „וויעדער־קול”, די ערשטע אויסגאַבע, האָט געלעבט צו־קורץ, צו קענען קריגען אַ קלאָהר־אויסזעהן און ווירקונג. דאָרטען איז געווען אַ געמיש פון באַלעבאַטישקייט און משכיל'ישער רע־וואָלוציאָנערישקייט, בונטאַרישקייט געגען דער יק״א און דרך־ארץ פאַר דער יק״א — יעדער איינער פון די דריי דערשינענע נומערען האָט געהאַט אַן אַנדער פּנים. אַנדערש איז אָבער געווען מיט די אַנ־דערע צוויי אויסגאַבעס, וועלכע זענען דערשינען אין דעם זעלביגען יאָהר — 1898 — און געהאַט אַ לענגער לעבען: „דיא פאָלקס שטיממע” און „דער פּאָנאָגראַף”. זיי האָבען באַלד פון אָנהויב אָן באַ־קומען אַן אייגען פּנים, וואָס זיי האָבען קאָנסער־ווירט אין משך פון זייער גאַנצער עקזיסטענץ.

„דיא פאָלקס שטיממע” איז מיט אַלע איהרע חסרונות געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון פאָלק, פון דער מאַסע.

„דער פּאָנאָגראַף”, דאַגעגען, איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ באַגרעניצטען באַלעבאַטישען עולם, וואָס האָט געוואָלט לעבען מיט אַלע באַלעבאַ־טישע טראַדיצעס פון דעם קליינעם שטעדטעל אין דער אַלטער היים.

„דיא פאָלקס שטיממע” איז געווען אַ טרייער שפּיגעל פון דער שווערער אטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין אַרגענטינע אינם קאַיאָר פון ישוב. אזוי ווי ביי דער מאַסע איז די גאַנגבאַרסטע טעמע

געוועזן איבער די טמאים, האָט מען אין „דיא
פּאָלקס שטימע" אַ סך געשריבן איבער און געגען
די טמאים. אַזוי ווי פּאַרדעכטיגען מענשען אין אָנ־
געהערען זיך צו „יענע" איז געוועזן איינע פון די
געוועהנליכע, טעגליכע דערשיינונגען, האָט דער רע־
דאַקטאָר פון „דיא פּאָלקס שטיממע" אויפגעכאַפּט
די דאָזיגע פאַרדאַכטען און זיי צעשמירט. אַזוי ווי
זידלען זיך, ווי אויף אַ מאַרק, איז געוועזן אַ פּשוט'ע
זאַך, האָט „דיא פּאָלקס שטיממע" (לויטן באַליבטען
אויסדרוק פון רעדאַקטאָר) „באַוואַשען מיט טינט"
יעדען געגנער זיינעם. גלייכצייטיג האָט אָבער „דיא
פּאָלקס שטיממע" דערשפּירט און ריכטיג אינטער־
פּרעטירט די געזונטע באַדערפעניסען פון דעם דע־
מאָלטיגען אידישען לעבען, הן אין דער גרויס־
שטאָדט, הן אין די קאָלאָניעס. אַזוי ווי די אידען
אין בוענאָס־איירעס, „גרינע", עלענטע, אָרימע, האָ־
בען זיך גענויטיגט אין אָרגאַניזאַציעס פון געגענ־
זייטיגער הילף, האָט ווערמאָנט אומאויפהערליך גע־
רופען, צו גרינדען און אויסהאַלטען פאַראיינען פאַר
פילאַנטראָפּישע צוועקען. די עלטסטע בוענאָס־
איירעס'ער אידישע אינסטיטוציעס האָבען דערפאַר
אַרויסגעוויזען אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו ווערמאָנט'ן
(33). בעת שרייבער האָבען צומאָל נישט ריכטיג
פאַרפיקסירט די דאַטע פון זיין טויט (34), האָבען
די אָנגעזעהענסטע אידישע אינסטיטוציעס אָנגערו־

33) אויף דער מצבה פון ווערמאָנט'ס קבר אויפן בית־
עולם אין ליניערס זענען אונטערגעשריבען די נעמען
פון „חברה קדישא", „ביקור חולים" און „מושב זקנים",
וועלכע ער האָט געהאָלפען גרינדען אַלס „פּאַרטיידי־
גער פון עמיגראַנטען".

34) אין רייזענ'ס „לעקסיקאָן" ווערט אָנגעגעבען, אַז
ווערמאָנט איז געשטאָרבען „אַרום 1914"; פּ. כ"ץ
גיט אַז „צו דער געשיכטע", אַז ווערמאָנט איז גע־
שטאָרבען אין 1918.ביידע דאַטעס זענען נישט ריכ־
טיג. אויף אברהם ווערמאָנט'ס מצבה איז גענוי אָנ־
געגעבען: געבוירען דעם 16־טען דעצעמבער 1868 אין
גאַלאַץ און געשטאָרבען ד ע ם 6־ ט ע ן ד ע־
צ ע מ ב ע ר 1 9 1 6.

פען ווערמאַנט׳ן „פּאַרטיידיגער פון עמיגראַנטען״.
ווערמאַנט האָט ווירקליך זיך איינגעשטעלט פאַר
דער אָרגאַניזירונג פון כּלל ־ אינסטיטוציעס אין
בוענאָס ־ איירעס, פּונקט ווי ער האָט זיך איינגע־
שטעלט פאַר די באַ׳עוולה׳טע קאָלאָניסטען אין
זייער קאַמף געגען דער יק״א.

ווערמאַנט, וועלכער איז פאַר זיין קומען אין
אַרגענטינע געווען אַ לאַנגע צייט אָפּגעריסען פון
אידען און האָט זיך גע׳יחוס׳ט דערמיט, וואָס ער
איז געווען אַ שרייבער ביי גויים (35), איז אין אַר־
גענטינע געוואָרען דער פאָנענטרעגער פון קהלה־
אידישקייט.

אַלס שרייבער איז ווערמאַנט געווען, פּונקט
ווי אין זיין לעבען, אַ געמיש פון צוויפּעלהאַפטער
ריינקייט און סענסאַציאָנאַליסטישער צוציהענדיג־
קייט, לויט די באַגריפען פון זיין צייט. ער האָט
געקענט טייל שורות אָנשרייבען קאָנצענטרירט, בינ־
דיג, קלאָהר, צום ענין, אָבער באַלד פלעגט ער
אַראָפּגעהן פון וועג, אַריינמישען זייטיגע זאַכען.
טיילמאָל ווייטע, וואָס האָבען גאָרניט געהאַט צו טון
מיטן ענין, זיך באַנוצען מיט דייטשמערישקייט און
זוכען צו פאַרקלאַפּען די קעפּ פון לייענער מיט אַ
סך נעמען און ווערטער, פאַר וועלכע דער פּראָס־
טער עולם פלעגט נתפּעל־ווערען. ער האָט געקענט
שרייבען אָהן אַ שיער וועגען פּאָרטוגאַל, טערקיי,
עגיפּטען, פּונקט ווי וועגען ארץ ־ ישראל, גריכענ־
לאַנד, און דער׳עיקר׳שט וועגען מצרים, האָט גע־
שריבען וועגען אַלץ, ווי פון אַ סידור אַרויס, און
ס׳איז שטענדיג געשטאַנען אונטער אַ פראַגע, צי
ער האָט דערצעהלט, וואָס ער האָט געוואוסט, אָדער
ער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט דערצעהלט. גע־
לערענט האָט ער יאָ, נאָכמעהר האָט ער געהאַט
דערפאַהרונג, די וועלט פון די פרויענהענדלער האָט

---

35) ווערמאַנט׳ס אמת׳ער פאַמיליע ־ נאָמען איז גאַר גע־
וועזן גרינבערג. אַ באַקאַנטע רומענישע פאַמיליע. גע־
בילדעטע מענשען און קינסטלער געווען אין דער
משפּחה. דער טאַטע איז געווען אַ שוחט, אָבער צווי־
שען די קינדער זענען געווען משומדים.

דאָס אידישע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע

ער גלענצענדיג געקענט — האָט ער געהאַט איבער־
גענוג סענסאַציאָנעלען שטאָף פאַרן לייענער.

חלוצים הראשונים

ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו...

דאס ווערה־געשריי פון די צוואנציג יאהריגע קאלאניסטען

ביי דער יק״א אין ארגענטינא

זעקה גדולה ומרה!

מחברו: אחד האכרים

— קאלאניע מאוריציא —

יאנואר 1911

די הילע פון מרדכי אַלפּערסאָנ׳ס בראָשור „חלוצים ראשונים״, געדרוקט אונטער׳ן פּסעוודאָנים „אחד האכרים״, אין 1911

אברהם ווערמאָנט איז געווען דער ערשטער אַרגענטינער אידישער זשורנאַליסט פאַר א סענ־

סאַציאַנעלער צייטונג.

אַט־דער חוש פאַר די פאָלקס ־ באַדערפעני־שען פון דעם יונגען ישוב, דאָס זיין אַריינגעפּאַסט אין דער שווערער אַטמאָספערע און די נייגונג צו סענסאַציאָנעלקייט, איז געווען דער סוד, וואָס „דיא פאָלקס שטיממע" האָט געהאַט מעהר דערפאָלג פון אַלע אַנדערע אויסגאַבעס אין די ערשטע צוויי צעהנדליג יאָהר פון אידישען געדרוקטען וואָרט. „די מעהרסטע פון דיזע צייטונגען — האָט דוד גאָלד־מאַן פעסטגעשטעלט, נאָך אין 1914, אין זיין בוך „די יודען אין ארגענטינע" (36) — זענען אוועקגע־שטאָרבען גאָר יונג. איינינע האָבען ניט דערלעבט צו זעהן די שיין מעהר ווי איין מאָל, אַנדערע צוויי מאָל, נאָך אנדערע דריי מאָל, יונגינקע עופה'לעך זענען זיי אוועקגעשטאָרבען און על פי רוב צוקרי־פעלטע, קאַרליקעס, וועלכע האָבען אפילו קיין זכר ניט איבערגעלאָזען הינטער זיך, אַפילו זייערע נע־מען זענען פאַרגעסען געוואָרען". אין דער הינזיכט איז „דיא פאָלקס שטיממע" געווען אַן אויס־נאָהם. ארום זעכצעהן יאָהר האָט זי עקזיסטירט כמעט אָהן איבעררייס, ביז עס האָבען זיך באַפעס־טיגט די ערשטע טעגליכע צייטונגען (37). ביי אַלע חסרונות, וואָס זי האָט געהאַט, געהערט איהר אָבער דער פאַרדינסט פון צוגרייטען אַ באָדען פאַרן גע־דרוקטען וואָרט און פאַרן שרייבער. אין „דיא פאָלקס שטיממע" איז אויסגעוואַקסען דער דעקאַן פון דער אידישער בעלעטריסטיק און פובליציסטיק אין ארגענטינע, מרדכי אַלפערסאָן (38).

לאָקאַליזם — דאָס איז געווען דער הויפּט־שטריך פון „דיא פאָלקס ־ שטיממע" און די דאָזיגע

---

36) ז' 43 — 44.

37) אין 1914, ווען ס'האָט אָנגעהויבען ארויסגעהן „די אידישע צייטונג"; מיט אַ יאָהר פריהער, אין 1913, האָט אָנגעהויבען דערשיינען „דער טאָג".

38) ווי אַלע קאָלאָניסטען אין יענער צייט, האָט מרדכי אַלפערסאָן, מורא־האָבענדיג פאַר דער יק"אַ, ס'רוב געשריבען אונטער זיין פסעוודאָנים „אחד האכרים". אונטער דעם דאָזיגען פסעוודאָנים געפינט זיך אויך אַלפערסאָנ'ס אַ בראָשור, אַ וועה־געשריי געגען דער יק"אַ, אין 1911.

אַרגענטינישע אָריענטאַציע האָט אברהם ווער־
מאַנט געבראַכט צום אויסדרוק באַלד פון ערשטען
נומער אָן (39). ער האָט געזוכט דורך אַלע מעגלי־
כע מיטלען צו באַווייזען, ווי אידען פאַרבינדען זיך
מיטן נייעם לאַנד, ווי מיט אַ שטענדיגער היים, אַ
טענדענץ וואָס איז אַ סך יאָהרען באטראַכט גע־
וואָרען ווי אַ „מה יפית", סיי צווישען די אָרטאָ־
דאָקסישע ציוניסטען, סיי צווישען די אָרטאָדאָקסי־
שע סאָציאַליסטען. אַפילו אין טייל בירגערליכע און
אויך אין טייל אַסימילאַטאָרישע קרייזען האָט מען
אַ סך יאָהרען נישט געקענט פאַרטראָגען פּאַטריאָ־
טישע מאַניפעסטאַציעס פון דעם מין (40).

דער היפוך פון „דיאַ פאָלקס שטיממע" איז גע־
ווען דאָס וואָכענבלאַט „דער אידישער פּאָנאָראַף".
עס איז גענוג אַ קוק־צו־טוהן אויף די שפּאַנישע
טיטלען פון דיביידע אויסגאַבעס, כדי צו זעהן
דעם כאַראַקטער פון יעדער איינציגער. „דיאַ פאָלקס
שטיממע" האָט אין טיטעל געהאַט אַ שפּאַנישע
אויפשריפט: „פּרימער אָרגאַנאָ א י ז ר א ע ל י ־
ט אַ ען לאַ אַמעריקאַ דעל סוד". „דער אידישער
פּאָנאָראַף" האָט מיט אַזאַ טיטעל זיך באַנוצט בלויז
אין אידיש, נישט אויף שפּאַניש, און אויף שפּאַניש
זיך באַנוגענט בלויז מיט דער אויפשריפט: „על
פּאַנאָראַפאָ ה ע ב ר אַ י ק אָ".

---

39) אינם ערשטען נומער פון „דיאַ פאָלקס שטיממע"
זענען אויף דער ערשטער זייט אָפּגעדרוקט געוואָרען
צוויי ריזיגע בילדער אונטערן שפּאַנישן טיטעל „אַר־
כענטינאָס אילוסטרעס", פון גענעראַל כוליאָ אַ. ראָקאַ
און גענעראַל באַרטאָלאָמע מיטרע.

40) אונטער דער ווירקונג פון זעקסטן סעפּטעמבער 1930,
נאָכן אויפשטייג פון נאַציאָנאַליסטישען קורס, איז,
ווי אויף דער גאַנצער וועלט, אויך אין די אַרבייטער־
קרייזען געענדערט געוואָרען די באַציהונג צו פּאַ־
טריאָטישע דעמאָנסטראַציעס. בעת פריער האָבען פּראָ־
לעטאַרישע און טייל נאַציאָנאַליסטישע שרייבער און
געזעלשאַפטליכע טוהער געלאַכט פון אַזעלכע אידען,
וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען פּאַטריאָטישע געפיהלען,
זענען פון 1938 אַפילו הייסע קאָמוניסטען געוואָרען
עפענטליך שטאַרקע „פּאַטריאָטעראָס".

„דיא פאָלקס שטיממע" — „איזראעליטא".
„דער אידישער פאָנאָגראַף" — „העבראיקא".

און, אַט אַזוי ווי דער נאָמען, אַזוי איז געווען די באַציהונג צו אַלע אידישע אַנגעלעגנהייטען. „דער אידישער פאָנאָגראַף", אַרויסגעגעבען אין בוענאָס-איירעס, האָט געמאַכט מעהר פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ-ישראל ווי פאַר אַרגענטינע.

רעדאקטירט פון פּאַביאַן ש. הלוי, האָט „דער אידישער פאָנאָגראַף" אויסגעדריקט די שטימונגען פון אמאָליגען באַלעבאַטישען, נאַציאָנאַלען, משכיל־יש־טראַדיציאָנעלען עולם, וועלכער האָט געשטעלט העברעאיש העכער פון אידיש, נישט געהאַלטען לחלוטין פון „גלות"-ישובים און מורא-געהאַט צו שטערען די רוה פון דעם שטילען, באַלעבאַטישען לעבען.

הלוי איז געווען אַ איד פון שלום-ושלוה'דיגקייט. אַ פּסוק פון אַ ספר אָדער אַ דייטשישען דיכטער האָט איהם שטענדיג מעהר פאַרכאַפּט ווי דאָס ברויזענדיגע לעבען. האָט ער געגעבען אַזאַ אויסזעהן אויך דער אויסגאַבע, וואָס ער האָט רע־דאַקטירט. ער איז נישט געווען דער מענש, וועל־כער זאָל דערצעהלען פון „טמאים"; נישט ער איז געווען דער מענש, וועלכער זאָל פיהרען אַ מלחמה געגען דער יק"א. צו וואָס דאַרף מען אין אַ באַלע־באַטישער אידישער שטוב וויסען פון אַזעלכע מלח־מות אָדער „בונטאָוושטשיקעס"? הלוי, אַ שטילער מענש, ווי אַ טויב, האָט אויך דורך זיין וואָכענבלאַט געשאַפען דעם איינדרוק, גלייך ווי עס וואָלט געווען שטיל אין אַרגענטינע, ווי אין אמאָליגען קליינעם שטעדטעל אין דער אַלטער היים... „דער אידישער פאָנאָגראַף" האָט דאָס שטורמישע לעבען פון דעם נייעם ישוב נישט אָפּגעשפּיגעלט און איז טאַקע דער־פאַר נישט געוואָרען איינגעוואָרצעלט (41).

צום אָנהויב פון אידישען געדרוקטען וואָרט

41) „דער אידישער פאנאגראף" איז דערשינען אַ קנאַפּ יאהר, אַרויסגעגעבען פון סאַלי בּאַראַק און ר. אבראַ־מאָף, „וועלכע האבען — לויט ווי עס האָט מיר מיטגעטיילט, צוזאמען מיט אַנדערע פּרטים, מיכל הכהן סיני — געגוג טויזענטער פּעזעס אין איהם אַריינגעבראַכט, ניט חלילה לשם פּרנסה".

דארף מען אויך מצרף־זיין א שרייבער, וועלכער האט אין יאהרען ארום געבראכט גרויסען כבוד און קאטעגאריע דעם אידישען ווארט: יעקב יאסעלעוויטש. אנגעהויבען אין „פאנאגראף", ווערט פארעכענט פאקטיש צו דעם שפעטערדיגען פעריאד, ווען ער האט געקענט ווייזען זיין פנים און געבען א פנים דעם אידישען געדרוקטען ווארט דורך „די יודישע האפנונג" (42). נאר שוין ביים אנהויב האט מען דורך יאסעלעוויטש'ן דערשפירט אן אנדערע באציהונג צום אידישען ווארט און צו אידישע פראבלעמען.

יעקב יאסעלעוויטש, דער גרינדער און באגרינדער פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין ארגענטינע און איהר פאהנענטרעגער, איז געווען דער איינשטעלער פון א פיינער זשורנאליסטישער און אינטעליגענטישער טראדיציע. דאס, וואס ער איז געווען ציוניסט און ליבהאבער פון העברעאיש, האט איהם נישט אפגעהאלטען פון זיין א פיינשמעקער אין אידישער שרייבעריי און מאדערן, א געגענזאץ פון צעטומעלטען און פלאפלערישען אברהם ווערמאנט אדער פרעמדשפראכיגען פאביאן ש. הלוי. הן אלס שרייבער, הן אלס רעדנער האט ער אפגעפרישט, ווייל ער האט זיך באצויגען קולטורעל צום ווארט און צו טאט, האט געזעהן די געשעהענישען אין דעם נייעם ישוב, אבער זיך נישט געלאזט מיטרייסען פון דעם ווולגארען געפילדער, וואס האט געהערשט אין דער שווערער אטמאספערע. און, כאטש זיין גרויסע ווירקונג געהערט צו א שפעטערדיגען פעריאד, זענען אבער שוין געווען סימנים פון זיין אייגענעם, פיינעם טאן אין „פאנאגראף".

---

42) „די יודישע האפנונג" איז מיט איבעררייסען דערשינען אין ב"א פון 1908 ביז 1917, פון אנהויב אלס חודש'ניק, נאכדעם צוויי מאל מאנאטליך, שפעטער וואכענטליך; פון 1917, פארוואנדעלט אין אפיציעלען ארגאן פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, געהייסען „די אידישע וועלט", וואס אהן יאסעלעוויטש'עס רעדאקציע האט עס ס'רוב געהאט דעם כאראקטער פון א ביולעטין, כאטש ארוים וואכענטליך אין 8 און 12 זייטען; פון 1938 דערשיינט צוויי מאל אין חודש. ווי א זשורנאל, אין אידיש, אויך מיט העברעאיש און שפאניש.

ער האָט אריינגעבראַכט מנוחה'דיגקייט. געלערנט צו באַנוצען אַ ריינעם, פאָלקסטימליכען אידיש, להיפוך צו ווערמאָנט'ס דייטשמערישקייט און הלוי'ס שוואַכקייט אריינצופּאַקען וואָס - מעהר פּסוקים און ציטאַטען פון אַנדערע לשונות, און, פּראָפּאַגאַנדי-רענדיג פאַרן ציוניזם, האָט יאָסעלעוויטש געזוכט „צ י ו נ י ז ם" א ו מ ע ט ו ם. געפריידיגט נאַ-ציאָנאַלע ווערדע און באַוואוסטזיין. און אין דעם גייסט איז געשריבען זיין בראָשור „אויף וואָס דאַרף ציון געלד?", וואָס איז ד י ע ר ש ט ע א י ד י-ש ע א ו י ס ג א ב ע א י ן ב ו ך-פ אָ ר ם און מיט דרוקעריי-שריפט. דאָס איז געווען אין 1902. (אורטיילענדיג לויט'ן סטיל פון דער שריפט, איז די בראָשור „דיא אלטע מכה פון זידלערייא פין א ווערעמדיגען רעדאַקטאָר פין א פאָלקס שמאַ-טע" פריהער פאַרעפענטליכט ווי די בראָשור „אויף וואָס דאַרף ציון געלד?"; אויף דעם פּאַמפלעט איז אָבער נישט אָנגעגעבען קיין דאַטע).

אין זיין 16-זייטיגער בראָשור, פאַרעפענט-ליכט אונטער זיין שפּעטער פּאָפּולער-געוואָרענעם פּסעוודאָנים י ע ק ב ב ן י ו ס ף, האָט יעקב יאָסעלעוויטש נאָך אין 1902 פאָרמולירט דעם אני-מאמין פון אַ מאָדערנעם אידען. „ניט מיט צדקה — האָט געשריבען יעקב בן יוסף — ווערט אַ פאָלק אויפגעריכט. מיט צדקה קען מען בויען שפּיטעלער, ביבליאָטעקען, מען קען פיליכט ש אַ-פ ע ן שעהנע קאָלאָניען מיט בליהענדע גערטנער און גרינע פעלדער, אָבער מען קען ניט ש אַ פ ע ן אמת'ע קאָלאָניסטען, וואָס זאָלען זיך פיהלען זעלבסטשטענדיג און אויף אייגענע קרעפטען אָנ-געוויזען... און וויא אַזוי זיך צו רעטען ניט נאָר פון הונגער טוידט אויך פון נאַציאָנאַלען טוידט... ניט די באַראָנען זעניין דערצו בערופען" (43).

---

43) ז' 11. — יעקב יאָסעלעוויטש איז געשטאָרבען אין ב"א דעם 19-טען אָקטאָבער 1921, אין עלטער פון 62 יאָהר, און ס'איז מערקווירדיג, וואָס אויפ'ן קבר פון דעם ערשטען קולטורעלסטען און אידישסטען אַרגענטינער פּובליציסט זענען פאַראַן פאַרשיידענע אויפשריפטען אין העברעאיש און אין שפּאַניש, אָבער עד-היום קיין איין וואָרט נישט אין אידיש...

אויף וואס דארף ציון געלד?

איין ערענסט ווארט צו מיינע גשנובענסנענאסען

— פון יעקב בן יוסף

דיא הכנסה פונ-ם פערקויף ווערט געהן אין גאנצען פיר דעם

„יודעשען נאציאנאלען פאנד"

פרייז פיר יעדען עקזעמפליאר 20 סענט

צו בעקומען ביא געברידער יופעלשוויץ

CORRIENTES 1684 — BUENOS AIRES

דרוקערייא פאן „דיא בלום"

בוענאס איירעס

1902

די ערשטע אידישע בראשור אין ארגענטינע מיט דרוקערייי-שריפט, „אויף וואס דארף ציון געלד?", פון יעקב בן יוסף (יאסעלעוויטש), אין 1902

דער איינפלוסרייכסטער און שטארקסטער פּיאָנער אין דעם אַרגענטינער אידישען געדרוקטען וואָרט, דער וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם שטורעם און די שטיקענדע אטמאָספערע פון דער ערשטער צייט און איז לסוף אַליין אומגעוואָרפען געוואָרען נאָך איידער ער האָט פאַרלוירען זיינע כוחות, איז אָבער פאָרט געווען יעקב שמעון ליאַכאָוויצקי.

ליאַכאָוויצקי איז אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען שטאַרק באַ'עוולה'ט געוואָרען. געגנער האָבען איהם באַטראַכט ווי אַן אַרויסגעשטויסענעם „מחוץ למחנה" פון דער אידישער זשורנאַליסטיק, כאָטש ער האָט דעם גרעסטען חלק אין איהר גרינדונגס - באַפעסטיגונג. די געגנער האָבען צו איהם אַרויסגעוויזען נישט אין ביסעל שאַדען - פרייד און חוזק - באַציהונג. טיילווייז איז דאָס פאַרריכט געוואָרען, ווען מ'קען זעהר - ווייניג פאַרריכטען — ביים טויט. די נעקראָלאָגען, וועלכע זענען דערשינען אין די אידישע צייטונגען (44), האָבען אַרויסגעבראַכט די עוולה'ס, וואָס מ'איז געגען איהם באַגאַנגען, באַקעמפענדיג איהם אַזוי שאַרף און אָהן איינזעהן, אַז מ'האָט פאַר איהם געמאַכט ענג דאָס פּלאַץ, ווען ער איז נאָך געווען אין עלטער פון שאַפען. און עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע, וואָס זענען עד־היום מיט דער מיינונג, אַז אַזאַ פלינקער שרייבער און געזעלשאַפטליכער טוער, ווי עס איז געווען יעקב שמעון ליאַכאָוויצקי, איז היינט אין אַרגענטינע נישטאָ... דאָס דערצעהלט וועגען די עקסטרעמע באַציהונגען, וואָס ליאַכאָוויצקי האָט צו זיך אַרויסגערופען און דורכדעם אויפגעברויזט די סביבה.

אין יענער ברויזענדיגער סביבה איז פאַר אַ סיני שווער געווען לענגער איינצושטעהן ביים רודער. מיכל הכהן סיני, דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אַרגענטינער אידישער אויסגאַבע, „וויע־

---

44) דעם 15־טען, 16־טען און 17־טען מאַי 1937 אין „די אידישע צייטונג", „די פּרעסע" און „מאָרגנצייטונג". יעקב שמעון ליאַכאָוויצקי, געבוירען אין 1874 אין אָרטיטשאַנקע, רוסלאַנד, איז געשטאָרבען דעם 14־טען מאַי אין לאָמאַס דע סאַמאָראַ, נעבען ב. איירעס.

דער־קול״, האָט גענעפענט אַ וועג פאַרן געדרוקטען וואָרט, אָבער — פאַר אַנדערע. ער האָט אָנגעהויבען קעמפעריש, דורך אַרטיקלען פון אַ משכיל׳יש־מאמר׳יסטישען כאַראַקטער און פעליעטאָנען, רופענדיג צו נאַציאָנאַלער אייניגקייט און באַוואוסט־זיין. „דאָ זעהען מיר ביי זיי — האָט מיכל הכהן סיני געשריבען וועגען דעם 9־יאָהריגען אידישען ישוב אין אַרגענטינע (45) — ברענט דאָס ליכט פון דער תורה כדי די קליינע קינדער זאָלען וויסען אויף וועלכע פיראַמידען דאָס יודענטהום איז געגרינדעט געוואָרען, דאָרט פלאַקערט דער פאַקעל פאָן רחמנות, צו העלפען, צו אונטערשטיטצען יענעם וועלכער צאַפּפּעלט זיך צווישען עלענד און נויטה, פיעלע זענען זיך מתעסק מיט הלוית המת... ווערענד פיעלע אַנדערע בלאָזען פאַנאַנדער די פונקען פין חבת־ציון״; ציוניסטיש געשטימט האָט ער אָבער גלייכצייטיג אַרויסגעוויזען בונטאַרישקייט, אַרויס־טרעטענדיג געגען דער יק״אַ פאַר די ליידען פון די קאָלאָניסטען (46); נאָר ער האָט נישט געקענט מיטגעהן מיטן שטראָם פון די פיאָנערען און איז גאָר שפּעטער געוואָרען אַ לערער ביי דער יק״אַ: אַרבייטענדיג עטליכע און צוואַנציג יאָהר אַלס לערער, האָט ער פון צייט צו צייט פאַרעפענטליכט סקיצען (47), וועלכע האָבען איהם קיין אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער אַרגענטינער בעלעטריסטיק נישט געשאַפען. מיכל הכהן סיני איז, אַזוי אַרום, געווען אַ בויער — פאַר אַנדערע. ער האָט דערוואַרימט דעם נייעם ישוב, אויפצונעהמען דאָס געדרוקטע וואָרט — פון אַנדערע. פאַר אַנדערע געעפענט אַ וועג און אַליין דעם וועג נישט פאַרגעזעצט.

ווער עס איז געווען דער באַפליגעלטער אַר־

---

45) „דיא פאָלקס שטיממע״, נומער 1, יאָהר 1898.

46) מיכל הכהן סיני׳ס פאָטער, הרב ראובן סיני, וועלכער איז אין די אינטערעסען פון די אַרגענטינער קאָלאָניסטען געפאָהרען אין אַ דעלעגאַציע צו דער יק״א אין פאַריז, האָט אויך געשריבען אין „וויעדער־קול״ צוימענדיג די אַרויסטריטען געגען דער יק״א.

47) אין „ביכלאַך פאַר יעדען״ זענען דערשינען סיני׳ס סקיצען „גם זו לטובה״ (1919) און „באַליידיגט אַ מת״ (1920).

גענטינער אידישער פּיאָנער, דאָס איז געווען יעקב שמעון ליאכאָוויצקי. דאָס איז געווען דער ערשטער. וועלכער איז געקומען מיט שוואונג, מיט כוח און מיט פּערזענליכקייט. זיין טעמפּעראַמענט פאַר שריי־בערישע און געזעלשאַפטליכע איניציאַטיוועס איז געווען אויסערגעוועהנליך. ער האָט אַריינגעבראַכט אימפּעט און אויפבּרויז, וואָס האָט געשאַפן אַזעל־כע באַציהונגען, אַז קיינער איז צו איהם נישט גע־ווען „נייטראַל”. ס׳רוב האָט ער געהאַט אָדער פאַר־ברענטע פּאַטריאָטען אָדער פאַרביסענע געגנער.

ליאכאָוויצקי האָט געהאַט און אַריינגעבראַכט. סיי אין זיין שרייבעריי, סיי אין זיין געזעלשאַפטלי־כער אַרבייט, גרויסען שטעל (אַנדערע זאָגען: אַנ־שטעל). אויב ס׳איז דיסקוטירבאַר, צי ער איז געווען שטאַרק געבילדעט, איז ער אָבער זיכער נישט גע־ווען קיין עם־הארץ, ווי זיינע ביטערע געגנער פאַר־גינען זיך צו זאָגען. און, ווי קאָלירלאָז זיין אידיש איז געווען, איז פונדעסטוועגען אויסער יעדען ספק. אַז ער האָט געהאַט טאַלאַנט פון אַ זשורנאַליסט. ער איז באַשטימט געווען דער טאַלאַנטירטסטער זשורנאַליסט פון דער פּיאָנערען ־ עפּאָכע. ווי זיין טעמפּעראַמענט האָט איהם אָפטמאָל אַריינגעוואָר־פען אין פוסטען פאַטאָס, אין פּאָזע, האָט ער פאָרט געקענט מיטרייסען. ווי כאַראַקטערלאָז ער ווערט פאָרגעשטעלט דורך פאַרשיידענע מעשים, (וואָס ער האָט כמעט אין איין צייט געדינט דעם גאָט פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און ציוניזם, אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וואו ער האָט געהאַט אין זינען, ווי געגנער זאָגען, מעהר די קניידלאַך ווי די הגדה), איז ער אין אונטערציה, ווען מ׳קוקט פון היסטאָרישען מהלך, פאָרט געווען דער ווירקזאַמסטער און גרעס־טער אויפטוהער אין די ערשטע פופצעהן יאָהר, איי־דער עס האָבען זיך באַפעסטיגט טעגליכע אידישע צייטונגען אין בוענאָס־ איירעס. ער האָט געקענט אויסלאַכען „גרויסע מענשען”, ווי מ׳קען דאָס זעהן פון זיין פאָרטרעט פון ערשטען בוענאָס ־ איירעס׳ער „ראבינער”, העגרי דזשאָזעף — אַ קוריאָז גע־שטאַלט, וואָס העלפט צו שאַפען זיך אַ פאָרשטע־לונג פון דער סביבה אין דער אמאָליגער אידישער אַרגענטינע — אַ „רב”, וועלכער האָט קוים ־ קוים געקענט עברי און זיינע אייגענע קינדער געפיהרט

צו די חופות אין קלויסטער (48). ליאכאוויצקי האט נישט מורא־געהאט צו געהן אין די „הויכע פענסטער”, צו נישט ־ אידען, און דארטען פאראינטערעסירען מיט אידישע אנגעלעגענהייטען. רעדען וועגען דעם געגנער כל׳ערליי לשון־הרע. ווען מ׳קוקט אבער דערויף פון היסטארישען שטאנדפונקט, זעהט מען, ווי וויכטיג עס איז געווען צו שאפען א קאנטאקט מיט דער נישט ־ אידישער וועלט. מען דארף איצטער אנערקענען, אז עס איז זעהר נישט גוט ניט צו האבען קיין צוטריט צו די איינפלוסרייכע נישט ־ אידישע קרייזען, ווען מ׳דארף אזא צוטריט יא האבען, ווייל ס׳געהט ממש אין לעבען (49). ליאכאוויצקי איז געווען דער ערשטער אידישער זשורנאליסט, וועלכער האט זיך אימפאנירט אין די איינפלוסרייכע נישט ־ אידישע קרייזען, און אין דער הינזיכט איז ביים היינטיגען טאג נישטא קיין איינער, וואס זאל קענען מיט אזא קוראזש קומען א ה י ן, וואו מען דארף אנקומען, לטובת דער פארטיידיגונג פון אידישע לעבענס ־ אינטערעסען (50), פון אידיש אויפן ערשטען פלאץ, וואס דער־

48) אין זאמעלבוד „יעקב שמעון ליאכאוויצקי”, ארויסגעגעבען אין 1938, אין ב״א, 104 זייטען, צו זיין אנדענק, רעדאקטירט פון י. הארן, ז״ז 61־71.

49) זינט דעם זעקסטען סעפטעמבער 1930, אונטערן דרוק פון די אויפקומענדיגע רעאקציאנערע שטימונגען פון פאשיזם, זענען שוין מעהרערע מאל פארשפרייט געווארען פינסטערע קלאנגען פאר דער אידישער גאס. די פראגע פון רעפרעזענטאנץ איז געווארען א לעבענס ־ פראגע. שווער אבער צו אימפראוויזירען א י י נ פ ל ו ס און איינפלוסרייכע מענשען, וועלכע זאלען קענען און וועלען זיך איינשטעלען פאר אידען.

50) די געפאהר פון היטלעריזם האט קודם־כל זיך אויסגעלאזט צו דער אידישער גאס, וואו די באגרעניצונגען פון דער מאכט וואקסען פון טאג צו טאג, טרעפענדיג. צום שטארקסטען דאס אידיש גערעדט ווארט און די שולען.

מיט איז ענג פארבונדען די אנטוויקלונג פון אונזער געדרוקטען ווארט און אויך פון טעאטער (51).

באטראכטענדיג איצטער ליאכאוויצקי'ס זשורנאליסטיק און בעלעטריסטיק פון 1914 - 1920, איז געווים דער דאזיגער ניווא א סך א נידעריגערער ווי ביי א רייהע שרייבער פון 1940 — און ס'איז פשוט ניט צו פארגלייכען מיט די בעסטע שרייבער. אויך אין 1940 פארנעהמען אבער א פלאץ אפילו אין די טעגליכע צייטונגען אזעלכע שרייבער, וועלכע שרייבען ערגער ווי ליאכאוויצקי אין 1914. עס איז דעריבער נישט ריכטיג, אז ליאכאוויצקי האט פארלוירען די גרויסע פאזיציע אין געדרוקטען ווארט, ווייל ער איז געווען שרייבעריש הינטערשטעליג. ער איז געווען אלטמאדיש, מליצה'דיג, אין ליטערארישער קריטיק מעהר זיך באנוצט מיט ווערטער ווי מיט געדאנקען. אלס קריטיקער האט ער נישט געקענט זיך אויסצייכענען. כאטש ער האט געשריבען א סך דערצעהלונגען, דרוקענדיג א טייל פון זיי אין ניו־יארק'ער צייטונגען און זשורנאלען (52), איז ער אין גרונט נישט געווען קיין דערצעהלער. ער האט בלויז ווי א זשורנאליסט זיך באנוצט מיט דער פארם פון דערצעהלונג און דיאלאג, שטיצענדיג זיך אויף סענסאציאנעלע טעמעס אונטער סענסאציאנעלע טיטלען (53). ער האט נישט געקענט זיין אויסדויעריש און דערפיהרען אונטערגענומענע ארבייטען ביז צום סוף. זאכען זענען איהם שנעל נמאס געווארען. ער איז געווען א „שלאגלער", לויט דער גרויסער צאהל זשורנאלען און צייטונגען, וואס ער

---

51) עס איז כאראקטעריסטיש, וואס מען ווענדעט זיך, מיט בקשות, צו אינטערוועניר ען לטובת די רעכט פון אידיש, צו אזעלכע אידען, וואס קענען נישט קיין אידיש אדער האבען צו אידיש א נעגאטיווע באציהונג.

52) אין 1897 - 1900, אין „ארבייטער צייטונג", „אבענד פאסט", „זשורנאל", „טאגעבלאט", „יאהרביכער" א. אנד.

53) „פערד און ווייבער", „געזינדיגט און געפאלען". „די אידישע פירשטין פון פאטאגאניע" און אנדערע, אין 1919 - 1920, אין „ביכלאך פאר יעדען".

די דאזיקע פיעסע איז אויפגעפירט געווארן פון די ארטיסטן: ה. לאגער, מ צוקערמאן. ת ברום. פרל אלבערטינא סיפצער, וועלער, פלעדערמאן, זייבערבערג, לאגער וויסמאן א. א.

אן אפיש פון א׳ לאגער׳ס אויפפיהרונג פון י. ש. ליאכא־וויצקי׳ס פיעסע „נקמה פון אינדיאנער", די ערשטע אידישע פיעסע אויף אן ארגענטינער טעמע

האט געגרינדעט און רעדאקטירט. ער האט זיך מיט זיי לאנג נישט געהאלטען, האט זיי איבערגעלאזט און זיי זענען, אדער אונטערגעגאנגען, אדער גע־גאנגען אהן איהם. נישט געווען אין ארגענטינע ביזן היינטיגען טאג נאך איינער, ווער עס האט געגרינ־דעט אזוי פיל אויסגאבעס און אינסטיטוציעס; ניט

געוועז אבער נאך איינער, וואס האט אזוי פיל פאזיציעס פארלוירעז, און פארלוירעז האט ער גיכער ווי אלץ איבער דער שווערער אטמאספערע. אין וועלכער מ'האט קיין פעהלערעז נישט געוואלט שענקעז, אויף יעדער זינד געקוקט דורך פארגרעסער - גלעזער און גרייט - געוועז צו לינטשעז. ווען מ'וואלט היינט געהאט דעם זעלביגעז צוגאנג, וואלטען אייניגע היינטיגע פאטענטירטע שרייבער אדער געזעלשאפטליכע טוער געוועז פארשטויסעז מחוץ למחנה אנשטאט צו פארנעהמען די פלעצער, וואס זיי פארנעהמען. היינט איז מען טאלעראנטער און מען באציהט זיך מיט מעהר דרך־ארץ. און אזוי דארף מען קוקען אויף ליאכאוויצקי'ן.

ליאכאוויצקי'ס טעמפעראמענט איז געוועז א ברכה פארן געדרוקטען ווארט. ליאכאוויצקי האט דער ערשטער פאראינטערעסירט מיט ארגענטינער טעמאטיק. זיינע דערצעהלונגעז, געדרוקטע אין נ. אמעריקע, זענען געוועז ס'רוב פון ארגענטינער אידישען שטאדטישען אדער קאלאניסטישען לעבען און אזוי זענען אויך געוועז א סך פון די געדרוקטע אין לאנד. ער האט געשריבען פיעסען, איינאקטערס. אומאפהענגיג פון זייער סצענישען אדער שרייבערישען ווערט, איז כדאי צו פארגעדענקען, אז די ערשטע אידישע פיעסע אויף אן ארגענטינישער טעמע האט אנגעשריבען י. ש. ליאכאוויצקי און די פיעסע איז געשפילט געווארען אין פראפעסיאנעלען טעאטער (54). עס איז כאראקטעריסטיש, וואס קיינער פון די שרייבער, וועלכע האבען שפעטער פארנומען דעם אויבענאן אינם אידישען געדרוקטען ווארט, האט נישט געהאט קיין אמביציע צו קאנקורירען מיט ווערמאנט'ן, אבער מיט ליאכאוויצקי'ן איז זיי גוט אנגעשטאנען צו קאנקורירען און זיי האבען זיך באריהמט, ווען זיי האבען איהם פארקאנקורירט . . .

אברהם ווערמאנט'ס געשאפענע טראדיציע פון „באוואשען מיט טינט”, באגלייט פון ז. לעווינ'ס מעטאדען צו באקעמפען ווערמאנט'ן דורך „דער

54) „נקמה פון אינדיאנער”, אין 4 אקטען, אויפגעפיהרט פון אהרן לאגער דעם 15־טען אויגוסט 1919, אינם טעאטער „סואיסא”.

פויק" (55), הענגט נאך טיילווייז אויף דער היינטיגער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע ווי א קללה — א קאנסעקווענץ פון דער אמאליגער עפידעמיע.

די ווערמאנט'יש ־ לעווינ'ישע טראדיציע פון „באוואשען מיט טינט", צוליב פערזענליכע חשבונות, האט אנגעהאלטען ביז מיט א קורצער צייט פאר דעם פופציג ־ יאהריגען יובילעאום פון ישוב. דער לעצטער בוענאס ־ איירעס'ער טעאטער ־ סקאנדאל. אין 1926, איבער דער „רופיאנישער אידעאלאגיע" (56), האט אויפגעלעבט די מיאוס'ע טראדיציע פון „דיא פאלקס שטיממע" און אריינגעבראכט אזא שמוצעריי און זידלעריי מיט פערזענליכע אנפאלען, וואס זענען געווען כאראקטעריסטיש פאר 1900, ווען אברהם ווערמאנט און ז. לעווין האבען זיך געלאזט הערען... אונטער לאזונגען פון קאמף

---

55) „דער פויק", א הומאריסטיש וואכענבלאט, איז דערשינען פון 1899 ביז 1901, מיט לענגערע איבעררייסען. רעדאקטירט פון ז. לעווין און ארויסגעגעבען פון דרוקער וואלף צייטלין, וועלכער פלעגט אויך שרייבען פון צייט צו צייט און וועלכער איז שפעטער געווען דער ארויסגעבער פון דער ערשטער טעגליכער צייטונג, „דער טאג", איז דאס וואכענבלאט „דער פויק" געווען געווידמעט אויסשליסליך צו „אנבאגראבען" ווערמאנט'ן און זיין וואכנבלאט, „דיא פאלקס שטיממע". דארטען איז וו. אנגערופען געווארען מיט די נידעריגסטע ווערטער.

56) דער גרויסער טעאטער־סקאנדאל אין 1926 האט זיך אנגעהויבען פון ריין־פערזענליכע מאטיווען. געהייסען האט עס, אז דער עמפרעסאר אדאלף מידע האט זיך אפגעזאגט אויפצופיהרען ל. מלאכ'ס פיעסע „איבערגום" צוליב די פרויענהענדלער. אין אמת'ען האט אבער מידע, ווי יעדער עמפרעסאר, נישט געהאט קיין צוטרוי צו א פיעסע פון א לאקאלען שרייבער; מלאך איז דערצו ביי איהם פריהער געווען סצענאריע־האלטער אין טעאטער און שפעטער באצאהלטער טעאטער־פראפאגאנדיסט דורך „גרויס און קליין", רעד. פון ל. מלאך און ש. גלאזערמאן. י. באטאשאנסקי, ווידער, האט געוואלט די פיעסע רעזשיסירען.

גענען איינפלוסען פון פרויען־הענדלער אין טעאַטער האָבען זיך אויסבאַהאַלטען פאַרשיידענע פערזענליכע אַמביציעס און אַ קאַמף צווישען צייטונגען פאַר העגעמאָניע איבערן לייענער (57). און עס איז זעהר ־ סימפּטאָמאַטיש, וואָס די דאָזיגע נישט־אַנשטענדיגע פּאָלעמיק פ ו ן פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר וועגען אַזאַ געזעלשאַפטליכען ענין, ווי „רופיאַנישע אידעאָלאָגיע“, איז געווען דאָס מיטעל פון קאַמף געגען נישט ־ אַנשטענדיגקייט. די איבערגעטריבענע פּאַניק פאַרן רופיאַניזם (58) האָט פאַראומרייניגט דאָס אַרגענטינער אידיש געדרוקט וואָרט. ערשט, ווען עס איז פאַרשוואונדען דאָס פּראָבלעם פון „אַלפאָנסען ־ הערשאַפט“ (59), איז אויך פאַרשוואונדען פון דער זשורנאַליסטיק „יענער“ טאָן, וואָס האָט דאָס וואָרט פאַר׳מיאוס׳ט און דערנידעריגט אין די אויגען פון סאָלידען לייענער, ווייל ער האָט צעלאָזען, מ׳קען זאָגען ק אָ ר ו מ פּ י ר ט, די לייענער ־ מאַסע.

57) אדאַנק דעם קאַמף גענען „רופיאַנישער אידעאָלאָגיע“ איז „די פּרעסע“ געוואָרען אַ גרויסע, רייכע צייטונג. י. באָטאָשאַנסקי, דער אַרויסרופער און אַנפיהרער פון סקאַנדאַל, האָט דעם גרעסטען חלק אין דעם.

58) „די אידישע קהילה פון בוענאָס־איירעס איז איינע פון די ריינסטע און אָפּגעהיטענסטע אין דעם זין“. האָט ה. ד. נאָמבערג געשריבען וועגען דעם אַרגענטינער אידישען ישוב נאָך אין 1922 — „פעליעטאָנען“. ז. 38, אין קאַפּיטעל „די טמאים“.

59) אין 1931 זענען פון אַרגענטינע אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ סך אַלפאָנסן, אידען און גויים. דאָס, וואָס איז נישט געטוהן געוואָרען פון די דעמאָקראַטישע רעגירונגען, איז דווקא אָפּגעטון געוואָרען דורך דער דיקטאַטאָרישער רעגירונג פון גענעראַל אוריבורו... אין 1934 זענען, אויף דער פאַראָרדנונג פון דער רעגירונג פון פּרעזידענט גענעראַל אַגוסטין כוסטאַ, געשלאָסען געוואָרען אַלע עפענטליכע שאַנד ־ הייזער אין בוענאָס־איירעס.

היינט, ווי האַרב, שאַרף אָדער גראָב עס זאָלען זיין די ווערטער ־ געפּעכטען פון דער אַרגענטינער אידישער זשורנאַליסטיק, זענען זיי אין טאָן (אויפריכטיג אָדער, לפחות, פאַרשטעלט) פון קאַמפּען פאַר אידייען, פּראָבלעמען, פּאַרטייען אָדער געזעלשאַפטליכע איינשטעלונגען.

אויב עס איז היינט נישט קיין נאָווינע צו טרעפן אין אַן אויסגאַבע באַשולדיגונגען אין מסירה, איז עס שוין נישט מעהר קיין ספּעציפיש ־ אַרגענטינער קרענק, נאָר אַזא וועלט ־ עפּידעמיע פון פּאָליטישער דעמאַגאָגיע, וואָס נישט אין אַרגענטינע איז זי באַשאַפען געוואָרען און נישט אַרגענטינע איז זי בכוח אָפּצושאַפען.

— IV —

מיט די אייגענע כוחות און אייגענער אויטאָריטעט

מיט אַלע פעהלערען האָט דאָס אַרגענטינער געדרוקט וואָרט די גרויסע מעלה — פון זיין זעלבסטשטענדיג. סיי אין איהר אָרימקייט און סיי אין איהר עשירות איז די אידישע זשורנאַליסטיק פון נייעם ישוב אויפגעוואַקסען און אויסגעוואַקסען מיט איהרע אייגענע כוחות און האָט אַליין זיך געשאַפען אויטאָריטעט. לײדער קאָן דאָס נישט געזאָגט ווערען וועגען אַרגענטינער אידישען טעאַטער, וואָס איז ביז היינט נישט קיין זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע.

דאָס טעאַטער האָט באַלד אין די ערשטע יאָהרען גענומען לאָקען יונגע אָדער ווענִיג ־ באַקאַנטע שוישפילער, וועלכע האָבען געזוכט אַ פעלד צום אַקטואירען. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט נישט געהאָט אַזאַ מזל. מיטן אויסנאַהם פון פאַרטיי ־ אויסגאַבעס, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט פיהרער פון זייערע פאַרטייען און זיי איינגעלאַדען מיטצואַרבייטען, צוזאָגענדיג אַפילו האָנאָראַר (60), האָבען די גרעסטע אויסגאַבעס ביז דער

---

60) אין די ערשטע יאָהרען פון געדרוקטען וואָרט האָבען שרייבער גיכער געקענט קריגען האָנאָראַר פון אַ פאַרטיי ־ צייטונג איידער פון אַ קאָמערציעלער אויסגאַבע. היינט זענען אַלע שרייבער פון פאַרטיי־צייטונגען — נאָר עהרען־מיטאַרבייטער. דאָס וואָכענבלאַט „אונזער וואָרט“, אין 1911, רעדאַקטירט פון פּ. וואַלד, איז געווען די ערשטע אַרגענטינער אויסגאַבע, וואָס האָט געצאָהלט שרייבער האָנאָראַר, סיי אויסלענדישע שרייבער, סיי אינלענדישע.

מלחמה, און צומאָל שפּעטער, אזא אינטערעס נישט געהאט און זיי זענען געווען אינגאַנצען אַנגעוויזען אויף זייערע אייגענע רעדאַקציע־מענטשען. דעמאָלט איז געווען ביז גאַר גאַנגבאַר אַזאַ מיינונג: „אונזער אידישער זשורנאַליזם באַשטעהט פון איין זאַך: די גרויסע שער, די שער וואָס שניידט טאָג־טעגליך און וואָס מאַכט די אידישע פּרעסע נאָך מעהר אָרימער, ווי זייערע רעדאַקטאָרען קענען זי מאַכען" (61). די־אַ ווערטער קענען טיילווייז געזאָגט ווערען אויך וועגען געוויסע אַרגענטינער אידישע אויסגאַבעס אין 1940.

אַזוי ווי דער אַרגענטינער ישוב האָט באַלד נאָך די ערשטע יאָהרען פון גרויסער דערוואַרטונג און נאָך ־ גרעסערער אַנטוישונג אַנגעוואוירען דעם אינטערעס אין דער ברייטער אידישער וועלט, האָט דאָס געדרוקטע וואָרט נישט געקענט דערוואַרטען קיין בעסערע באַציהונג.

אין דער הינזיכט פון באַציהונג מצד אויסלאַנד צו אַרגענטינע איז דער פּראָצעס דאָ געווען אַ מערקווירדיגער. אַ פּאַרקעהרטער פּראָצעס. אין יענער צייט, ווען דאָס לאַנד איז פאַר אידען געווען פרעמד, אומבאַקאַנט, אַ סוד ממש און קיין אָרגאַניזירטער ישוב און קולטור ־ לעבען איז דאָ נישט געווען, איז אַרגענטינע געוואָרען די ליבלינג ־ טעמע אין דער אידישער וועלט. „אין יענעם לאַנד האָט זיך דאָך אַמאָל די אידישע האָפנונג באַוויזען און געוואונקען, און געשמייכעלט צו אַלע אידען אין די ווייטע, קאַלטע גלות ־ לענדער... ווי לאַנג איז עס געווען? ערשט נעכטען איז עס געשעהן... ס'איז דאָך אַמאָל אַ שעהנער חלום געווען, דער וועג קיין אַרגענטינע" (62). אָבער, ווען עס האָט גענומען אויפגעהן אַ ישוב, ווען עס האָבען אָנגעהויבען זיך באַווייזען שפּראָצונגען פון אידישער זשורנאַליסטיק, פּובליציסטיק און טעאַטער, האָט אַרגענטינע אַנגעוואוירען יענע וואַרימע באַציהונג. וואָס איז צו איהר געווען פון אָנהויב, ביים בראַ־

---

61) „דער פּיפּערנאָטער", הומאָריסטישער זשורנאַל, בוענאָס־איירעס, י. 1921, נומער 1.

62) פּרץ הירשביין: „פון ווייטע לענדער", י. 1915, ז. 36.

שית. „ארגענטינע! אמאָל איז דאָס געווען א וואָרט. וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלאַך, ווי א רוף אויסגעלייזט צו ווע־רען, א וואָרט, וואָס האָט געמאַכט ציטערען אידי־שע הערצער מיט פרייד און דערוואַרטונג און האָפ־נונג... קהל־לייט האָבען זיך גע'קהל'ט, שרייבער האָבען געשריבען, די צייטונגען האָבען געמאַכט אַגיטאַציע, ווער פ א ר, ווער ג ע ג ע ן. דער „המליץ" מיט דער „הצפירה" האָבען זיך געאַמ־פּערט, טומלערס האָבען געטומעלט, בעל־דרש'ענס האָבען גע'דרש'ענט, אינטעליגענטישע פאַרשפּיצטע קעפּ האָבען זיך גע'פּילפּול'ט: צי איז ארגענטינע א קאָנקורענץ צו ציון, צי נישט... און מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרען, ארגענטינע איז פאַרגע־סען געוואָרען, אזוי ווי קיינמאָל נישט געווען. מ'וואָלט געקענט זאָגען: ס'איז פאַרזונקען געוואָרען אין תהום פון פאַרגעסענקייט" (63).

א סך יאָהרען האָבען באַדאַרפט פון דעמאָלט פאַרלויפען, ביז עס איז געלונגען אויפסניי צו פאַר־אינטערעסירען די אידישע וועלט מיט ארגענטינע. ערשט די שטייגענדיגע אידישע נויט אין אייראָפּע איז געוואָרען דער מליץ־יושר פאַר ארגענטינע און פאַרן גייסטיגען שאַפען פון דעם נייעם ישוב (64).

בכלל איז אינטערעסאַנט צו באַריהרען די וויר־קונגען פון דער נויט אין אייראָפּע אויף דעם געזעל־שאַפטליכען און קולטור - לעבען פון ארגענטינער ישוב. די דאָזיגע ווירקונגען זענען ענג פאַרבונדען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור. מען דאַרף אַנערקענען, אַז די קאַמ־

---

63) ה. ד. נאָמבערג: „30 יאָהר קאָלאָניזאַציע אין אַר־גענטינע", אַריינפיהר צום ערשטען באַנד פון מרדכי אַלפּערסאָנ'ס ווערק.

64) צוליב צוועקען פון עמיגראַציע האָט מען זיך אנגע־הויבען צו אינטערעסירען מיט די צייטונגען פון אַר־גענטינע. ערשט נאָכדעם, ווי נאָמבערג האָט היים רעקאָמענדירט מרדכי אַלפּערסאָנ'ען, האָט מען גע־נומען זיך אומקוקען אויף דער ש ר י י ב ע ר י י פון בוענאָס־איירעס, ווי אויף א פּיצעלע קינד, וואָס הויבט זיך אָן שטעלען אויף די פיסלאַך...

פינען, וועלכע שטעלען אוועק דעם ישוב אין דער לאגע פון „רייכען פעטער“, האבען די מעלה, וואס אדאנק זיי האט ארגענטינע אריינבאקומען צו גאסט פארשיידענע וויכטיגע פיגורען, וועלכע האבען אפגעפרישט די שרייבער, זיי געשטעלט אין נאהענטערען קאנטאקט מיט דער וועלט און טיילמאל אויך סטימולירט. אלע רעדען וועגען דער דערהויבענדיגער אטמאספערע, וואס עס האבען אריינגעבראכט אין ארגענטינע פּרץ הירשביין, ה. ד. נאמבערג (65), ה. לייוויק, ש. ניגער א״א, וואס זענען געקומען מיט אויסשליסליך ־ שריפטשטעלערישע צילען און האבען משפיע ־ געווען די זשורנאליסטישע און אלגעמיין ־ שרייבערישע סביבה. א סך גיבען זיך אבער נישט אפּ קיין חשבון, וואס פאר א גרויסע ווירקונג עס האבען געהאט אויף די ארגענטינער שרייבער די שליחים, וועלכע האבען זיך געפונען אין לאנד א לענגערע אדער קירצערע צייט, אין די אינטערעסען פון הילפס ־ קאמפּיינען, וואס זענען דא געפיהרט געווארען פאר אלערליי צוועקען. א סך פון די דעלעגאטען, אליין שרייבער מיט דערפאהרונגען פון אונזערע גרעסטע ישובים, ווי לייב יפה, לאצקי־בערטאלדי, זלמן רייזען, זרובבל, שעפנער, יורים, גינא מעדעם א״א, האבען (שוין מיט זייער אנוועזנהייט אליין) סטימולירט צו קאנטראלירן זיך אין פרט פון שרייבען און זיך פארקוקען אויף די שעהנע טראדיציעס פון געדרוקטען ווארט אין אונזערע עלטערע, רייפערע צענטערס. נישט איינער פון די שרייבער, וועלכער איז געקומען קיין ארגענטינע נישט מיט קיין שרייבערישער מיסיע, האט געווירקט, אז עס זאלען אפּגעשטעלט אדער לפּחות געמילדערט ווערען אזעלכע קריגערייען אין די צוי־

(65) נאמבערג איז געקומען אין ארגענטינע, אין 1922, מיט א מיסיע צו שטודירען די איינוואנדערונגס ־ מעגליכקייטען אין ארגענטינע. דער שריפטשטעלער אין נאמבערג׳ן האט אבער פולשטענדיג פארטונקעלט דעם „שליח“. דער רודף ־ שלומ׳ניק פון די „די משפחה“ איז געווארען דער, וועלכער האט צונויפגענומען און פאראייניגט, סיי די ארגענטינער אידישע שרייבער ־ משפחה, סיי די ארטיסטען ־ משפחה.

טונגען, וועלכע האבען דיסקרעדיטירט די מחברים און דאס געדרוקטע ווארט בכלל. ז. י. אנכי איז באשטימט נישט קיין רבי׳שע פערזענליכקייט אין דער אידישער ליטעראטור, אבער זיין אנוועזענהייט אין ארגענטינע האט, נישט בלויז געשאפען ליבשאפט פאר׳ן אידישען ווארט, נאר אויך אריינגעבראכט געמיט פאר דער ארגענטינער שרייבעריי (66). דאס זענען זאכען, וואס לאזען זיך נישט וועגן און מעסטען. אבער עס איז פאר דעם כאראקטעריסטיש, וואס דער בעסטער ליטערארישער פארמעסט פון יענער צייט, „זעגלען", האט געזוכט זיך סומך־צו־זיין אויף דעם ארכי ־ שטילען ז. י. אנכי׳ן (67).

לאנג, לאנגע יאהרען, האט זיך אבער אנטוויקעלט דאס אידישע געדרוקטע ווארט אין ארגענטינע אינגאנצען אויפן אייגענעם באראט, איגנארירט און גרינגעשעצט פון אויסלאנד, אהן אויטאריטעטען פון דער ברייטער אידישער וועלט. פרץ הירשביין, פארבלאנדזשעט קיין ארגענטינע אין 1914, איז געווען די ערשטע שוואלב פון דער ברייטער אידישער וועלט. נאכדעם איז ווידער געקומען א לאנגע פויזע. איבער דער מלחמה. און טאקע אין

---

66) אנכי איז געווען אין ארגענטינע אין 1923 ־ 1924, מאכענדיג א גוואלדיגען רושם מיט זיין פארלייענען „ר׳ אבא". דער קבלת ־ פנים, אראנזשירט אין ב"א אין „פרינץ זשארזש האל" — איבערגעפאקט — איז געווען א מאניפעסטאציע פארן אידישען קינסטלער פון ווארט און פארלייענונג. א סך אידען, וועלכע געהען געוועהנליך בלויז אויף „מאכערייקעס", האבען זיך דעמאלט איבערגעצייגט, אז מ׳קען פון ליטעראטור „אויך" הנאה ־ האבען.

67) נאכן דערצעהלען אנכי׳ס אן עפיזאד וועגען ש. ניגער׳ן און „ליטערארישע מאנאטשריפטען" — מיט וואס עס האט זיך אנגעהויבען דער ערשטער נומער פון „זעגלען", יולי 1924 — איז געקומען דער אויספיהר, וואס דאס איז געווען דער טאן פון זשורנאל: „מיט וואס׳רער ממש פאנאטישער קדושה מ׳האט זיך אמאל באצויגען צו די ערשטע צייטיגע פרוכטען פון מאמע ־ אידישן!".

דער דאָזיגער צייט — אין דער מלחמה פון ‎1914‏־‎1918‏ — איז אין בוענאָס־אײרעס געפיהרט און געוואונען געוואָרען די „מלחמה" פאַר אייגענע צייטונגען. אין אָנהויב פון קריג אין אייראָפּע האָט זיך באַפעסטיגט „די אידישע צייטונג" און צום סוף פון קריג איז אויפגעקומען די צווייטע צייטונג, „די פרעסע". עס זעהט אויס ווי אַ שאַרפער צייכען, וואָס די צוויי גרעסטע אַרגענטינער אידישע אויסגאַבעס זענען אויפגעקומען אין צוויי וויכטיגע דאַטעם פון מלחמה: איינע בעת אַ קאַמף פאַר פרידען און די צווייטע בעת אַ קאַמף פאַר רעוואָלוציע... ‎1914‏ און ‎1918‏... צוויי דאַטעם פאַר צוויי צייטונגען . . .

די אידישע צייטונגען און זשורנאַלען, פּונקט ווי די אידישע שרייבער, איגנאָרירט פון אויסלאַנד, האָבען אַזוי אַרום געקאָנט אומגעשטערט זיך אַנטוויקלען לויט זייער געשמאַק, איינזעהן און לאָקאַלע באַדינגונגען (68).

די לאָקאַלע באַדינגונגען זענען געווען צום גינסטיגסטען פאַר צייטונגען אָדער אַזעלכע אויסגאַבעס, וואָס האָבען געוואָלט ווערען צייטונגען. אין אַלע הינזיכטען, עקאָנאָמיש און פּסיכאָלאָגיש, זענען דאָס געווען ספּעציפישע באַדינגונגען. אדאַנק זיי האָבען די בלעטער באַקומען אַ ספּעציפיש אויסזעהן. אין דעם דאַרף מען זוכען די סיבה, וואָס עס זענען געשאַפען געוואָרען גרויסע צייטונגען, מ'קען זאָגען ריזען־צייטונגען, אָבער קיין גרויסע, קיין ריזען־שרייבער, וועלכע זאָלען זיין אין גלייכער פּראָפּאָרץ מיט זייערע טריבונעס, זענען נישט אויפגעקומען.

בעת אין אַנדערע אידישע צענטערס זענען דאַ שריפטשטעלער, וועלכע שטעהען אַ סך העכער פון זייערע צייטונגען, קען מען דאָס אָבער נישט זאָגען וועגען דעם אַרגענטינער אידישען צענטער. נישט

68) דער פאַקט, וואָס אויסלאַנד האָט איגנאָרירט אַרגענטינע, איז געווען סוף־כל־סוף צום גונסטען דער „היימישער פּראָדוקציע" פון דער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור. אין טעאַטער איז פאָרגעקומען אַ פאַרקעהרטער פּראָצעס: דאָס קומען פון אויסלענדער לאָזט נישט די אָרטיגע שוישפּילער אויפשטייגען.

געוועו ביי די ברעגעו פון לא פלאטא קיין שריפט־
שטעלער, וועלכע זאלען אריבערשטייגען דעם שריי־
בערישען ניוואָ פון דער פרעסע. דער בעסטער סימן
איז, וואָס עס זענען נישט געשאפען געוואָרען ריין
ריין־ליטעראַרישע טריבונעס און נישט קיין ליטע־
ראַרישע גרופּירונגען.

פּונקט דער היפּוך פון דער שפּאַנישער פּרעסע
(69), איז די אידישע בוענאָס ־ איירעס'ער פּרעסע
דער באַראָמעטער פון דעם ניוואָ און פון די שטי־
מונגען אין דער ליטעראַטור און קולטור בכלל. מחוץ
די צייטונגען איז ניטאָ קיין שרייבערישע שטרע־
מונג, פּונקט ווי ס'איז ניטאָ קיין איין זשורנאַל,
וועלכער זאָל זיך אָוועקשטעלען אינם קינסטלערי־
שען זין העכער אָדער אַנדערש ווי די צייטונגען.
געווים איז דאָס נישט קיין מעלה און קיין לויב פאַר
דער ליטעראַטור; דאָס איז אָבער אַ גרויסער קאָמ־
פּלימענט פאַר דעם צייטונגס ־ וועזען.

דאָס אידישע צייטונגס ־ וועזען אין אַרגענ־
טינע, אויסגעפורעמט אין די אייגענאַרטיגע לאָקאַ־
לע באַדינגונגען, נישט רעכענענדיג זיך מיט די
טראַדיציעס פון אַנדערע צענטערס, האָט זיך פאַר־
ברידערט מיט דער ליטעראַטור, אַריינגענומען די
בעסטע שרייבער, געגעבען פּלאַץ פאַר אַלע מינים
בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און צומאָל דראַמע איינגע־
שלאָסען, און דורכדעם ט ר י ז י ל א ר ט י י נ
דאָס ליטעראַרישע שאַפען. איבער דער ברייטער
גאַסטפריינדליכקייט פון דער טאָג ־ פרעסע צו דער
ליטעראַטור איז די ליטעראַטור צופיל פאַרזשורנאַ־
ליסטעוועט געוואָרען און עס האָבען בכלל זיך נישט
באַוויזען קיין לאַנג דויערענדיגע, אייגענאַרטיגע
פאַרמעסטונגען אין דער ליטעראַטור. און, אויב עס
זענען יאָ געשאַפען געוואָרען אויסער די צייטונגען
ליטעראַרישע פּאָזיציעס, זענען זיי נאָר לפנים גע־
ווען ליטעראַרישע, אָבער אין גרונט זענען דאָס גע־
ווען נישט מעהר ווי פּאָליטישע „פּלאַצוואַוקעס"

69) די שפּאַנישע צייטונגען איז ב"א זענען כמעט ווי
אָפּגעשיידט פון דער אַרגענטינער ליטעראַטור, וועל־
כע ווערט אין זיי וועניג אָפּגעשפּיגעלט און נאָר־
וועניגער סטימולירט.

(70). דער פּאָליטישער „ווינט", וואָס האָט אָנגעטראָגן אַזאַ ליטעראַריש געזעמעל, האָט עס נאָכהער פאַרטראָגן ווער־ווייסט־וואו און קיין ליטעראַרישע טראַדיציע נישט איבערגעלאָזט.

אין טייל הינזיכטען איז דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע פון אָנהויב אָן געווען און איז עד־היום אַ „פּלאַצואַווקע"; ס'איז בלויז געווענדט, ווי ב ר ייט עס זענען די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע ווערען אין דעם אָרגאַן פאַרטיידיגט.

דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע זוכט שטענדיג די געזעלשאַפטליכע אַטמאָספערע.

שוין די ערשטע אידישע אויסגאַבעס, נאָך פון 1898, האָבען דערשפּירט, אַז זייער עקזיסטענץ איז אָפּהענגיג נישט בלויז פון די לייענער, נאָר איבערהויפּט פון דער געזעלשאַפטליכער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי רופען אַרויס. בעת אין אַ וואַרשע אָדער ניו־יאָרק איז אַ בלאַט געווען אָפּהענגיג כמעט אינגאַנצען פון דער צאָהל לייענער (71), וואָס ס'האָט

70) כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ליטעראַרישע זשורנאַלען, וועלכע האָבען איז ב"א צום לענגסטען עקזיסטירט, זענען געווען געשטיצט אויף פּאָליטישע לאַזונגען. „אַוואַנגאַרד", אָנגעהויבען דערשיינען אין 1908, עקזיסטירט מיט איבעררייסען ביז 1920, ס'רוב רעדאַקטירט פון פּ. וואַלד, איז אויסגעהאַלטען געוואָרען פון בונדיסטען. „נייוועלט", אויך אַ חודש'ניק דערשינען פון י. 1927 אַ 7 יאָהר מיט לאַנגע איבעררייסען, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך קאָמוניסטען, אָנפאַנגס רעדאַקטירט פון ה. בלאַשטיין. ריין־ליטעראַרישע טריבונעס זענען דערשינען קוים אַ קורצע צייט, טייל צו צוויי־דריי נומערען בלויז.

71) געווען צייטען, ווען דער „היינט" אָדער „מאָמענט" אין וואַרשע, אַרויסגעגעבען טעגליך אין 6 זייטען, האָבען געהאַט אַ טיראַזש פון 80.000. דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אין 6 זייטען טעגליך, האָט אין אַ צייט געהאַט אַ טיראַזש פון 300.000 עקזעמפּליאַרען. אַדאַנק דעם זענען צוגעצויגען געוואָרען די בעסטע שרייבער פון דער וועלט, וועלכע האָבען באַקומען די מעגליכקייט אויך פאַר זיך צו שאַפען.

דערוואַרבען, איז אַ צייטונג אין אַרגענטינע געווען צום ווייניגסטען אָפּהענגיג פון דער צאָהל לייענער (72). אויסגעהאַלטען מעהר פון אַנאָנסען ווי פון לייענער, איז יעדע בוענאָס־איירעס׳ער בלאַט, אָפּ־הענגיג פון געזעלשאַפטליכען און פּערזענליכען איינפלוס, נישט געווען אָריענטירט פון לייענער, נאָר האָט אָריענטירט דעם לייענער. די צייטונגען האָבען דערפאַר געטוהן נישט דווקא דאָס, וואָס די לייענער זייערע האָבען געוואָלט, נאָר האָבען זיך אָפטמאָל פאַרגונען צו געהן נעגען דעם געשמאַק און וואונש פון לייענער. דאָס איז, פון איין זייט, אַ שאָדען, ווייל אַזוי אַרום האָבען די צייטונגען נישט אין אַלץ אָפּגעשפּיגעלט דעם ניוואָ און די אמת׳ע טענדענצען אין דער געזעלשאַפט. פון דער צווייטער זייט איז דאָס, אָבער, געווען צום נוצען, ווייל אַזוי אַרום האָבען די צייטונגען זיך דערלויבט צו שטעלען העכער, פאַרשטעלענדיג צומאָל אין אַ שעה־נערען ליכט פאַרשיידענע אויפטוהען פון יונגען ישוב, וואָס נויטיגט זיך אין דער וואַרימער באַציהונג פון אַ מאַמע . . .

דאָס אַרגענטינער אידיש צייטונגס־וועזען זעהט דערפאַר אויס ווי אַן עקספּאָנענט פון אַ סך אַ גרעסערען קיבוץ, ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. שווער צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי אַ קיבוץ, וואָס צעהלט נאָך נישט קיין פיר הונדערט טויזענט נפשות, אין 1940, האָט אַזאַ ריזיגע פּרעסע פון דריי טעג־ליכע צייטונגען, וואָס יעדע איינע פון זיי, דורכשניטליך, דערשיינט טעגליך אין צוועלף זייטען, בעת איז

(72) יעדע אויסגאַבע מאַכט אָפטמאָל דעם איינדרוק, אַז זי דערשיינט גיכער צוליב די אַנאָנסען און נישט די אַנאָנסען ווערען געגעבען צוליב דער אויסגאַבע. די באַצאָהלטע רעקלאַמע איז אַ ביליגע. די אַנאָנסען פאַרנעהמען אַ סך פּלאַץ. די ניט־באַצאָהלטע רעקלאַמע, אין דער פאָרם פון נאָטיצען, איז אויך נישט קיין טייערע און פאַרנעהמט אַ סך פּלאַץ. נישט פון דער צאָהל וויכטיגע אַרטיקלען, וואָס זענען דאַ אין אַ צייטונג, איז אָפּהענגיג איהר צאָהל זייטען. נאָר פון דער צאָהל אַנאָנסען. אַ סך אַרטיקלען ווערען געדרוקט „אַדאַנק" דעם, וואָס עס זענען דאַ אַנאָנסען.

א ווארשע אדער ניו־יארק זענען ציימונגען דערשי־נען, דורכשניטליך, אין 8־6 זייטען, ביי א אידישער לאנד ־ באפעלקערונג, וואס איז צעהן מאל גרעסער געוועזן. די דאזיגע אייגענארטיגע עקאנאמישע סטרוקטור פון צייטונגס ־ וועזען, צוליב וועלכער עס זענען דערשינען ריזען־צייטונגען, האט אנט־וויקעלט אין ארגענטינע א ר י ז ע ן ־ ש ר יי־ב ע ר יי. פון דער ריזען ־ שרייבעריי זענען אבער נישט ארויסגעקומען קיין ריזען ־ שרייבער. דאס האט געשאפען אזעלכע אומשטענדען, אז וויבאלד עמיץ האט נאר געהאט עפעס צו זאגען און האט עס גע־קענט ווי ס׳ניט איז ארויסברענגען, איז עס געדרוקט געווארען. עס איז נישט אמת, אז אין ארגענטינע זענען דא „באהאלטענע טאלאנטען", וועלכע זענען נישט צוגעלאזען געווארען. אין קיין שום גרעסערען אידישען ישוב איז נישט אזוי לייכט צו ווערען א שרייבער ווי אין ארגענטינע. און דערפאר זענען אין ארגענטינע אויך אויפגעקומען אזוי פיל גראפאמא־נען . . .

דערפאר איז מעגליך ־ געוועזן, אז אין ארגענ־טינע זאל זיין אזא געדעטעניש אויף אויסגאבעס. ווערען א רעדאקטאר אדער אן ארויסגעבער פון א זשורנאל איז איינע פון די גרינגסטע זאכען. אזוי ווי נישט פון דער צאהל לייענער איז אפהענגיג די עקזיסטענץ פון אן אויסגאבע, קאן אזא איינע דער־שיינען, אפילו ווען זי זאל גאר קיין לייענער נישט האבען, אבי זי זאל האבען אנאנסען און עס זאל „אפגעזעצט" ווערען א געוויסע צאהל עקזעמפלא־רען (73). און, כדי צו באקומען אנאנסען, דארף מען נישט דווקא דערווייזען, אז די אויסגאבע ווערט געלייענט און זי וועט ברענגען נוצען, נאר עס איז גענוג צו געפינען „גוטע ברידער" אדער צוזאגען א „פאוואר" ־ נאטיצעל, וואו דער אדער יענער איד ווערט געלויבט אין הימעל אריין, אז ער איז זעהר א וויכטיגער מענש און „ער איז באליבט אין אלע

73) אין א סך אידישע הייזער קאן מען טרעפען אויס־גאבעס, וואס ווערען גארנישט געעפענט און, אט אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען, נעהמט מען זיי אויף פאק־פאפיר.

קרייזען": און — וויכטיגער פון אַלץ איז אַ גוטע „קוניע" ... (74)

עס איז נויטיג דאָס אַלץ צו וויסען, כדי צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס אין ארגענטינע איז אזא גע־רעטעניש אויף זשורנאַלען, צייטונגען און ביכער. און ווי אזוי איז מעגליך, אז ביי אזא הויכען ניוואָ פון דער זשורנאַליסטיק איז פונדעסטוועגען נישט אויסגעוואַקסען קיין הויכע ליטעראַטור. ביי דער סיסטעם פון צייטונגען און זשורנאַלען איז אַ סך זיי־טען — בעת דער ישוב האָט אַ קליינע צאָהל טאַ־לאַנטירטע שרייבער — האָבען זוכה־געווען געדרוקט צו ווערען אַ סך נישט ־ דורקפעהיגע זאכען פון אַלע זשאַנרען, סיי פון זשורנאַליסטיק, סיי פון בעלעט־ריסטיק. און אויך די בעסטע זשורנאַליסטען, פונקט ווי די בעסטע פּאָעטען, דערצעהלער און קריטיקער שרייבען ס'רוב אַ סך מעהר ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט שרייבען. אנשטאָט צו שרייבען מיט אַ וואָרט ווע־ניגער, שרייבט מען מיט אַ סך שורות מעהר. פון דעם דאָזיגען חסרון נעהמט זיך אַ צווייטער חסרון. ביים שאַצען און אָפּשאַצען, טרייבט מען איבער, סיי ווען ס'איז צום גוטען, סיי ווען ס'איז צום שלעכ־טען. אין דער פאַרפלייצונג פון שורות פאַרלירען אויך די קליגסטע שרייבער די נויטיגע חכמה. „אַז מ'פאַרעדט זיך, מוז מען זאָגען נאַרישקייטען" ליובט מען עמיצען אָדער עפּעס — ליובט מען צופיל. פאַרשווייגט מען עמיצען אָדער עפּעס — פאַר־שווייגט מען צופיל. דערצו האָט די מעגליכקייט, צו פאַרדינען לייכט „אַ פּאָר טאַלער", ווייל אין דער צייט פון פּראָספּעריטעט איז ביי טייל אידען געוואָ־רען „אַ טאַלער — אַ ממזר", אוועקגעשטעלט צייט־טונגען און זשורנאַלען פאַר „דעליקאַטע" סיטוּאַ־ציעס. אין דעם זכות, וואָס „אַ טאַלער איז געוואָ־רען אַ ממזר", האָט אינם געדרוקטן וואָרט, אין פלוג־בלעטלאַך, ספּעציעלע ביולעטינען און אויך אין אַלע צייטונגען, ס'רוב אין אַנאָנסען, פאַרנומען אַ גרויס פּלאַץ דער וואָהל ־ קאַמף צווישען „געלע" און

74) אַ רעקאָמענדאַציע, גוט ־ ברודערשאַפט מיט קהל'ס מענשען, קענען קלאַפּען יענעם אין פּלייצע, איז דער גרעסטער כוח.

„בלויע”. כלל־טוהער מיט געלט, נישט קענענדיג גע־
ווינען א ציימונג אויף דער זייט פון זייער וואהל־
קאמיטעט געגען א צווייטער „ליסטע”, האבען זיך
אפילו פארגונען צו גרינדען א גאנצע אייגענע צייר
טונג (75) אלס ביולעטין פון וואהל־
קאמיטעט.

דער טאן פון ביולעטין פאר־
נעהמט בכלל א גרויס פלאץ אין אלע אידישע אויס־
גאבעס, אזוי ציימונגען, ווי זשורנאלען. אפגערעדט
שוין פון פארטיי ־ אויסגאבעס, וועלכע דינען
אומקאנדיציאנעל, צי זיי זענען קולטור ־ טריבונעס.
צי פאליטישע שטענדערס, זענען אבער אויך אומ־
אפהענגיגע אויסגאבעס אפטמאל פארטרונקען פון
פאראיין ־ ביולעטינען. דאס גיט אונזערע אויסגא־
בעס א געזעלשאפטליכען כאראקטער: דאס האט
אבער די אויסגאבעס געבונדן די צונג און געשטערט
דער פרייער געזעלשאפטליכער קריטיק. אינסטינק־
טיוו פיהלט מען זיך אומבאקוועהם, אין דער זעל־
ביגער ציימונג אדער זשורנאל, וואו די געזעלשאפ־
טען לויבען זיך אליין אויס אין די נאטיצען, צו
קריטיקירען זיי מיט דער גאנצער שארפקייט, ווי עס
ווילט זיך אין הארצען, ביי א סך געלעגנהייטען...

דערפאר אבער איז די געזעלשאפטליכע הילף,
וואס דאס געדרוקטע ווארט גיט די אינסטיטוציעס,
ניט צום אפשאצען. די ציימונגען זענען בלי שום
ספק דער גרעסטער פאקטאר אין דער געזעלשאפט־
ליכער ארבייט.

בעת אין אנדערע אידישע ישובים ווערט אפרי־
הער געגרינדעט אן אינסטיטוציע און ערשט נאכ־

---

75) „מארגנצייטונג”, אנגעהויבען דערשיינען אין 1935,
איז געגרינדעט געווארען דורכן פרעזידענט פון א
וואהל־קאמיטעט, נאום טראפאלסקי, ווייל ער האט
נישט געקענט פועל'ן, אז „די אידישע ציימונג” זאל
שטעהן אומקאנדיציאנעל צו דינסט פון זיין וואהל־
קאמיטעט. פון א סך דירעקטארען און קורצטערמי־
ניגע רעדאקטארען איז די „מארגנצייטונג” אריבער,
אין 1939, צו סאלאמאן סאלאמאן אלס דירעקטאר
און ב. וויינשטאק אלס רעדאקטאר.

דעם, אין בעסטען פאל, ווערט אין א ציי־טונג אינפארמירט וועגען איהר גרינדונג (76), זענען די בוענאס - איירעס'ער אידישע ציי־טונגען די, וואס רעגען אן צו יעדער געזעלשאפטליכער ארבייט. ממש דינען אלס ארייננפיהר אין יעדער אונטערנעמונג. עס ווערט נישט אונטערגענומען קיין שום געזעלשאפטליכע ארבייט, איידער עס ווערט פאר דעם ניט „זאנדירט" דער באדען דורך די ציי־טונגען.

ביי דער געוואלדיגער צעזייטקייט און צעשפרייטקייט פון די אידישע ישובים אין ארגענטינע (77) און ביי אזא קליינקייט פון דער אלגעמיינער צאהל אידען זענען די צייטונגען דאס שטארקסטע מיטעל פאר ארגאניזאציע. די צייטונגען זענען די ערשטע, וואס גיבען קרעדיט וויכטיגע אונטערנעהמונגען, נאך איידער די געזעלשאפט וויל זיי נעהמען אין ערנסט. די צייטונגען זענען אזוי ארום — א סך מעהר ווי אפשפיגלער פון דער אפגעטוענער ארבייט — די אינספיראטארען צו נייע איניציאטיוועס. איידער א געזעלשאפטליכע אונטערנעהמונג באווייזט נאך צו ווערען א יש, ווערט פאר איהר געמאכט אן אפענסיווע אין די בלעטער. יעדע אקציע, פארן ישוב אדער פאר אויסלאנד, ווערט אפריער גוט צוגעגרייט און פרעזענטירט אין די בלעטער. מען נעהמט ניט

76) אין א ניו־יארק זענען פאראן גרויסע אידישע אינסטיטוציעס, וועגען וועלכע עס דערשיינט נישט אין קיין שום צייטונג קיין איין ווארט אין משך פון חדשים. אין ווארשע האבען די אידישע צייטונגען נישט געהאט קיין שום חלק אין דער גרינדונג פון די מעהרסטע אידישע אינסטיטוציעס, און האבען באטראכט יעדע מיטטיילונג פון א פאראיין ווי אן אנאנס, קאמערציעל.

77) איינע פון די 14 ארגענטינער פראווינצען, די גרעסטע, די בוענאס־איירעסער, וואו עס וואוינען ווייניגער פון דריי מיליאן מענשען, איז כמעט אזוי גרויס ווי דאס געוועזענע, גרויסע, דרייסיג־מיליאניגע פוילען. אין צפון דארף מען שעה'נלאנג פאהרען פון איין אידישען הונדערט - משפחה'דיגען קיבוץ ביז צום צווייטען.

פריער קיין איין פעזע איידער מען צעשרייבט זיך נישט וועגען דער וויכטיגקייט צו געבען די פעזע...
מיט דעם געזעלשאפטליכען קורס פון דעם אר־גענטינער אידישען צייטונגס ־ וועזען קען מען זיך גרויסען פאר דער גאנצער וועלט. וויפיל גוזמאות און פראווינציאליזם עס זאל זיין אין די טעגליכע תרי״ג נאטיצען פון פאראיינען און קארעספאנדענ־צען פון די אידישע ישובים איבערן גאנצען לאנד, ווערט אבער דאס אלץ פארגיטיגט מיט די מעלות פון דעם הויכען געזעלשאפטליכען קורס. אין קיין שום ישוב, וואו עס זענען דערשינען גרויסע צייט־טונגען, האט מען נישט געקענט אנווייזען, אז עס זאל געשאנקען ווערען אזוי פיל פלאץ און אזא ווארימע באציהונג צו געזעלשאפטליכער ארבייט. פונקט ווי אין קיין שום ישוב האבען צייטונגען נישט געשאנקען אזא אויפמערקזאמקייט צו ק א נ־ק ר ע ט ע אלגעמיינע ק ו ל ט ו ר ־ א י נ ט ע־ר ע ס ע ן, פאר שולען, קולטור ־ צענטערם, ביב־ליאטעקען, ווי פאר די פראגען פון אידישער דער־ציהונג, אידישען געמיינשאפטליכען צוזאמענלעבען. נישט גלאט אבסטראקט, נאר קאנקרעט. און, וויפיל טענות מ׳זאל האבען, אז אין די צייטונגען פיהלט מען נישט קיין גרוים און שטארק ־ פולסירענדיג אייגען לעבען, איז נאך אלץ אינם געדרוקטען ווארט פאראן פילפאכיג מעהר לאקאליזם ווי אין דער ווירקליכקייט, וואו עס זענען דא פון א סך וויכטי־גע זאכען נישט מעהר ווי מוסטערען, אנהויבען, גוטע וואונשען און פראבע ־ אויפטוען.

— V —

דער קאמף פאר לאקאליזם און זעלבסט-קולטור

אין דער ווירקליכקייט איז די געזעלשאפטליכ־קייט פון אידישען ישוב אין ארגענטינע צו זיין יובל א סך ארימער ווי אין געדרוקטען ווארט. די דאזיגע ארימקייט געהט אוים צום קאפ פון ציימונגם ־ ווע־זען. עם טרעפט זעהר־אפט, אז ווענדונגען פאר זעהר ־ נויטיגע געזעלשאפטליכע ארבייטען ווערען פארפאלען „ווי א שטימע אויפן מדבר״. כאטש עס זענען דא אין לאנד א קנאפע טויזענט אדרעסען פון פאראיינען, דאך *קומט אויס די זשור־נאליסטען זעהר־אפט צו שריי־בען אהן אדרעס...* די שרייבער באציהען זיך מעהר צו זאכען, וואס דארפען זיין, ווי צו די, וואס זענען דא. פאר זשורנאליסטיק איז אבער, כידוע, געזינטער צו רעדען וועגען טהאטען איידער פון וואונשען, צו רעאליטעט איידער צו או־טאפיעס.

די שרייבער פון די אידישע צייטונגען אין אר־גענטינע זוכען דווקא צו שטעהן אויף א העכערען ניווא. אין אנדערע מקומות שרייבט מען נישט אין צייטונגען אזוי פיל וועגען ליטעראטור און טעאטער ווי אין בוענאס איירעס (78). אחוצ׳ן אריינגעבען אין אלע טעג פון א גאנצער וואך ארטיקלען וועגען קולטור ־ ענינים, זענען איינגעפיהרט געווארען סע־

---

78) אין אנדערע מקומות זענען דערפאר דא פערמא־נענטע זשורנאלען פאר ליטעראטור און קולטור, וואס פעהלען אין ארגענטינע. זיי פעהלען אפשר טאקע דערפאר, ווייל די צייטונגען פארנעהמען זייערע אויפ־גאבען.

פאראטע זייטען (79), וואו עס ווערט מיט פיעטעט ספעציעל געשאנקען אויפמערקזאמקייט דעם קינד (80). די געזעלשאפטליכקייט איז אבער הינטער־שטעליג פאר די קולטור ־ אינטערעסען. אין דער געזעלשאפט איז די הויפט ־ ארבייט — פילאנטראַ־פיע. בעת אין די פאראייניגטע שטאאטען און גע־וועזענעם פוילען זענען די גרעסטע אידישע ארגא־ניזאציעס — קולטור ־ ארגאניזאציעס, זענען די גרעסטע אינסטיטוציעס אין ארגענטינע — הילפס־אינסטיטוציעס, ווי די בוענאס ־ איירעס׳ער „חברה קדישא", שפיטאל, „בית יתומים ומושב זקנים". ווען מ׳גיט צו דעם צו, אז די גרעסטע אקציעס, וואס ווערען אינם לאנד געפיהרט זינט נאך דער מלחמה פון 1914 ־ 1918, זענען פאר הונגעריגע, פליטים, אלמנות און יתומים, ווערט אונטערגע־שטראכען דער פילאנטראפישער כאראקטער פון דעם רוב געזעלשאפטליכער ארבייט. די שרייבער רופען דערהויפט צום גייסט, נאר די געזעלשאפט

79) „די אידישע צייטונג" איז געווען די ערשטע פון די לאקאלע צייטונגען, וואס האט איינגעפיהרט סע־פאראטע זייטען, וועלכע זענען אפגעהיט געווארען א לענגערע צייט, פון מאי 1928, און זענען אפגע־שטעלט געווארען איבער דעם גרויסען לאנד ־ קריזיס, ווען די צאהל זייטען פון א דורכשניטליכען נומער איז שטארק רעדוצירט געווארען, אין 1929־1930. די באזונדערע זייטען זענען געווען פאר: טעאטער און קינא, ליטעראטור און קולטור, פרויען און קינ־דער, ארבייטער ־ באוועגונג, און קינדער ־ ווינקעל. ספעציעלע זייטען פון קינדער ־ ווינקעל זענען פאר־בליבען, ווי א טראדיציע, אין אלע אידישע צייטונ־גען אין בוענאס־איירעס. „די פרעסע" גיט ספעציעלע זייטען פאר ליטעראטור, טעאטער און קאלאניזאציע.

80) די ספעציעלע קינדער ־ זייטען אין די צייטונגען האט מען צו פארדאנקען, וואס די קינדער ־ ליטערא־טור אין ארגענטינע האט זיך שטארק אנטוויקעלט, צומאל געווארען מעהר־אנזעהעוודיג ווי די ליטערא־טור פאר דערוואקסענע.

ענטפערט דערהויפט מיט רחמנות. פאר אינטערעסען פון קולטור איז פאראן א סך מעהר פלאץ אין די צייטונגען ווי אין דער געזעלשאפט.

דא קומט נאך צו די ארבייט פאר נאציאנאלע אדער קולטור ־ צוועקען אויף יענער זייט ים, וועלכע פארנעהמען אויך דעם אויבענאן אינם ארגענטינער אידישען לעבען. די נויט, דאס אידישע אומגליק, האט פארכאפט די מוחות, די הערצער און דעם געזעלשאפטליכען חוש. דורך די הילפס־רופען פון יענער זייט ים זענען געשאפען געווארען „אמבאסאדארען", וועלכע טוהען בלויז פאר אויסלאנד, אבער נישט פאר באדערפענישען פון ישוב אינם לאנד. לאקאלע באדערפענישען, ווי גרויס זיי זאלען זיין, זענען נישט מסוגל צו מאביליזירען די געזעלשאפט. ס'איז כאראקטעריסטיש, וואס אלע געזעלשאפטליכע באוועגונגען, צו שאפען א כוח פאר אידישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע, אויפן ארט פון דער יק"א אדער פאר ביישטאדטישער קאלאניזאציע, האבען געהאט, אויב נישט קיין פיינליכען דורכפאל, יעדענפאלס א זעהר ־ קליינעם דערפאלג. די צייטונגען האבען פאר דעם איינגעלעגט וועלטען, אבער די געזעלשאפט שענקט די געהעריגע אויפמערקזאמקייט אדער פאר אינלענדישע פילאנטראפישע צוועקען און נישט קיין קאנסטרוקטיווע, אדער פאר אויסלענדישע הילפס־קאמפיינען מיט שליחים (81). דאס, וואס ארגענטינע, ווי יעדע אמעריקאנער מדינה, ווערט באטראכט ווי דער גן־עדן, אנטקעגען די אייראפעאישע ישובים, און מוז ראטעווען אדער לפחות העלפען די ברידער און שוועסטער פון די רואינירטע אלטע היימען, האט אויסגעפורעמט אן „אויסלענדישע פסיכאלא־

---

81) ערשט סוף 1940 באווייזען זיך סימנים פון אנהויב־דערפאלג אין דער געזעלשאפטליכער באוועגונג לטו־בת דער ביישטאדטישער קאלאניזאציע, אדאנק דער מיטארבייט פון אלע אידישע פינאנץ־אינסטיטוציעס, „חברה קדישא" און לאנדסמאנשאפטען, געפיהרט פון דער „אגראר־באנק".

גיע״ — פאַר אויסלאַנד דעם מאַקסימום, פאַרן לאַנד דעם מינימום. געגען דער דאָזיגער פּסיכאָלאָגיע טרעט אַרויס דאָס זעלביגע צייטונגס־וועזן, וואָס האָט די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע געהאָלפן שאַפן . . .

דער מאַנגל אין לאָקאַליזם איז אַ גרויסער חסרון פאַר דער זשורנאַליסטיק. שוואַך איז דער „לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם״ אין דער געזעלשאַפט. מען האָט אַ קנאַפּע אמונה אין דעם כוח פון אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרמעסטונגען. און אָט דער מאַנגל אין לאָקאַליזם שטערט דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיגער אידישער ליטעראַטור און איז נאָך אַ גרעסערע שטערונג פאַר דער זשורנאַליסטיק.

נישט האָבענדיג קיין גרויסע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלען דינען אַלס אַדרעס, אויף וועלכען זיך צו ווענדען, זוכט די זשורנאַליסטיק אויפצוהאַלטען לפּחות — די שטימונג ביים בו־ייטען עולם. צו־אַפּט בלייבען אָבער די רייד נישט מעהר ווי גוטע וואונשען.

די געזעלשאַפט איז אין אַלע הינזיכטען היגנטערשטעליג פון דעם צייטונגס־וועזען; דאַרפען וואָלט באַדאַרפט זיין פאַרקעהרט. דאָס געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע האָט אַ סך מעהר חוש פאַר לאָקאַליזם און געזעלשאַפטליכע אינטערעסען ווי די לאָקאַלע געזעלשאַפט גופא. עס וועט קלינגען אַנעקדאָטיש, אָבער ס׳איז דער ריינער אמת, אַז אין דעם היסטאָרישען ישוב פון אידישער קאָלאָניזאַטאָרישקייט האָט דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט מעהר געטון פאַר דער אידייע פון קאָלאָניזאַציע ווי די קאָלאָניסטען אליין. סקעפּטיקער מעגען זאָגען, אַז די גרעסטע אַרגענטינער אידישע קאָלאָניזאַציע איז געמאַכט געוואָרען אין די בוענאָס־איירעס׳ער אידישע צייטונגען . . .

אין אויסלאַנד איז מען מקנא, וואָס אַרגענטינע האָט אַזאַ אידיש צייטונגס־וועזן. באַקאַנטע אידישע שרייבער, קולטור־טוער און אינסטיטוציעס אין אויסלאַנד האָבען שוין ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטען געלאָזט הערען, אַז אין זייערע מקומות ווערען זיי קיינמאָל אַזוי נישט געשטיצט, ווי

מען ווערט געשטיצט פון די ציטונגען אין ארגענטינע. אלעמען איז באוואוסט, אז סענסאציאנעלע געשיכטעס האבען א גרעסערן אפגאנג אויפן לייענער־מארק ווי „שווערע זאכען". פונדעסטוועגען, אז א ציטונג נעהמט דרוקען א „נאכאלניק" ־ ראמאן, ווערט אין בוענאס־איירעס געמאכט ווען דעם אזא געריידעריי, גלייך ווי עס וואלט געווען א לייכטע זאך, אויפצושפילען אזא ציטונג א סקאנדאל, פאר דרוקן אזא ראמאן. נאר ווי שטארק מ׳זאל זיך רעכענען מיטן געשמאק פון „ברייטען" עולם, ווערט אבער קיינמאל נישט געמינערט קיין פלאץ פאר ערנסטע קולטור ־ פראגען, דערציהונג, ארטיקלען וועגען ליטעראטור, בעסערען טעאטער און עהנליכע „שווערע זאכען". די ציטונגען, וועלכע זענען בלויז טיילווייז אפהענגיג פון לייענער, ווערען פון די לייענער נישט דיקטירט. און די רעדאקטארען זוכען ס׳רוב דווקא צו האלטען זייערע אויסגאבעכ אויף א העכערען ניווא.

מען איז אין אויסלאנד אויך מקנא, וואס אין די ארגענטינער ציטונגען איז אויפגעהיט געווארען די ריינקייט פון אידיש־לשון און עס איז דא אזא טענדענץ אפילו אפצוהיטען זי אין לאנד ־ אינפארמאציע, כאטש אויף דעם געביט פעהלען אויף טריט און שריט די נויטיגע טערמינען און ווערטער, וועלכע זאלען פינקטליך איבערגעבען די באגריפען פון שפאניש. אזא אויפטו איז אנזעהעוודיג אויך אינם טעאטער. אין אנדערע ישובים שפילט מען נישט טעאטער, איבערהויפט טעאטער פון נידעריגען רעפערטואר, מיט אזא ריינעם אידישען לשון, ווי אין ארגענטינע. שוישפילער פון אויסלאנד, וועלכע קומען אויף גאסטראלען, ווערען אפטמאל ממש געצוואונגען פון די ארטיגע אקטיארען צו קעמפען מיט דער צונג, אויף אויסצומיידען די ענגלישע ווערטער, וואס געהען אין די פיעסען „ווי א וואסער". אויך אין דער הינזיכט שטעהט דאס געדרוקטע ווארט און דאס טעאטער העכער פון דער געזעלשאפט. אפילו באקאנטע קהלס־לייט, אז זיי רעדען עפענטליך, היטען זעלטען אפ אזוי דעם אידיש און זענען געוויגט צו מאכען פון איהם אן אייגענעם זשארגאן . . .

זענען פאראן אזעלכע, וואס האלטען, אז דער „פוריזם״ איז א פעדאנטישקייט, וואס ברענגט נישט קיין טובה פאר דער פארשפרייטונג פון געדרוקטע אידישען ווארט (82). אין טעגליכען לשון, הערט מען, בראקט אריין דער עולם פארשיידענע שפאנישע ווערטער אינם אידיש, נישט איבערקלייבענדיג, צי זיי פאסען זיך יא אדער נישט אריין. ספּעציעל רופט די אויפמערקזאמקייט, וואס דער ברייטער עולם איז גענויגט אויפצונעהמען שפאנישע טערמינען, אפילו ווען עס זענען דא עהנליכע אין מאמע־לשון. דער „בוען דיא״ ווערט אפילו צווישען אידיש־ריידער גיכער באנוצט ווי דער געשמאקער „גוט מארגען״. אין נארד אמעריקא איז אין די הינזיכטען א סך ערגער. אין פארגלייך מיטן דארטיגען אידיש, אין גאס און אין די צייטונגען, איז דער ארגענטינער אידיש א סך א בעסערער, אויף א העכערען ניוואָ. „דער מאסען ־ מענש — האט געשריבען ה. ד. נאמבערג אין זיין „רייזע איבער אר־

82) וואלף טשערנאוועצקי, באקאנט אויך אונטערן פסעוודאנים וועלוועל טעפליקער, האט אויפגעכאפט דעם נוסח פון פארשפאניזירטען אידיש און באנוצט אים טיילמאל אין קאריקאטור ־ פארם, אין פעליעטאנען וועגען ארגענטינער אידישע כלל־ ענינים. פריער, א רייע יאהרען אלס מיטרעדאקטאר פון משה שפרינבערג׳ס הומאריסטישען וואכענבלאט „פנימ׳ער און פנימ׳לאך״, וואס איז דערשינען פון 1924 א קנאפען יארצעהנדליג און איז אונטערגעגאנגען, און דערנאך אלס רעדאקטאר ־ ארויסגעבער פון קהל׳דיגען חודש־זשורנאל „ארגענטינער מאגאזין״, וואס דערשיינט זינט 1935, איז זעהר־גראבע העפטען, און שרעקט זיך ניט אפ צו „אויסשייגעצן״ כלל־טוער אדער זיי לויבן מיט א הילכיגער פרעהליכקייט, האט וואלף טשערנאוועצקי איינגעבירגערט אין שרייבעריי א נוסח פון „חצי אידיש וחצי שפאניש״, ספּעציעל אין הומאר. ביי דעם נוסח האלט זיך אויך טיילווייז פ. ניעמאי, אין „די אידישע צייטונג״, וואו ער שרייבט א רייע יאהרען פעליעטאנען ־ מאנאלאגען, רעדענדיג שטענדיג אין נאמען און מיט דער שפראך פון „מיין שכן״ זלמן ־ הערש, חוה ־ לאה א. א.

גענטינע", אינ'ם קאפיטעל „מען בענקט אין בוענאס־איירעס" — שטעהט דא אויף א העכערער שטופע ווי די עמיגראנטען קיין צפון־אמעריקע. די ערשטע איינוואנדערונגען קיין ניו־יארק און שיקאגע האבען נישט געהאט הינטער זיך אין דער היים א דור פון ארבייטער - באוועגונג, פון אידישער ליטעראטור, פון אידישע צייטונגען. דער איינוואנדערער קיין ארגענטינע שטאמט פון א שפּעטערען דור. אין דער היים איז מען שוין דורכגעגאנגען א געוויסע דערציהונג, אדער מען האט געהערט צו א פּאליטישער ארגאניזאציע, אדער געווען א מיטגליד פון א ביבליאטעק. די אידישע מאסע איז אין פארלויף פון דעם דור קולטורעל אויסגעוואקסען, און דאס פיהלט זיך שטארק אין דעם טאן, אין דעם כאראקטער פון פאלקס־לעבען, אין זיין געשמאק" (83). די ארגענטינער זשורנאליסטיק רעכענט זיך נישט מיט דער גאסען - אסימילאציע פון אידיש. פונקט אזוי שטעלען זיך געגען דער זשארגאניזירונג פון מאמע - לשון, מיט קליינע אויסנאהמען, אויך די „רעדאקציע - מענשען", די אנאנימע בינען פון די צייטונגען און זשורנאלען. זיי זוכען אויפצוהיטען די ריינקייט און פאלקסטימליכקייט פון אידיש. אפילו די, וואס פלעגען שמייכלען אדער חוזק'ען פון די „אידישיסטען" און די „קולטור - פארזארגערם", האבען זיך, אונטער דער ווירקונג פון די טענדענצען פאר ריין־אידיש, באפרייט פון דייטשמערישקייט און זיך גענומען היטען פאר דעם פארשפּאנישטען זשארגאן.

אין די בוענאס־איירעס'ער אידישע צייטונגען איז געטון געווארען דאס, וואס עס ווערט געטין אין אנדערע לענדער נאר אין ליטערארישע זשורנאלען. בלעטער, וואס האבען אומעטום א שם, אז זיי פּאסען זיך רק צו צום לייענער, האבען אין דעם נייעם ישוב דווקא געזוכט צוצופּאסען דעם עולם צו זיך. אנשטאט די צייטונגען זאלען זיך אראפּלאזען צום עולם, האבען זיי זיך באמיהט ארויפצוהויבען דעם עולם צו זיך. הלוואי וואלט נאר די געזעלשאפטליכקייט ארויפגעצויגען דאס צייטונגס - וועזען אין

83) „פּעליעטאנען", ז. 52.

נישט אראפגעצויגען . . .

די אידישע צייטונגען האבען דערצו איבערגע־ נומען פון די שפאנישע בלעטער די מעלה פון ש ר י י ב ע ן א י ן צ י י ט, אויף דער היי־ סער מינוט, ווען דער עולם דארף זיך דערמיט צום שטארקסטען אינטערעסירען. באריכטען וועגען גע־ זעלשאפטליכע פאסירונגען דערשיינען ס'רוב באלד דעם אנדערען טאג, ווען די לייענער פיהלען נאך צום ווארימסטען די פאסירונגען. אונזערע צייטונגען פרעהען זיך ממש, ווען זיי קענען אינם טיטעל פון באריכט אריינגעבען דאס ווארט „געכטען" און זיי לאזען אזא געלעגענהייט נישט אדורך. דער זשור־ נאליסט פון דער בוענאס ־ איירעס'ער אידישער צייטונג מאטערט צופיל אויס זיין מארך, ווייל ער ארבייט א סך, באמת צופיל. פונדעסטוועגען פוילט ער זיך ניט, שפעט אין דער נאכט אויפצוכאפען א לעצטע געשעהעניש און זי קאמענטירען אדער גאר באהאנדלען אויף זיין שטייגער (84).

שרייבער פון אויסלאנד, וועלכע זענען געווען צו גאסט אין ארגענטינע, האבען זיך נישט געקענט אפוואונדערען, וואס אין די ארטיגע בלעטער ווערען טיילמאל אפגעדרוקט גרויסע ארטיקלען וועגען גע־ שעהענישען, וועלכע זענען טעלעגראפיש מיטגע־ טיילט געווארען שפעט אין אווענט. אט איז ארום

---

84) ווען מאריס שווארץ האט דעבוטירט אין בוענאס־ איירעס, האבעןביידע אידישע צייטונגען זיך צו־ געאיילט און באלד אויפן אנדערען טאג ארויס מיט רעצענזיעס. שווארץ האט אויפגעפיהרט (1931) שלום עליכמ'ס „טביה דער מילכיגער", און וואס רודאלף זאסלאווסקי האט פריער (אין 1925) געמאכט א קא־ לאסאלען רושם. האבען די קריטיקער פון די צייטונ־ גען זיך גערעכענט דערמיט, וואס דער עולם איז גע־ ווען געשפאנט צו הערען א מיינונג, כדי צו פארגליי־ כען די אינטערפרעטאציעס. נישט אין ווארשע, אין די בעסטע צייטען, נישט אין א ניו־יארק איז אזוינס געווען; דארטען איז טיילמאל אויסגעקומען צו וואר־ טען אויף א וויכטיגער רעצענזיע א וואך צייט אדער עטליכע וואכען . . .

האַלבער נאַכט אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער און דער קינסטלער איז געשטאָרבען, און אין צוויי־דריי שעה אַרום ווערט שוין געדרוקט אין דער צייטונג טיילמאָל אַ גאַנצער אַרטיקעל, וואָס שאַצט אָפּ דעם קינסטלער, אַנטהאַלט ביאָגראַפישע דאַטעס און אַ כאַראַקטעריסטיק, געשטיצט אויף די אויפטועון, אויף דעם שאַפען.

— ביי אונז אין די צייטונגען — זאָגען דער־רויף שרייבער פון דער פרעמד — קענט איהר דאָס ניט זעהן. טיילמאָל געהט אַריבער אַ וואָך, ביז עס ווערט אָפּגעדרוקט אַן אָפּשאַצונג.

די זשורנאַליסטיק — אין וועלכער עס ווערט אין אַרגענטינער צייטונגען איינגעשלאָסען אַ סך ליטעראַטור, פאָרמען פון בעלעטריסטיק און פון עסיי — זוכט צו אַקטיוויזירען די קנאַפּ־אַקטיווע געזעלשאַפט־ליכקייט און זי טוט דאָס אויף אַ דערהויבע־נעם און דערהויבענדיגען אופן.

שרייבערישע און אידעאישע טענדענצען פון צוויי טיילען אין אַ האַלבען יאָהרהונדערט

אין דעם 50־יאָהריגען יובילײ פון דעם אַרגענטינער אידישען ישוב איז „די אידישע צייטונג" דער מײלשטײן, וואָס טײלט פאַנאַנדער צוויי עפּאָכעס אין דעם געדרוקטען וואָרט. די ערשטע עפּאָכע איז ביז 1914, אַ צייט פון פּרואווען, פון וועלכע ס'איז נישט געבליבען לעבען קיין איין אויסגאַבע. די צווייטע עפּאָכע איז פון 1914, זינט עס האָט אָנגעהויבען דערשײנען „די אידישע צייטונג" (85). וועלכע האָט געהאַט די שווערע אויפגאַבע, צו באַזייטיגען די שלעכטע טראַדיציעס, וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט אויפן געדרוקטען וואָרט, ווי געשווירען. „איך בין געוואָרען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג — האָט געשריבען ל. מאַס — אָנטרעפענדיג אַ שרעקליך שטיקענדע אַטמאָספערע. די געזעלשאַפטליכע טוער, ווי די פּשוט'ע לעזער, האָבען געקוקט אויף אַ צייטונג ווי אויף אַן אָרגאַן פון „מאָרדע רייבעריי". די רעדאַקציע איז שטענדיג געווען פאַרוואָרפען מיט די מיאוס'טע פּאַסקווילען, וועלכע מען האָט געפאָדערט צו פאַרעפענטליכען. יעדער אַבאָנענט, אַווּיסאַדאָר און געזעלשאַפטליכער עסקן איז געווען זיכער, אַז די צייטונג מוז שטעהן צו זיינע פּערזענליכע דינסטען געגען זיינעם אַ פּשוט'ען קאָנקורענט אָדער געזעלשאַפטליכען קאָנקורענט אויף

---

85) דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 15־טען נאָוועמבער 1914.

אַ בענקעל; דער איידעם האָט געוואָלט אויסגיסען זיין צאָרן אויף זיין שוויגער אין ציימונג, אַז אָפּגענאַרטער חתן אויף זיין כלה א. א. ווען מען האָט אַזעלכע פּערעל נישט געוואָלט דרוקען, האָט מען אָנגעבאָטען געלד, זייענדיג זיכער, אַז פאַרן אייגענעם געלד קען מען שוין אוודאי שרייבען וואָס מען וויל. איך האָב איינגעזעהן, אַז איך האָב דאָ צו טוהן מיט אַ עקעלהאַפטער פּרעסע־ירושה, וועלכע אייניגע פאַרשווינען האָבען איבערגעלאָזט, אַרבייטענדיג אויף דעם פּרעסע־געביט, גיסענדיג „פלעשער טינט” ווען מען האָט זיי פאַר דעם באַצאָהלט” (86). עס איז דעריבער זעהר־סימפּטאָמאַטיש. וואָס זינט עס האָט אָנגעהויבען דערשיינען „די אידישע ציימונג” האָט אַ. ווערמאַנט׳ס „פאָלקס שטיממע” מעהר נישט געקענט עקזיסטירען און עס האָבען נישט געהאָלפען די באַמיהונגען פון גוטע־ברידער, וועלכע האָבען געוואָלט באַנייען דאָס ו.א־בענבלאַט.

אין יענעם יאָהר, 1914, האָט דוד גאָלדמאַן געהאַט געשריבען, אַז „אונזער פּרעסע שטעהט אויף אַ פיל נידעריגער גייסטיגער שטופע ווי אונזער געזעלשאַפט” (87). אין די 25 יאָהר, אין דער צווייטער עפּאָכע, איז אָבער דאָס געדרוקטע אידישע וואָרט אין אַרגענטינע אַזוי געשטיגען, אַזוי זיך דערהויבען, אַז ווען מ׳שטעלט זיך די פראַגע, וואו געפינט זיך דער גרעסטער אויפטו פון דעם ישוב, אַן אויפטו וואָס אימפּאָנירט זיך אינם לאַנד און אויסלאַנד, פאַלט דער ענטפער בלי שום ספק אויף דער זשורנאַליסטיק, אויפן ציימונגס־וועזען. אין דער צווייטער העלפט פון 50־יאָהריגען יובילייאיז דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט געוואָרען ד אַ ס אַ ר ג ע נ ט י נ י ש ס ט ע שאַפען פון די אידען ביי די ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ.

אין 1914 איז אין „די יודען אין אַרגענטינע” אָנגעגעבען געוואָרען, אַז עס זענען שוין ביז יענער צייט דערשינען „בערך 40 פּעריאָדישע שריפטען פון

---

86) יובילייאויסגאַבע צום 10־טען אַניווערסאַר פון „די אידישע ציימונג”, י. 1924, ז. 35.

87) „די אידען אין אַרגענטינע”, ז. 43.

אַלערליי סאָרטען, מאָנאַטליכע, וועכענטליכע, צוויי־וועכענטליכע און טעגליכע (88). אין 1938, אויף דער ערשטער בוך־ און פּרעסע־אויסשטעלונג, אָר־גאַניזירט אין בוענאָס־איירעס, פון אידישען ווי־סענשאַפטליכען אינסטיטוט, זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען 130 פּעריאָדישע שריפטען. וועלכע זענען ביז דער צייט דערשינען (89). ביידע סטאַטיסטיקעס זענען נישט קיין קאָמפּלעטע. מיט דער צייט, אַז עס וועט שטאַרק און פּינקטליך נאָכגעזוכט ווערען. וועט די צאָהל דערשינענע אויסגאַבעם אין אַרגענ־טינע, ביז דעם 50־יאָהריגען יובילײ, פון מאָנאַטלי־כע, וואָכענטליכע, צוויי־וואָכענטליכע און טעגליכע. געווים צוקומען צו דער צאָהל פון 200 (90). איבער אַזאַ פרוכפּערדיגקייט איז נאַטירליך, אַז דאָס דער־שיינען פון אַ נייער אויסגאַבע אין אַרגענטינע איז זעלטען ־ זעלטען באַטראַכט געוואָרען ווי אַ דער־איינעניש. ס׳רוב איז אַ נייע אויסגאַבע באַטראַכט געוואָרען ווי אַ „קינדער־קראַנקהייט”... אַזאַ באַצי־הונג איז אויך געווען צו נייע שרייבער: זייער שריי־בען איז ס׳רוב באַטראַכט געוואָרען ווי אַ „קינדער־קאַפּריז” . . .

אין דער ערשטע עפּאָכע זענען געמאַכט געוואָ־רען עקספּערימענטען, סיי מיט אויסגאַבעם, סיי מיט שרייבער. אין דער צווייטער עפּאָכע איז שווערער געוואָרען דאָס באַפעסטיגען זיך אין געדרוקטען וואָרט. און איצט, נאָכן 50־יאָהריגען יובילײ פון

---

88) ד״ז.

89) „רשימה פון דער ערשטער בוך־ און פּרעסע־אויס־שטעלונג, דורכגעפיהרט פון 16 ביז 30 יולי 1938”, האָט אנטהאַלטען 837 עקספּאָנאַטען פון אידיש, שפּאַ־ניש און העברעאיש.

90) די צענטראַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו ביים ייווא, דערעפענט אין ב״א אין 1939, פונקט צום 50־יאָה־ריגען יובילײ פון ישוב, ווערט דער מוזיי און דער פנקס פון דער אידישער געשיכטע אין אַרגענטינע. דער שרייבער, איבערהויפּט דער פאָרשער, און דורכ־דעם אויך דער לייענער, דאַרף זעהן אין דער צענ־טראַלער ביבליאָטעק, אַרכיוו און איווא די וויכ־טיגסטע קולטור־אַרבייט אין אַרגענטינע.

ישוב, ווערט דעפיניטיוו באַשוועךט דאָס אַרויפ־
שטייגען אין שרייבעריי. אַ ר ו י ס ג ע ב ע ן
אַן אויסגאַבע איז אפשר נישט
שווערער ווי פריער, אָבער ווע־
רען אַנערקענט אַלס אַ שרייבער
איז אָהן אַ פאַרגלייך שווערער
ווי פריער. אויף אַרויסציגעבען אין אַר־
גענטינע אַ זשורנאַל, דאַרף מען האָבען געלט אָדער
קענען קריגען אַנאָנסען, אין אייגענעם זכות, אין
זכות פון גוטע־ברידער, וועלכע עס אינטערעסירט
אין דעם פאַל ווייניג, צי דער זשורנאַל איז יאָ נוי־
טיג אָדער נישט. „קוניע". דאָס האָט אָבער גאָרנישט
צו טון מיטן „זיין אַ שרייבער". און די, וועלכע האָ־
בען נישט אין זיך קיין שרייבער־בלוט, האָבען דעווי־
בער ווייניגער קוראַזש ווי אַמאָל.

צאָהלרייך איז אין אַרגענטינע די סטאַטיסטיק
פון אַזעלכע, וואָס האָבען אַ לאַנגע צייט געשריבען
און זענען פאַר דער צייט אַראָפּ פון האָריזאָנט, נישט
ווייל זיי זענען מיד־געוואָרען, נאָר ווייל זיי האָבען
דערשפּירט, אַז מען נעהמט זיי נישט אָן אַלס שריי־
בער. טייל האָבען געוואָלט דערווערבען אַ פּאָזיציע
פון שרייבער אין זכות פון געזעלשאַפטליכער אַר־
בייט. אָבער דאָס האָט אויך אויפגעהערט צו ווער־
קען. שרייבער ווערען גיכער געזעלשאַפטליכע טוער.
איידער געזעלשאַפטליכע טוער — שרייבער. זיין
אַ שרייבער ווערט וויכטיגער ווי דאָס
וועלען זיין אַ שרייבער.

אַז מען לייענט היינט, וואָס עס האָבען גע־
שריבען אין אַרגענטינע מיט צוואַנציג יאָהר צוריק
שרייבער אויף אַלע געביטען, אַזוי זשורנאַליסטען,
ווי בעלעטריסטען, זעהט מען, אַז — מיט זעלטענע
קליינטשיגע אויסנאַמען — זענען געבליבען ביים גע־
דרוקטען וואָרט אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט מעהר
פעהיגקייט ווי אַנדערע. די, וואָס האָבען אַמאָל זיך
באַוויזען מיט טאַלאַנט, זענען שפּעטער אויפגעשטי־
גען און האָבען דערגרייכט גרעסערע פּאָזיציעס.

נישט אמת, אַז נאָר מיט „עלענבויגענס" האָ־
בען אידישע שרייבער אין אַרגענטינע דעראָבערט
פּאָזיציעס, אויף וועלכע זיי זענען געבליבען. געווען
אַנדערע, וועלכע האָבען געהאַט אפשר מעהר „עלענ־

בויגענס", צומאָל מעהר פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ק אָ נ ד י צ י ע ס, נאָר דאָס האָט זיי נישט פאַר־זיכערט קיין פּאָזיציע אַלס שרייבער.

די ספּעציפישע באַדינגונגען פון געדרוקטען וואָרט, ביי דעם מאַנגעל פון שרייבער, האָבען גע־שאַפען דעם איינדרוק, און אַזוי איז טאַקע געווען א סך יאָהרען, אַז די נויטיגסטע קאָנדיציע פאַר דערפאָלג איז געווען — א סך שרייבען. וואָס מעהר א שרייבער האָט געקענט „שיטען שורות", אַלץ מעהר שאַנסען האָט ער געהאַט צו פאַרנעהמען „אַן אָרט".

— ווי אַזוי קענט איהר אַזוי פיל שרייבען?
— וואונדערען זיך דערפאַר שרייבער פון אויסלאַנד און דערביי וואָרענען זיי — מען טאָר נישט אַזוי פיל שרייבען!

דאָס דאָזיגע „אַזוי פיל שרייבען" איז א ירושה פון פריהערדיגע צייטען. מיט יאָהרען צוריק, איידער עס האָט זיך איינגעבירגערט דאָס צייטונגס ־ ווע־זען, האָט געוועלטיגט דער, וואָס איז געווען, לויטן רוסישען ווערטעל, „א מייסטער אויף אַלע הענט". א סך מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען, ווי י. ש. ליאַכאָוויצקי'ס חסידים, וועלכע האָבען איהם גע־זעהן ביים שרייבען, זענען פון איהם געווען באַ־גייסטערט — נישט ווייל ער האָט געשריבען בעסער פון אַנדערע — נאָר מחמת ער האָט געקענט שריי־בען עטליכע זאַכען פאַראַמאָל. ליאַכאָוויצקי פלעגט איינער אַליין באַזאָרגען א גאַנצע דרוקעריי פון א צייטונג מיט זאַץ. אַזוי ווי מען פלעגט אין יענע־צייט מאַכען א צייטונג מיט האַנט ־ זאַץ, פלעגט ליאַכאָוויצקי אָנשרייבען פאַר איינעם א פאַר שורות פון א לייט־אַרטיקעל און איהם געבען זעצען, פאַר א צווייטען א פאַר שורות פון א פּאָליציי־כראָניק, פאַרן דריטען זעצער געבען א שטיקעל פּאָרזעצונג פון אַן אייגענעם ראָמאַן און פאַר א פערטען א שטי־קעל פון אַן אַרטיקעל וועגען ליטעראַטור — „אין קיין איין זעצער איז ניט געשטאַנען ליידיג"... אין יענע צייטען, פּיאָנערען ־ צייטען, איז דאָס געווען א גוואַלדיגער אויפטו. היינט געהערען אָבער אַזעל־כע אויפטוען צו אַנאָנימע „רעדאַקציע ־ מענשען".

אַזוי גערופענע „הענט”, וועלכע זענען זעהר־נויטיג און זעהר־נוציליך, נאָר זיי שפּילען היינט נישט קיין ראָלע אין שרייבעריי, אַזוי אין דער זשורנאַליסטיק, ווי אין דער ליטעראַטור. פריער איז אַזאַ פעהיגער „רעדאַקציע־מענש” באַטראַכט געוואָרען ווי דער קאַפּיטאַן פון שרייבעריי.

די איינוואַנדערונג פון נאָך דער אייראָפּעאישער מלחמה האָט אַריינגעפיהרט מענשען, וועלכע האָבען געבראַכט אַחוץ טאַלאַנט אויך נייע באַגריפען פון אונזער קולטור־אַנטוויקלונג. זיי זענען דערצויגען געוואָרען אויף די דערגרייכונגען פון דער אידישער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָהרען. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך מאָדערניזירט דאָס אויסזעהן פון דער אַרגענטינער זשורנאַליסטיק און אַנהויבערישער ליטעראַטור.

אויך היינט זענען דאָ שרייבער, וועלכע האַלטען זיך אין גרויסען מיט דעם, וואָס זיי שרייבען וועגען אַלץ, וועגען קונסט און בענק־אָפּעראַציעס, וועגען טעאַטער און קאַלאָניזאַציע, וועגען פעדאַגאָגיק און מלחמה־סטראַטעגיע, וועגען פילאָלאָגיע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע — אויף אַלץ באַטראַכטען זיי זיך אַלס „ספּעצען”. אַזעלכע „אַלץ־וויסערס”, ווי אומגעהויער פיל זיי זאָלען שרייבען, האָבען נישט אין די לעצטע יאָהרען דאָס גליק צו ווערען פאַרעהרט. פונקט פאַרקעהרט: היינט ווערען אַנערקענט און פאַרעהרט די, וועלכע קענען אָנגיהערען די געדאַנקען און געפיהלען מיט וואָס־וועניגער שורות, אַבי עס זאָל נאָר זיין קאָנצענטרירונג, תוכן, אייגענס.

נישט מיט כמות קען מען היינט זיגען אין שרייבעריי. קוואַנטום שרעקט קיינעם מעהר נישט אָפּ. דער לייענער זוכט איכות. כדי צו ווערען אַנערקענט אין שרייבעריי, דאַרף דער שרייבער זיך דערהויבען אין קוואַליטעט פון וואָרט, געדאַנק און געפיהל. קומען צו אייגענס. קריגען אַן אייגען פּנים. כאַראַקטער. פּערזענליכקייט.

די אַרגענטינער אידישע פּרעסע האָט נישט איבערגענומען די מידה פון דער שפּאַנישער. אין די שפּאַנישע צייטונגען הערשט אַ סיסטעם פון אַנאָנימער שרייבעריי. די דאָזיגע סיסטעם רעדוצירט

שרייבער, ווייל זי באשרענקט זיי אין דער ענגשאפט פון אינפארמאציע און אלגעמיינער „שטעלונג פין דער צייטונג”. אין דער אנאנימער שרייבעריי ווערט אויסגעמיטען דאס פערזענליכע, וואס קען נישט ווע־רען „פון אלעמען אנגענומען”, מעג דאס פערזענ־ליכע זיין ווי אייגענארטיג און אינטערעסאנט. אבער דער אנאנימער שרייבעריי זעהט מען נישט ארויס אין דער בוענאס־איירעס'ער שפאנישער פרע־סע אזא שפילעוודיגען, אייגענארטיגען זשורנאליסט און שריפטשטעלער ווי אלבערטא גערשונאוו (91), וועלכער איז זעהר־אינטערעסאנט, ווען ער שרייבט אויף זיין קאפריזנעם, סטילרייכען, פארביגען און עמפינדליכען שטייגער, אונטער זיין נאמען. אט־די מידה פון אנאנימער שרייבעריי, וואס איז אין די מעהרסטע שפאנישע צייטונגען דערפירט געווארען ביזן עקסטרעם, ווערט נישט נאכגעאמט אין די אי־דישע צייטונגען. פארקעהרט: אין דער אידישער פרעסע איז פאראן א טענדענץ, צו אנטוויקלען דאס פערזענליך־אייגענארטיגע פון שרייבער, וואס האט חן אין די אויגען פון די לייענער. און די דאזיגע טענדענץ איז א ברכה פאר אונזער געדרוקטען ווארט.

דורך דער פערזענליכער שטימע, וואס אונזע־רע צייטונגען קולטיווירען, האט ארגענטינע געווא־נען אין די לעצטע יאהרען א רייע שעהנע זשורנא־ליסטען, אויך איינינע פובליציסטען, פאעטען, דער־צעהלער און עסעאיסטען. און אזוי אויך אידייאיש.

פאר דער דערהויבונג פון ווארט האבען ביי־געטראגען גראד אזעלכע, וואס ווערען געוועהנליך

---

91) גערשונאוו, מיטרעדאקטאר א סך יאהרען פון „לא נאסיאן”, וואו ער שרייבט ס'רוב לייט־ארטיקלען אדער נעקראלאגען, ווערט באטראכט ווי דער בעסטער אר־גענטינער סטיליסט אין שפאניש, וואס ער באווייזט אין זיינע עסעיען, אויך אין זשורנאליסטיק אונטער זיין נאמען און אין זיינע דערצעהלונגען, צווישען וועלכע א סך זענען אויף אידישע טעמעס, ס'רוב פון דער אידישער קאלאניסטישער סביבה, געדרוקט פון צייט צו צייט אויך אין „די אידישע צייטונג”, אין איבערזעצונג.

נישט באַטראַכט, אַז זיי זענען פאַראינטערעסירט אין דער דערהויבונג פון וואָרט: פּאַרטיי־מענשען. אידייען־מענשען, וועלכע האָבען גענומען דאָס וואָרט צו דינסט פאַר זייער אידייע.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער פּרואוו פאַר דער ערשטער טעגליכער צייטונג אין אַרגענטינע איז געמאַכט געוואָרען דורך פּאַרטיי־מענשען. „עסעסאָווצעס", וועלכע האָבען געוואָלט אָריענטירען די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטען, זענען אין 1906 אַרויס מיט אַן אינפאָרמאַטיווען ביולעטין, „נאַכריכטען", וואָס איז נאָכדעם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טאָג־בלאַט, אונטערן נאָמען „דאָס אידישע לעבען", רעדאַקטירט פון מאיר פּאָלאַק און אַדמיניסטרירט פון מרדכי סטאָליאַר. אין דעם 4־זייטיגען בלעטעל פון ביולעטין־פאָרמאַט האָט די „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן", די אַרויסגעבערין פון „דאָס אידישע לעבען", געהאַט מוט אויסצולאַכען די ציוניסטען און די באַלעבאַטים, וואָס האָבען עקספּלאָאַטירט די אַרבייטער. און דאָך, נישט געקוקט אויף דער קליינקייט פון דעמאָלטיגען ישוב, האָט די ס"ס־גרופּע געהאָפט, אַז דאָס טאָגבלאַט וועט קענען עקזיסטירען. „די אויפגאַבען פון אונזער צייטונג — איז דאָרטען געשריבען געווען אין אַ לייטאַרטיקעל וועגען „דאָס אידישע שפּיטאָל־הויז" — זענען, וואָס טיפער צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די ברייטע מאַסען. אַלס אַזעלכע מוזען מיר וואָס קלאָהרער אַרויסשטעלען זיינע נויטיגקייטען, סיי די באַלדיגע, סיי די צוקונפטיגע. אונזער פליכט איז אָנצוצייגען אויף די מיטלען וועלכע קענען אָנגענומען ווערען און אויף וויפיל עס איז נאָר מעגליך מיטהעלפען דער וואָס גיכערער פאַרווירקליכונג" (92). „דאָס אידישע לעבען" איז אָבער אַרויסגעגאַנגען נישט מעהר ווי 17 טעג. דאָס איז, אַגב,

(92 „דאָס אידישע לעבען" נומ. 8, פון 12־טען דעצעמבער 1906.

געווען דער גרעסטער פּרואוו, וואָס מ. פּאָליאַק האָט געמאַכט אין דער זשורנאַליסטיק. דיפּלאָמירט אַלס אַפּטייקער, האָט פּאָליאַק זיך געווידמעט אויך צו געזעלשאַפטליכער אַרבייט, אָנפאַנגס אַלס פּ״צ, פון 1924 אַריבער צום עקסטרעמען לינקס, שפּעטער זיך געווענדעט צו אַלגעמיינעם אידישען סאָציאַליזם אָבער שרייבען האָט ער מעהר נישט געוואָלט. גע־ווען אַ צייט, ווען ער איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער שעהנסטער אידישער רעדנער אין אַרגענטינע. נאָר שרייבען — האָט ער איבערגעלאָזט פאַר אַנ־דערע (93).

אויך אויפן געביט פון שעהנער ליטעראַטור איז דער בעסטער אָנהויב געמאַכט געוואָרען אין אַרגענטינע דורך אַן אידייען־זשורנאַל. „לעבען און פרייהייט", וואָס איז דערשינען אין איין יאָהר מיט „דאָס אַרבייטער־לעבען", אין 1908, האָט אינם זכות פון „אַנאַרכיזמוס קאָמוניזמוס" אַרויסגעגעבען עט־ליכע שעהנע נומערען פון זשורנאַל, ביז גאָר לוקסוס־דיג געדרוקט, רעדאַקטירט פון פּ. שפּרינבערג און ע. עדעלשטיין. אונטער די הילעס, וואו עס זענען געווען די פאָטאָגראַפיעס פון אַנאַרכיסטען - קאָ־מוניסטען, ווי קראָפּאָטקין, טאָלסטאָי, באַקונין, לואיז מישעל און אַנדערע, זענען געווען געדרוקט לידער פון ערשטען רעדאַקטאָר, פון נח וויטאַל, פּ. כ״ץ, י. ווילקאָוויניצער, אויך סקיצען פון זיי און פון ישראל העלפמאַן און אַנדערע. די מעהרסטע מיט־אַרבייטער זענען קיין אַנאַרכיסטען נישט געווען. אָבער זיי זענען געווען גרייט אומעטום צו באַווייזען זיך מיט זייערע פעהיגקייטען. פּ. שפּרינבערג, פאַרכאַפּט פון טעאָזאָפיע, האָט געמאַכט אין 1913 אַ צווייטען פּרואוו פון אַ ליטעראַרישען זשורנאַל, א״נ „שטראַהלען", אויך לוקסוסדיג אַרויסגעגעבען,

93) מ. פּאָליאַק האָט אפילו נישט געוואָלט שרייבען קיין זכרונות פון זיין צייט. ער האָט געהאַלטען, אַז עס זענען געקומען בעסערע שרייבער ווי ער, און אַז זיין שרייבען איז געווען נישט מעהר ווי אַ צופאַל,

לויט די אילוסטראציעס אין אן עהנליכען גייסט. ווי ער האט איינגעפיהרט אין זשורנאל „לעבען און פרייהייט”, בילדער וואס דערמאנען אין קלויסטער... מלאכים, פליגלען, קינדערלאך מיט פליגלען, הימלען... כדאי דא צוצוגעבען. אז דער רעדאקטאר פון די ערשטע ליטעראַרישע זשורנאלען אין ארגענטינע, פ. שפרינבערג, וועלכער האט אליין געשריבען לידער, איז געווען פון די ערשטע, וואס זענען אוועק פון ליטעראטור, פונקט ווי מאיר פאלאק, דער ערשטער רעדאקטאר פון א טעגליכער צייטונג, איז אוועק פון דער זשורנאליסטיק.

עס האט געפעהלט אויסדויער אין די ארגענטינער אידישע זשורנאלען. אויסדויער, צו געווינען אן אייגענע פאזיציע. שטארק קענטיג אומעטום די אימיגראנטישע אומגעדולדיגקייט: שנעל אנגעוואַרימט ווערען, אבער אויך שנעל ווערען אפגעקילט...

געווען א זשורנאל „ברויט און עהרע”. אין 1909, געגרינדעט פון לעאן כאזאנאוויטש און שפעטער רעדאקטירט פון זלמן סארקין. א פועלי־ציוניסטישער זשורנאל, האט ער געהאט, אי קאמפסלוסטיגקייט, אי סענטימענטען פאר ליטעראטור. ווען ער וואלט פארגעזעצט געווארען פון די שרייבער אין דעם גייסט, וואלט ער אפשר עד־היום עקזיסטירט. „ברויט און עהרע” האט געשאנקען פלאץ פאר ליטעראטור. געלייענט אויך אויסער ארגענטינע, האט אבער „ברויט און עהרע” נישט געפונען קיין נאכפאלגער—נאך פאליציי־רדיפות. די פועלי־ציון האבען ארויסגעגעבען זשורנאלען פאראייניגטערהייט, פונקט ווי נאך דער שפאלטונג (אין 1921). „די נייע צייט” און שפעטער, ביז היינט, „אונזער צייט”, פון רעכטען פליגעל, און באלד נאך דער שפאלטונג „דאס ארבייטער - ווארט”, פון לינקען פליגעל, זענען נישט דערגאנגען צו דער ווירקונג פון „ברויט און עהרע”. די הויפט־סיבה איז דאס. וואס אין די זשורנאלען ווערט דער אויבענאן געגעבען פאר זשורנאליסטען, וועלכע זענען רעדאקטארען אין צייטונגען און וועלכע קענען אין די צייטונגען זאגען אלצדינג, וואס זיי האבען צו זאגען. און זעלטען פארגינען זיי זיך צו זאגען אין די פארטיי־זשורנאלען, וואס זיי קענען ניט זאגען ביי זיך אין

דער צייטונג... די לייענער, אַפילו די אייגענע פּאַרטיי־חברים, לייענען דעריבער גערנער די דאַזיגע שרייבער אין די טאָג־צייטונגען, איידער אין זייערע אייגענע זשורנאַלען, וואו זיי ווייסען שוין, וואָס זיי וועלען לייענען . . .

אמאָל, ווען אַ זשורנאַל האָט געקענט האָבען אייגענע שרייבער, וועלכע זאָלען ניט זאָגען דאָס זעלביגע אין אַ טעגליכער צייטונג, האָבען זשורנאַלען געהאַט אַ בעסער מזל. „דער אוואַנגאַרד״, גאַנפאַנגס, 1908, רעדאַקטירט פון ש. קאַפּלאַנסקי (94) און באַלד דערנאָך, ביזן 1920, ביזן סוף, פון ב. וואַלד, האָט געהאַט מזל. ער האָט זיך אָפּגעגעבען נישט בלויז צו פּאַרטיי־פראַגען, טעאָריעס, אַרגענטינישע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, מיט פּובליציסטישער ברייטקייט, נאָר האָט אויך געשאַנקען אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט צו בעלעטריסטיק און דורכדעם געשפּילט אַ באַדייטענדיגע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון געדרוקטען וואָרט. אַ רייע יאָהרען איז „דער אוואַנגאַרד״ געווען דער צענטער פון דער אידישער בונדיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג (95). אַלס זשורנאַל, וואָס האָט געגעבען ברייט פּלאַץ פאַר פּובליציסטיק, האָט „דער אוואַנגאַרד״ פאַרעפענטליכט אַרטיקלען און אויך טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען פון באַקאַנטע אויסלענדישע סאָציאַליסטען. אין באַצוג צו ליטעראַטור האָט דער בונדישער זשורנאַל, וועלכער איז אין אַרגענטינער פראַגען געווען אָריענטירט פון דער אָרטיגער

---

94) ש. קאַפּלאַנסקי געהערט אויך צו די אמאָליגע שרייבער־רעדאַקטאָרען, וועלכע האָבען זיך צוריקגעצויגען פון שרייבעריי, ווייל זיי האָבען דערזעהן בעסערע פון זיך, און זיי האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר זיך.

95) „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״, שפּעטער גערופען „פאָלקס־ביבליאָטעק״, וואָס איז סעקוועסטרירט געוואָרען, נאָכדעם ווי די קאָמוניסטען האָבען זי פאַרכאַפּט, איז געווען די קולטור־פעסטונג פון „אוואַנגאַרד״. די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אין 1914 דורכגעזעצט אַז עס זאָל פאַרקומען דער ערשטער קולטור־קאָנגרעס, אין לאַ פּלאַטאַ, וואָס איז ביז 1940 דער איינציגער אידישער קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, געווען זעהר־ליבעראַל און האָט דורכדעם צוגעצויגען אויך שרייבער פון גע־נערישע לאַגערען (96). דאָס איז אָבער אַלץ מעג־ליך געווען נאָר אין דער ערשטער עפּאָכע פון גע־דרוקטען וואָרט, איידער די צייטונגען האָבען אָריינ־גענומען די בעסטע שרייבער.

„אונזער וואָרט", אין 1911, אַ וואָכענבלאַט, רעדאַקטירט פון פּ. וואַלד, האָט זיך פּאַרמאָסטען צו האָבען מיטאַרבייטער דירעקט פון אויסלאַנד, און האָט געהאַט צווישען אַנדערע מ. אָלגינ'ען און (פּראָפּ.) ל. הערש פאַר געצאָהלטע מיטאַרבייטער. (צאָהלען איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער אויפטו!). פון דעם 11־טן נומער איז אָבער „אונזער וואָרט", צוליב דוחק אין געלט, אַריבער צום „אַוואַנגאַרד" און איז אינגיכען אונטערגעגאַנגען. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער פּרואוו פאַר אַן אויסגאַבע אויף פּראָפעסיאָנעלע שרייבער ־ יסודות.

אין דער צווייטער עפּאָכע האָבען אַ באַזונ־דערע פּאָזיציע באַוויזען זיך צו שאַפען בלויז די קאָמוניסטען און דאָס איז געווען אַזוי לאַנג, ווי זיי זענען געשטאַנען אין קאָנפליקט מיט אַלע טעג־ליכע צייטונגען. דאָס וואָכענבלאַט „דער רויטער שטערן", וואָס האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין 1923, איז געווען דער אָנהויב פון אַ ציקל קאָמו־ניסטישע אויסגאַבעס, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווייל זיי האָבען אַלעמען באַקעמפט מיט אַזאַ פאַנאַטיזם, וואָס איז אין קיין שום אַנדער אויסגאַבע נישט געווען. אָהן גרעניצען און אָהן סקרופּולען, האָט „דער רויטער שטערן" איינגעפירט אַ זידעל ־ סיסטעם פון ערגסטען מין, שמוצענדיג יעדען געגנער מיט די ברוטאַלסטע מיטלען, שטעמ־פּלענדיג יעדען געגנער פאַר אַ פינסטערלינג, אַ פאַרברעכער, אַ מערדער, אַן אויסוואָורף . . .

די שרייערישקייט, וואָס איז רעקלאַמירט גע־וואָרען אַלס רעוואָלוציאָנערער מוט, איז אויך געווען די סיבה, וואָס דער קאָמוניסטישער ליטעראַרישער זשורנאַל „נייוועלט", רעדאַקטירט פון ה. בלאָשטיין

96) אין „אַוואַנגאַרד" האָט מיטגעאַרבייט אַפילו אַזאַ ציוניסט און העברייער ווי יוסף מענדעלסאָן.

האָט געהאַט דערפאָלג. די שרייבער מיט ה. בלאָ־שטיין אין דער שפּיץ האָבן דאָן אין ציַיטונגען ניט מיטגעאַרבייט (97) און אין זייערע אויסגאַבעס האָבען זיי געמאַכט דעם טומעל פון די אַלטמאָדישע „בעזבאָזשניקעס". ווען עס איז אָבער אָנגעקומען די צייט פון „פאָלקספראָנט" און די קאָמוניסטען האָבען געקראָגען אינסטרוקציעס, צו האַנדלען „ווי לייטישע מענשען", סטאַטעטשנע, אויסמיידענדיג דעם אמאָליגען נוסח פון מאָסקווער „עמעס" און ניו־יאָרק'ער „פרייהייט", האָבען די קאָמוניסטישע אויסגאַבעס פאַרלוירען די לייטזעליגקייט אין די אויגען פון עולם. און, אויב די זשורנאַלען עקזיס־טירען יאָ און מעהרען זיך נאָך, איז דאָס אין זכות פון די הילפּס ־ קאַמפּיינען אָדער „אַנטי־ראַסיזם". וואָס פאַר דעם קען מען געפינען סימפּאַטיזירער אַפילו צווישען די שאַרפסטע געגנער פון קלאַסען־קאַמף און סטאַלין ־ היטלער ־ פּאַקט . . .

אויף וויפיל דאָס דערשיינען פון זשורנאַלען איז נישט אין אַרגענטינע אַ פונדאַמענטאַלע באַדער־פעניש, אויב עס זענען נישטאָ קיין ספּעציפישע פּאָזיציעס, באַווייזט דאָס געביט — פון האַנדעל. וואו זענען פאַראַן נאָך־קאָנקרעטערע באַדערפעני־שען ווי אין האַנדעל? איז אויב אַ זשורנאַל ווי „דער אידישער סוחר", וואָס איז דערשינען אין 1910 אונטער דער רעדאַקציע פון י. ש. ליאַכאָ־וויצקי, וואָלט געווען אַ נויטווענדיגקייט, וואָלט ער מסתמא פאַרגעזעצט געוואָרען. ווייזט אָבער אויס, אַז ווען איינער אַ שרייבער דאַרף נישט האָבען דעם אידישען סוחר, דאַרף נישט „דער אידישער סוחר" האָבען דעם שרייבער . . .

---

97) ה. בלאַשטיין איז פון די קאָמוניסטען געווען דער איינציגער, וועלכער האָט געקענט געפינען אין אַ צייטונג אַ פּאָזיציע, נאָר האָט בעסער פאַרטראַכט צו טון אַלץ, אויף צוריקצופאָהרען קיין ראַטענפאַר־באַנד. אַנדערע קאָמוניסטישע שרייבער האָבען, להי־פוך, געזוכט אַריינצוקומען אין אַ צייטונג, אָבער נישט געקענט אַריין. איז אַן אויסנאַהם ־ לאַגע האָבען זיך געפונען די בעלעטריסטען, וועלכע האָבען נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירען, נאָר האָבען געקענט גע־ווינען — פאַרעהרער, פאַנאַטיקער, חסידים.

אַט איז אויפגעקומען אין אַרגענטינע אַ קלאַס סוחרים: „קאָנטעניקעס" (98). טויזענטער אידען פון שטאָדט און פּראָווינץ, ביי דעם באַשעפטיגטע, האָבען געקראָגען אַן אייגענע אויסגאַבע, אין 1925, די „האַנדעלס - וואָד", אַרויסגעגעבען פון ב. שעכטער און ב. אָלשאַנסקי. לויט די פאַר־אינפאָרמאַציעס וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן אינם זשורנאַל, האָט מען געקענט מיינען, אַז די „האַנדעלס־וואָד" איז די אמת'ע נויטווענדיגקייט פאַר יעדען קאָנטעניק. אָבער, ניין. אַז ב. שעכטער האָט אויפגעהערט אַרויסגעבען דעם זשורנאַל, וועלכער איז, אגב, געווען גוט פאַרשפּרייט, האָבען איהם אַנדערע נישט אַרויסגעגעבען. און די קאָנטעניקעס קומען אויס אָהן אַן אייגענעם זשורנאַל . . .

איין־איינציגער זשורנאַל, אפשר איז ער היינט דער שטילסטער אָרגאַן אין אַרגענטינע, „קאָלאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר" — אויפגעקומען אין 1917 אין דעם ענטרע־ריאָס'ער צענטער דאָמינגעז. אָנפאַנגס רעדאַקטירט פון אַסימילאַטאָרישען מיגעל קיפּען — האָט באַוויזען איינצוהאַלטען זיך אין דער צווייטער עפּאָכע פון אידישען געדרוקטען וואָרט אין אַרגענטינע. נאָך לאַנגע גילגולים איז „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר" אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין בוענאָס־איירעס, רעדאַקטירט פון הייסען ציוניסט יצחק קאַפּלאַן, וועלכער האָט דעם זשורנאַל געגעבען אַ אידיש - פאָלקסטימליכען טאָן, אַ באַלעבאַטישען אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערען, אַ מנוחה'דיגען, אַ זאַכליכען, מיט דער הויפּט - אויפמערקזאַמקייט פאַר פּראָפעסיאָנעלע פראַגן. „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר", וואָס עקזיסטירט עד היום אַלס חודש'ניק, איז פרעמד פאַרן שטאָדטישען לייענער, וועלכער הערט אפילו נישט פון איהם, אָבער אין די קאָלאָניסטישע היימען ווערט דער זשורנאַל, נישט בלויז דערהאַלטען, נאָר אויך וואַרים געלייענט.

---

98) דאָס וואָרט „קוענטעניק" וואָלט באַדאַרפט, לויט מיין מיינונג, פאַרביטען ווערען אויף „ק אָ נ ט ע נ י ק", וואָס קלינגט אמת אידיש און וואָס דריקט אויסגעצייכענט אויס דעם באַגריף — אַז מען גיט אויף קאָנטע, צום אויסצאָהלען קאָנטעווייז.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער „קאָלאָניסט קאָאָ־פעראַטאָר", די איינציגע לאַנגיאָהריגע אויסגאַבע פון דער פּראָווינץ, האָט זיך נישט געקענט אויף דער פּראָווינץ איינהאַלטען און איז אַריבערגעפירט געוואָרען אין דער גרויסשטאָדט. די פּראָווינץ האָט בכלל נישט געהאַט קיין מזל צום געדרוקטען וואָרט — אָדער פאַרקעהרט. די פּראָווינץ־אויסגאַבעס האָבען געהאַלטען אין איין פאַלען. וואָס עלטער און גרעסער עס איז געוואָרען דער ישוב, אַלץ קלענער איז געוואָרען די ראָלע פון געדרוקטען וואָרט אויף דער פּראָווינץ, אַלץ מעהר איז די פּראָווינץ געוואָרען אָפּהענגיג פון דער גרויסשטאָדט. ביז עס איז דער־גאַנגען צו דעם צושטאַנד, אַז אין בוענאָס־איירעס — אַלץ און אויף דער פּראָווינץ — גאָרנישט.

— VII —

אין בוענאָס-איירעס — אַליץ, אויף דער פּראָווינץ — גאָרנישט

א י ז ג ע ד ר ו ק ט ע ן ו ו אָ ר ט, פּ ו נ ק ט ו ו י א י ן ט ע אַ ט ע ר, א י ז א י ן אַ ר ג ע נ ט י נ ע ב ו ל ט ד י „מ אַ ק ר אָ ס ע־פ אַ ל י ע". די הויפּט־שטאָדט אַנטקעגען דער פּראָווינץ איז ווי אַ ריזיגער קאָפּ אויף אַ קליינעם קערפּערל . . .

אמאָל האָבען די קאָלאָניסטישע ישובים געמאַכט פּאַרמעסטונגען, אַרויסצוגעבען אייגענע זשורנאַלען. און עס האָבען געפּרואווט קיבוצים פון פּראָווינץ־שטעדט און שטעדטלאַך אַרויסגעבען צייטשריפטען. „דער קאָלאָניסט" (99), „דער יודישער קאָלאָניסט" „דער פערטהיידיגער", „די פּאַמפּא" (100) און אַ

---

99) דערשינען אַרום 1900, עטליכע נומערען; נישט גע־לונגען צו געפינען אפילו איין עקזעמפּליאַר. אונטער דעם זעלביגען נאָמען איז אין 1917 דערשינען אין סאַן סאַלוואַדאָר אַ וואָכענבלאַט, רעדאַקטירט פון ע. נ. מאַרטין.

100) אין ריווערא, אין 1918. פאַרשיידענע אויסגאַבעם אין דער פּראָווינץ האָבען געטראָגען די נעמען פון די שטעדט אָדער געגענטען, וואו זיי זענען דערשי־נען. אַזוי האָט געהייסען „סאַן סאַלוואַדאָר" די אויס־גאַבע, וואָס איז 1915 געווען אין סאַן סאַלוואַדאָר, דריי מאָל אין חודש, רעדאַקטירט פון לוי טאַלטשינ־סקי; „אָוועזשאַנעדאָ'ר שטימע" רעד. פון אַ. שטיל־מאַן, (1925־1933), „קאָרדאָבאַ'ר לעבען" (1928) א. אַ.

סך אַנדערע. די מאָזעסווילער „טריבונאַ" — ריע־דאַקטירט פון אַלטמאָדיש־אינטעליגענטישען היים רינסקי, וועלכער איז געווען אַ שפּאַנישער לע־ער. אַ למדן און אַן אַנגעלייענטער — איז דערשינען מיט קורצע איבעררייסען וואָכענטליך, פון 1922 ביז 1936, געווען זעהר־פּראָווינציעל, מיט אַ פּאַר־שפּאַנישטען זשאַרגאָן, אָבער די לעצטע יאָהרען האָט שוין מאָזעסוויל אַפילו אַזאַ אידישע אויסגאַבע נישט (101). און מאָזעסוויל — דאָס איז שווער צו פאַרגעסען — איז געווען שטאַרק פּריווילעגירט אַנטגעגען אַנדערע צענטערס פון דער פּראָווינץ. געווען פעריאָדען, ווען אין מאָזעסוויל האָבען גע־וואוינט הויכע אינטעליגענטען, וואָס פאַרנעהמען היינט אַ גרויס אָרט אין בוענאָס־איירעס. די מעהר־הייט אידישע שרייבער, אויך פון די בעסטע לע־רער, איז געווען אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט אין מאָזעסוויל. אַמאָל איז פּאַר אַ אידישען אינ־טעליגענט געווען אַן אַמביציע צו וואוינען, אויב נישט אין בוענאָס־איירעס, איז אין מאָזעסוויל. היינט איז מאָזעסוויל אין דעקאַדענץ, די יוגענט אַנטלויפט און די אַסימילאַציע אויפ'ן אָרט וואַקסט שטאַרק. אָבער, אַמאָל? אַמאָל האָט אפילו דער שעף פון דער פּאָסט און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר גערעדט אידיש!... מיט וואָס־זשע דערקלעהרט מען דאָס, וואָס אַזאַ מאָזעסוויל — „ירושלים ד'אַרגענ־טינע" — מיט דעם גרויסן שם און מיט דער צאָהל־רייכער אינטעליגענץ, מיט דער געדיכטער אידישער

---

101) די בעסטע אידישע אויסגאַבע, די בעסטע לויט'ן פּראָווינץ־מאַסשטאַב, וואָס איז דערשינען אין מאָ־זעסוויל, איז געווען דאָס קינדער־בלאַט „זאַנגען", רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבען (22 נומערען, אין י. 1935) פון י. פייערשטיין, אַ דערציילער, אַ לערער פון „יהדות"־שול, וועלכער האָט דורך דעם 6־זייטיגען קינדער־זשורנאַל פאַרשפּרייט אין העברעאיש־אידי־שע שולען דאָס אידישע וואָרט. פייערשטיין האָט אין דער זעלביגער צייט אויך רעדאַקטירט צוזאַמען מיט א. רינסקי'ן „מאָזעסווילער לעבן", ווי עס האָט דעמאָלט געהייסען די „טריבונאַ", אַרויסגעגעבען פון יעקב לאַנגער.

קאָלאָניסטישער באַפעלקערונג ארום שטעדטעל און אויך אינם שטעדטעל, האָט קיינמאָל נישט אַרויס־געגעבען אַן ערנסטע אויסגאַבע? סאַנטאַ־פע ביי אַ צעהנטעל אידען, האָט אַרויסגעגעבען אַ סך אַ בע־סערע שריפט, „אונזער וואָרט", 1932־1934, אַלס 2־וואָכענבלאַט, רעדאַקטירט תחילת פון י. כצמאַן, נאָכדעם — מ. קאָסטרינסקי און לסוף פון י. פּייער־שטיין. אויך ראָזאַריאָ, וואָס האָט געהאט וועניגער אידען ווי מאָזעסוויל אין די גוטע צייטען (102) און וואָס האָט אַ שם אַלס „אַ שווערע שטאָדט". ווייל דאָרטען איז שווערער ווי אין אַנדערע ערטער צו האָבען דערפאָלג מיט טעאַטער, קאָנצערטען פּונקט ווי מיט קאַמפּיינען, דערצו ליגט ראָזאַריאָ נישט מעהר ווי פינפטהאַלבען שעה רייזע פון בוע־נאָס־איירעס מיט גלענצענדיגע טאָג־טעגליכע באַהן־קאָמוניקאַציעס, איז יאָ דאָ אַ לאַנגע טראַדיציע פון וואָכענבלעטער, וועלכע זענען אַלעמאָל געשטאַ־נען אויף אַ העכערער שטופע ווי די מאָזעסווילער „טריבונאַ" (103). ע.־ריאָס (104) האָט ניט גע־

---

102) אין 1939 איז די אידישע קאָלעקטיוויטעט אין ראָזאַריאָ געשאַצט געוואָרען אין צוועלף טויזענט: מאָזעסוויל מיט די קאָלאָניעס פון אַרום האָט יאָה־רענלאַנג געהאַט צעהן טויזענט אידען, מינדעסטענס ניינציג פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

103) מיכל הכהן סיני האָט אויך געמאַכט דעם אָנהויב פון געדרוקטען וואָרט אין ראָזאַריאָ, רעדאַקטירענ־דיג, צוזאַמען מיט יצחק דראַפּקין, 18 נומערען פון אַ וואָכענבלאַט „דער וועקער", אַרויסגעגעבען פון „ת"ת ובית־ספר עברי", אין 1910. אין 1921 האָט אַהרן שלמן, דער פּאַטער און אַקטיוויסטער פון דער רייז־לאָקאַלער פּרעסע, אַרויסגעגעבען „אונזער שפּי־געל"; ער רעדאַקטירט אויך די וואָכענשריפט פון 1940, „ראָזאַריער לעבען", ווי די פריערדיגע „ראָ־זאַריער שטימע" פון 1933. פון 1924 ביז 1928 איז אין ראָזאַריאָ דערשינען אַ וואָכענבלאַט א"נ „דער וועקער", רעדאַקטירט פון משה שענדעריי, וועלכער איז אַ קלוגער זשורנאַליסט און אַ פאָלקסטימליכער רעדנער מיט פיינעם הומאָר.

104) ענטרע־ריאָס האָט אַרויסגעגעבען אַ שטאַרקען קאָ־

האָט אַזאַ מזל, צוצוציהען אידישע אינטעליגענץ, ווי מאָזעסוויל, נאָר פונדעסטוועגען איז זי אין די פּראָוואָוינץ פאַרן געדרוקטען וואָרט לכל־הפּחות נישט אָרימער רעפּרעזענטירט. „ענטרע־ריאָסער טריבונע", אַ וואָכענבלאַט, דערשינען אין באַסאַ־ווילבאַסאַ, רעדאַקטירט פון ש. י. הורוויץ, 1928־1930, האָט געהאַט מעהר טעם (105). אויפ'ן שוועל פון 50־יאָהריגען יובּילוי איז אָבער די גאַנצע אַרגענטינער פּראָוו‌ינץ, מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון קרוב צוויי הונדערט טויזענט נפשות, פאַרטראָטען נישט מעהר ווי מיט איין־איינציגער אויסגאַבּע. דאָס, וואָס האָט באַדייטונג פאַרן געדרוקטען וואָרט, האָט געגעבען און גיט איבּערהויפּט איצטער — בוענאָס־איירעס און בוענאָס־איירעס.

דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט פון אַרגענטינע איז דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט פון בוענאָס־איירעס. די פּראָווינץ ווערט אַלץ פּאַסיווער און פּאַסיווער. די פּראָווינץ האָט פאַרלוירען דעם קוראַזש, ווי נאָר עס האָבען אין בוענאָס־איירעס אָנגעהויבען אַרויסגעהן צייטונגען. שוין אין ווערמאָנט'ס פּעריאָד זענען די בוענאָס־איירעס'ער בלעטער פאַרלאָפען אַלע וועגען און איניציאַטיוועס פון דער פּראָווינץ. „דיא פאָלקס שטימע" האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די קאָלאָניס־

לאָניסטישען פּובּליציסט, ש. י. הורוויץ, ווי די פּראָווינץ סאַנטאַ־פע — דעם מאָזעסווילער נח קאַצאָוויטש. בעת מאָזעסוויל איז כמעט דורכאויס געוועזען שטאַרק נאַציאָנאַל, ס'רוב ציוניסטיש, איז אָבער אין ענטרע־ריאָס געוועזען אַ שטאַרקער שטראָם פון אַסימילאַציע, מיט די קאָלאָניסטישע פיהרער און שרייבער מיגעל סאַכאַראָוו, מיגעל קיפּין, מאַרקאָס וואַרטמאַן, סאָציאַליסטען פון דעם אַרגענטינער אַסימילאַטאָרישען גייסט. אינזשיניער מיגעל סאַכאַראָוו, אַליין אַ קאָלאָניסט, „די נשמה פון אידישען קאָאָפּעראַטיוויזם", איז לעצטענס אַ פאַרענדערטער און ווערט באַטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלען אידען.

105) רוזשאַנסקי און הוראָוויטש זענען געווען די אַרויסגעבער און פּ. ביזבערג, א. גאַמבינסקי, י. פייערשטיין — מיטאַרבּייטער.

טישע אינטערעסען און געגעבן פּלאַץ פאַר קאַרעס־פּאָנדענצן פון גאַנצן לאַנד. די קאָנקורענץ איז אָבער בלויז איינער פון די מאָטיוון, הלמאַי די פּראָווינץ איז אַזוי פּאַסיוו. די אַנדערע מאָטיוון דאַרף מען זוכן אין דער אַלגעמיינער ירידה אויף דער פּראָווינץ. די אַסימילאַציע וואַקסט. די אַפּאַ־טיע איז גרויס. די צעריסענקייט פון פּאַרטייען און צדדים אַהן אידייען איז אומגעהויער ־ שטאַרק. די אינטעליגענטע כוחות זענען קליינע. דער יונ־גער דור איז אָפּגעריסען פון דעם עלטערען. דער עלטערער דור איז נאַכלעסיג. מ'איז צופרידען, אַז מ'האָט פּרנסה. עס פעהלט ענערגיע. עס פעהלט יוגענט. אַ גרויסער טייל פון דער יוגענט אַנטלויפט קיין בוענאָס ־ איירעס אָדער חלומ'ט פון לויפען...

אמאָל, אין די הייסע יאָהרען פון דער קאָלאָ־ניזאַציע, וויפיל דאגות און פּיין עס איז אַלץ גע־ווען, איז אויף דער פּראָווינץ פאַרט געווען אַ שטור־מיש אידיש לעבען און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּי־געלט אין געדרוקטען וואָרט. אין דער קאָלאָניע דאַ־ראַ, פּראַטעזשירט דורך פאַרשידענע אידישע קאָאָ־פּעראַטיוועס פון דער פּראָווינץ ענטרע ־ ריאָס, האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין 1909 אַ צווייוואָכענ־שריפט, „דער יודישער קאָלאָניסט", פון אָנהויב רעדאַקטירט דורך ישראל פינגערמאַן, שפּעטער פון מ. פּוסטילניק. פינגערמאַן, אַ באַלעבאַטישער איז זיינע באַציהונגען צו דער יק"א, האָט געפיהרט דעם זשורנאַל אין רוהיגען געמיט, געזוכט צו ברענגען דעם קאָלאָניסטישען עולם אַלגעמיינעם אידישען לייען־שטאָף און געראָטען צו זיין מיט דער יק"א מילד און ניט באַנוצען קיין עקסטרעמע מיטלען. די צייט איז אָבער געווען אַ טומעלדיגע אין די קאָ־לאָניעס, איז אויך דאָס וואָכענבלאַט געוואָרען טומ־לעריש, ביי דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, און אַזוי איז עס דערשינען ביז 1912, דרוקענדיג אַרטיקלען פון לומדים, אחוץ אַרטיקלען וועגען קאָלאָניסטישע פראַגען און דערצעהלונגען פון קאַמף ־ בעלעטריס־טען.

דער שעהנסטער פּרוּוו פון דער פּראָווינץ איז אָבער געמאַכט געוואָרען דורך דעם וואָכענ־בלאַט „דער פּערטהיידיגער", רעדאַקטירט תחילת

בלויז פון הערמאן קראסילאָווסקי און נאָכדעם בשותפות מיט ח. שקאָלניק. אָנגעהויבן דערשיינען אין אַפּריל 1912 אַלס וואָכענבלאַט, איז „דער פּערטהיידיגער" אַרויס אַ 70 נומערן אין קאַרלאָס קאַסאַרעס און נאָכדעם, פאַרוואַנדעלט אין אַ בלאַט צוויי מאָל אין וואָך, אַריבער אין בוענאָס־איירעס. נאָר הערמאַן קראַסילאָווסקי, אַליין אַ דרוקער, האָט דווקא אין בוענאָס - איירעס נישט לאַנג אויסגעהאַלטען, כאָטש די אויסגאַבע, אין 6 זייטען גרויסען צייטונגס - פאָרמאַט, האָט געהאַט סימפּאַטיע אין פאַרשיידענע קרייזען. ער האָט זיך באַמיהט צו „פערטרעטען אַלע יודישע אינטערעסען פון דער שטאָדט און פּראָווינץ און שטרעבען לויט מעגליכקייט אָפּצושפּיגלען אויף זיינע קאָלומנעס. דאָס יודישע אַרגענטינישע לעבען אין זיין גאַנצער גרויס" (106). און ווירקליך: „דער פּערטהיידיגער", אַרויסגעגעבען נאָך אין דעם קליינעם שטעדטעל קאַרלאָס קאַסאַרעס, האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ צייטונג און האָט געהאַט אַ אידיש, וואָס איז געווען אַ סך אַ בעסערער ווי אין אַנדערע אויסגאַבעס פון יענער צייט (107). להיפּוך צו אַנדערע בלעטער. וואו געוויסע שרייבער האָבען רוי איבערגעגעבען. וואָס זיי האָבען אַרויסגעלייענט פון פרעמדע בלעטער (108), האָט „דער פּערטהיידיגער" איבערגעגעבען אויך אינפאָרמאַציע פון דער פרעמד מיט אַ

---

106) לייטאַרטיקעל אין 73־סטען נומער „דער פּערטהיידיגער", ביים אַריבערציהען זיך פון קאַרלאָס קאַסאַרעס אין בוענאָס־איירעס, 19־טען דעצעמבער 1913.

107) „דער פּערטהיידיגער" איז אונטערגעגאַנגען אָנהויב 1914. געווען אַ פּלאַן, צו מאַכען פון דער אויסגאַבע, וואָס איז אַרויס צוויי מאָל אין וואָך — אַ טאָג־צייטונג.

108) אין „טאָג", למשל, פלעגט פּאַביאַן ש. הלוי איבערזעצען פון דער דייטשישער צייטונג טעלעגראַמעס; האָט ער די ידיעות איבערגעגעבען אַזוי, פּונקט ווי די דייטשען פלעגען שרייבען: „אונזער טרופּען מאַרשירען". און אַזוי איז עס אַ שטיקעל צייט געדרוקט געוואָרען אין אידישען „טאָג": „אונזערע טרופּען מאַרשירען" . . .

אידישען טעם, און דערביי, אגב, זוכענדיג אַ פּרעה־ליכען טאָן אַפילו דאָרטען, וואו עס האָט זיך נישט געפּאַסט קיין פרעהליך ־ מאַכען (109). דער אי־דיש איז געווען אַ זאַפּטיגער, אַ פאָלקסטימליכער. און ס'איז געשאָנקען געוואָרען אויפמערקזאַמקייט. אין דעם בלאַט פון קארלאָס קאַסאַרעס, נישט בלויז צו קליינשטעדטעלדיגע נייעסען, נאָר בכלל פאַר אי־דישע ענינים פון גאַנצען לאַנד, אַזוי פון גרויס־שטאָדט, ווי פון דער אַלגעמיינער פּראָווינץ. מ'קען דערפאַר זאָגען: „ד ע ר פ ע ר ט ה י י ד י ג ע ר" קען ג י ל ט ע ן אַ ל ס ד ע ר ב ע ס ט ע ר פ אָ ר ג ע ה ע ר פ ו ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ט אָ ג ־ פּ ר ע ס ע א י ן אַ ר ג ע נ ט י נ ע.

109) געווען אַ טבע אין אַ סך אַרגענטינער אויסגאַבעס איבערצוגעבען אינפאָרמאַציעס אויף אַ וויצלערי־שען אופן, גלייך ווי עס וואָלט געשריבען געוואָרען פאַר אַ וויצען־אַפּטיילונג. „דער פערטהיידיגער", למשל, האָט איבער אַ ידיעה וועגען אַ גרויסער שרי־פה געגעבען אַ טיטעל „מי באש", וועגען דערטרונ־קענע מענשען — „ומי במים", און וועגען אַ גובער־נאַטאָר, וואָס האָט געזאָלט איבערנעהמען אַ מאַנדאַט, אויף וועלכען עס זענען אין אַ קורצער צייט געשטאָר־בען דריי הערשער, איז געגעבען געוואָרען אַ טיטל „אַ שאַד איינצושטעלען!" . . .

— VIII —

די טעגליכע צייטונגען און זייער אַנטוויקלונג

פאר טעגליכע צייטונגען זענען געמאכט געוואָרען אין ארגענטינע א סך פרואוון. די, וועלכע זענען געבליבען ביז 1940, האָבען אויסגעהאלטען די שווערסטע עקזאמענס און האָבען באדארפט ביישטעהן די גרעסטע נסיונות. זעלבסטפארשטענדליך, אז דעם באָדען האָט צעאקערט די, וועלכע עקזיסטירט צום לענגסטען און וועלכע האָט די ערשטע אויסגעהאלטען — „די אידישע צייטונג". די אנדערע, „די פרעסע", און צולעצט די „מאָרגנצייטונג", האָבען זיך אָפגעלערענט פון איהרע דערפאהרונגען, פון אָנפאנג אָנגעהויבען אלס קאָנקורענץ־אויסגאבעס און ערשט נאָך א לענגערער צייט — געזוכט זעלבסטשטענדיגקייט.

אין די יאָהרען, וואָס „די אידישע צייטונג" האָט דורכגעמאכט פארשיידענע רעדאקציעס, פון י. ש. ליאכאָוויצקי, לוי מאָס, יוסף מענדעלסאָן און די לעצטע עלף יאָהר אונטער דער דירעקציע פון מרדכי סטאָליאר, האָט זי געהאט כל'ערליי דערפאהרונגען, דערגרייכענדיג א פאָזיציע, וואָס רופט ארויס דרך־ארץ אין דער גאנצער אידישער וועלט, ווי אַן עקספאָנענט פון נייעם ישוב, אין א חשוב'ער עלטער, און ווי — א גייסטיגער קיבוץ־גליות.

די ערשטע יאָהרען פון „די אידישע צייטונג" זענען יאָהרען פון עקשנות'דיגער פיאָנערישקייט, וואָס האָט געזיגט אדאנק דער קולטור־באציהונג

אין דער אונטערנעמונג (110). ל. מאַס האָט פון זיין בונדישער פאַרגאַנגענהייט אַרויסגענומען דעם חוש און די ליבשאַפט צום פאָלקס ־ עולם און האָט אַריינגעבראַכט פאָלקסטימליכקייט מיט זיין שריי־בען (111). להיפוך צום ערשטען רעדאַקטאָר, י. ש. ליאַכאָוויצקי, וועלכער האָט ליב ־ געהאַט פאַטאָס, מליצה, הויכע ווערטער, הינטער וועלכע ס'איז ניט

110) עס האָט אַ סך צו זאָגען, וואָס דער אייגענטימער פון „די אידישע צייטונג" איז געקומען צום געדאַנק צו פאַרבינדען זיין גורל מיט אַ טעגליכער צייטונג, זייענדיג אַ בוכהענדלער. די בוכהאַנדלונג פון מ. סטאָליאַר איז געווען די ערשטע אידישע בוכהאַנד־לונג אין בוענאָס־איירעס און זי האָט טאַקע ריכטיג געהייסען „דער אָנפאַנג". דאָרטען, אַרום די ביכער, די נייעסטע, ווי די עלטסטע, האָבען זיך געוואָרימט די, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרען די בעסטע אַר־טיגע שרייבער, ישראל העלפמאַן, פּ. כ"ץ, נח ווי־טאַל: זיי זענען טאַקע נאָכדעם געוואָרען רעדאַקציע־מיטגלידער פון „די אידישע צייטונג". די אַטמאָס־פערע פון דער אידישער בוכהאַנדלונג האָט זיך אַריבערגעטראָגען אויף דער צייטונג. אַ שעהנער, גוטער, גייסטרייכער שרייבער איז פאַרן דירעקטאָר פון „די אידישע צייטונג" שטענדיג געווען חשוב'ער און מעהר־אָנגעלעגט ווי אַ פיל־געלייענטער שרייבער. דר. אַ. קאָראַלניק, למשל, איז געווען פון די פרי־ווילעגירטסטע מיטאַרבייטער אין דער צייטונג.

111) געשטאָרבען דעם 31־סטען יולי 1929. אפילו צו זיין צעהנטער יאָהרצייט איז נישט אַרויס קיין שום זאַמ־לונג פון זיינע כתבים, צווישען וועלכע עס געפי־נען זיך טייל ווערטפולע אַרטיקלען וועגען אידישער קאָלאָניזאַציע, פיינע, באַלערענדיגע פּובליציסטיק, און אַ רייע סקיצען, לייכטע בילדלאַך, פון אידישע טיפּען. ל. מאַס, ווי אַ סך אַנדערע פאַרדינסטפולע שרייבער אין אַרגענטינע, איז נישט פּרעזענטירט מיט קיין שום בוך, כאָטש ביי זיין קבר האָט מען גערעדט וועגען — אַרויסגעבען, ווענינגסטענס, איין בוך פון זיינע שריפטען . . .

אַלעמאָל געווען אַ הויכער זין, האָט לוי מאַס אַוועק־געפיהרט „די אידישע צייטונג" צו פשטות, האָט ביי שרייבער געזוכט פשטות, פונקט ווי ער אַליין האָט זיך באַמיהט צו זיין ביז גאָר פשוט, אָהן פּאָזע, פאָלקסטימליך, אַ מענש פון פאָלק. מאַס איז געווען אַ זשורנאַליסט מיט אַ צוגאַנג פון אַ פּובליציסט. ער האָט געקענט דעם גרויסשטאָדטישען ישוב און ער האָט געקענט די פּראָווינץ — און צו ביידע געהאַט הארציגע באַציהונג. דערצויגען אויף אי־דייען, האָט ער געזוכט אידייען פון פאָלק, איידער ווען ער איז אַוועק פון בונדיזם און געוואָרען אַ ציוניסט, אַ פאָלקיסט, פאַר וועמען אַ ל ע שולען זענען געווען טייער, און דער „איוואָ" איז געווען טייער, און ארץ־ישראל'דיגע אויפטוען זענען געווען טייער. לוי מאַס איז געווען רעדאַקטאָר פון 1915 ביז 1922.

פאַרגעזעצט האָט יוסף מענדעלסאָן, אַ איד אַ למדן, אַ רעכטער ציוניסט, מיט טיפער ליבשאַפט צו אי־דיש, כאָטש אַליין אַ העברייער, וואָס האָט מיט־געאַרבייט אין אַלע העבראַאישע אויסגאַבעם וועלכע זענען דערשינען אין אַרגענטינע. מענדעלסאָן, גע־נויגט צו לערנערישער פּובליציסטישער אַרבייט, מיט רייכער ערודיציע אין דער העבראַאישער און עלטערער אידישער ליטעראַטור, אין דער שפּאַני־שער ווי אין דער רוסישער, האָט אַ סך געאַרבייט, זעהר אַ סך, צופיל, שלאָגענדיג דעם רעקאָרד פון אַ סך שרייבען. אַלס רעדאַקטאָר האָט ער געזעהן אַריינצוברענגען וואָגיגע שרייבער אַלס מיטאַרביי־טער. און אַליין האָט ער זיך פאַרפלייצט מיט זשור־נאַליסטישער צופיל־געאַיילטער אַרבייט און דערפאַר אַרויסגעבראַכט זעהר־ווייניג פון דעם, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט און געקענט אַרויסגעבען דורך — ווייני־גער פּראָדוקטיווקייט. מענדעלסאָן האָט אַלס אי־בערזעצער אַריינגעבראַכט אין אידיש אַ סך ווערק פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור, נאָוועלען, נאָר די בעסטע ביטראָגען זיינע געפינען זיך אין די אידי־שע באַאַרבייטונגען פון מאַראַלעס'עם פאָלקלאָריס־טישע מעשיות, אין וועלכע ס'איז דאָ, אַ סטיל פון אַרכאַישען אידיש, אַ חכמה פון שפּאַנישען דיכ־

טער, אי רייכקייט פון פאַנטאַזיע. מענדעלסאָן האָט
געשריבען און שרייבט אַ סך וועגען ליטעראַטור,
געשיכטע, איבערהויפּט פון דער עלטערער. די אי־
דישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע וואָלט אין דעם
דאָזיגען מתמיד געקענט געפינען איהר אַרבייטס־
זאַמען געשיכטע ־ שרייבער.

פון 1929 האָט „די אידישע צייטונג", אַ פאַר־
גרעסערטע אין איהר פאָרמאַט, מיט איהרע נייע
טעכנישע מיטלען, איינהאַלטליך זיך באַרייכערט. גע־
צוואונגען צו פאַרשיידענע ענדערונגען, וועלכע האָ־
בען אויסגעזעהן אין געגעבענעם מאָמענט ווי צו־
פעליגע, האָט אָבער מ. סטאָליאַר אין משך פון די
לעצטע צעהן־צוועלף יאָהר דערגרייכט, אַז „די אי־
דישע צייטונג" זאָל ווערען גאָר אַנדערש ווי פריער.
אויפן אָרט פון פריהערדיגע אָפטע קאָנפליקטען אי־
בער געזעלשאַפטליכע ענינים איז געקומען רוהיגע
אַרבייט. ליבעראַליזם איז שטאַרקער אונטערגע־
שטראָכען געוואָרען. אָפטמאָל האָבען זיך געפונען
אין דער צייטונג מיינונגען, צו וועלכע „די אידישע
צייטונג" איז אין גרונט געגען. די קאָמוניסטען.
פרינציפּיעל באַקעמפט, האָבען נישט איין מאָל גע־
פונען אין „די אידישע צייטונג" גוטע ווערטער
וועגען זייערע גוטע אַרבייטן. מ. רעגאַלסקי, אַ געזעל־
שאַפטליכער פיהרער און רעדנער מיט פאַטאָס, האָט
מיט זיין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט די טראַדי־
ציעס פון אַנדערע אידישע ישובים, פון דער אַל־
טער היים און פון נאָרד־אַמעריקע, געשאַפען צוזאַ־
מען מיט אַנדערע שרייבער אַ נייע פּאָזיציע און אַ
נייע באַציהונג. אויפן אָרט פון די אַלטע תושבים.
די שרייבער ישראל העלפמאַן און נח וויטאַל, וועל־
כע זענען שוין געווען פולשטענדיג אָפגעריסען פון
די אַלטע אידישע היימען, האָבען פאַרנומען אין רע־
דאַקציע פּלאַץ ניי ־ איינגעוואַנדערטע, מיט נייע
אייראָפּעאישע קולטור ־ טראַדיציעס, אָדער יונגע
מענשען מיט לעבעדיגען אינטערעס פאַר אַלע אי־
דישע פּראָבלעמען, ווי א. ל. שוסהיים, ש. ראָזשאַנ־
סקי, ז. וואַסערצוג. שמואל גלאַזערמאַן איז געווען
פון אַרגענטינער דור און ער האָט זיין לערערישע
התמדה איבערגעטראָגען אין „קינדער ־ ווינקעל"

(112). א. ל. שוסהיים, א זשורנאַליסט מיט פאַר־
נעהם, אַ ליריקער, מיט פיינעם הומאָר, אַ פאָלע־
מיקער מיט פייער, קען אריינברענגען דינגע, שאַר־
פע איראָניע, אָבער קען אויך „געבען איבערן קאָפּ".
האָט צעשלאָגען די מנוחה׳דיגקייט און געשטויכען
צו רעדען וועגען לעבעדיגע, טאָג ־ טעגליכע פראַ־
גען. פון די רעדאַקציע־מיטגלידער יצחק גלאַזער,
יעקב סעגאַל, יודעל ראָסיאַנסקי און יצחק אי־
סאַקסאָן, האָבען גלאַזער און סעגאַל אויך אי־
בערגעזעצט ראָמאַנען און איסאַקסאָן — א
רייהע ווערק פון די נייעסטע באַריהמטע ענג־
לישע פובליציסטען. דר. לעאָן דוכאָווני, מחבר
פון אַ רייהע ווערק וועגען פילאָזאָפיע, שרייבט
דעם שפאַנישען קאָלום, ס׳רוב כראָניק. די לאָקאַלע
מיטאַרבייטער אליהו טראָצקי, ד״ר משה מערקין,
מאַרק טורקאָוו און משה שענדעריי, פאַראינטערע־
סירען מיט אַקטועלע און לאָקאַלע טעמעס. קול־
טור ־ אינטערעסען, פונקט ווי אַלערליי מינים
אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע אינטערעסען, זע־
נען נאָכאַנאַנד געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָג־
אָרדנונג און „די אידישע צייטונג" האָט איז דער
ריכטונג אַ רייע אינסטיטוציעס געהאָלפען — אויב
נישט באַוואויגען — אויסצואוואַקסען. קאָמיטעטען
פאַר הילפס ־ אַקציעס, פאַראיינען, אַקטיאַרען און
שרייבער מיינען, דעריבער, אַז אַ גוט וואָרט אין
„די אידישע צייטונג" איז אַן אָנזאָג אויף דער־
פאָלג . . .

אין „די אידישע צייטונג" איז די אינפאָר־
מאַציע — די באַזע פון דער צייטונג. ווייניג אידי־
שע צייטונגען אויף דער וועלט האָבען איז זייערע
בעסטע צייטען געהאַט אַזאַ רייכע אינפאָרמאַציע
פון אומעטום צוזאַמענגענו־
מען, ווי „די אידישע צייטונג". פריער איז גע־
געבען געוואָרען פרעפערענץ צו ערשט ־ קלאַסיגע
קינסטלער, וועלכע זענען צוגעצויגען געוואָרען אַלס
מיטאַרבייטער: געוועזן אַ היפשער טייל פון ליטע־
ראַטור ־ לעקסיקאָן... דאָס אָרט פון אַ רייע וואָרט־
קינסטלער האָט אין די לעצטע צעהן יאָהר פאַר־

---

112) פון יוני 1928 ביז 1937; נאָכדעם רעדאַקטירט זלמן
וואַסערצוג.

נומען — זעהר אַ סך אינפאָרמאַציע. אַנדערע אידישע ציַיטונגען אין אַרגענטינע האָבען זיך קיינמאָל נישט פאַרגונען אויסצוגעבען אַ דריטעל פון דעם, וואָס „די אידישע צייטונג" גיט אויס אויף קאָרעספּאָנדענצען, פון וואַנען ס'איז נאָר מעגליך צו באַקומען קאָרעספּאָנדענצען, טעלעגראַפישע אידישע ידיעות, לופט - פּאָסט - נייעס וועגען אַלץ, וואָס אידען טוען נאָר און וואָס מען טוט נאָר מיט אידען . . .

ווען מ'פאַרגלייכט „די אידישע צייטונג" פון 1940 מיט א נומער פון 1914, זעהט מען — אַ וואָלקענקראַצער אַנטקעגען אַ הילצערנעם שטיבעלע...

„די פּרעסע", די צווייטע צייטונג, רעדאקטירט פון דער גרינדונג אָן דורך פּ. כ"ץ — וועלכער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבייטער אין „די אידישע צייטונג", אָבער האָט אין 1918, צוזאַמען מיט עוזר בומאַזשני, געשאַפען די אָפּאָזיציע - צייטונג — איז פון אָנהויב געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע. ווען די צייטונג האָט זיך פאַרזיכערט עקאָנאָמיש, איז זי געבליבען צולעצט צווישען אַכצעהן גלייכע שותפים. שרייבער, זעצער, דרוקער און אָנפיהרער פון דער אַדמיניסטראַציע.

לאַנגע יאָהרען האָט „די פּרעסע" געהאַט מעהר אין זינען „די אידישע צייטונג" איידער זיך אַליין. דעם אייגענעם וועג האָט זי געפונען ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך געווענדעט ראַדיקאַל צו די נייע שטימונגען, וועלכע זענען אויפגעשטיגען אין אַרגענטינע צוזאַמען מיטן מאַסען - צופלוס פון אימיגראַנטען, אין 1921 - 1924, אונטער דער ווירקונג פון ראַטענפאַרבאַנד. פּ. כ"ץ, וועלכער איז פריהער געווען אַ הייסער פּועל־ציון, איז צוזאַמען מיט יעקב באָטאַשאַנסקי און ש. פריילאַך געוואָרען דער אָנפיהרער פון אַנטי־ציוניזם, אַנטי־נאַציאָנאַליזם, אַנטי־סאָציאַליזם, רופענדיג אומאויפהערליך צו פּראָלעטאַרישע אַקציעס, ווי ראַטענפאַרבאַנד האָט זיי דיקטירט און אימפּאָנירט, כאָטש די אַפּיציעלע חסידים, אין זייערע אויסגאַבעס, „דער רויטער שטערן" און „נייוועלט", האָבען נאָכאַנאַנד ביטער אַרונטערגעריסען „די פּרעסע", זאָגענדיג, אַז זי טוט עס נישט לשם אידייע, נאָר לשם געשעפט. און אַלס באַווייז האָט זיי געדינט דאָס, וואָס „די פּרעסע" האָט גלייכצייטיג געזוכט אָנצוהאַלטען די

פריינדליכסטע באציהונגען מיט די באלעבאטישע אינסטיטוציעס, תלמוד־תורה'ס, בתי־מדרשים, ימים־נוראים און מיט אנדערע קליינבירגערליכע פאראיינען. דאס איז געווען אין א צייט — צווישען 1925 און 1931 — ווען יעדער איינער, וואס איז ארויסגעטראטען געגען „פראקאר" אדער געגען אן אנדערער קאמאקציע, איז געשטעמפעלט געווארען אין „די פרעסע" אלס דער ערגסטער מענש, וואס קיין ערגערס פון איהם איז אויף דער וועלט נישטא... אין די לעצטע יאהרען איז אבער „די פרעסע" געווארען אנדערש (113), טיילוויז ווערט אונטערגעשטיצט דער ווייטערדיגער „אוניפארמירטער קורס", בעת דער צווייטער טייל האט געשטעלט „די פרעסע" צו דינסט דער פראפאגאנדע פאר ארץ־ישראל און דעם אנטי־קאמוניזם. איז איין טייל פארן „איקוף" און דער צווייטער טייל פארן „ציקא", און דיביידע צדדים קעמפען שטארק איינע געגען די אנדערע אין דער אייגענער צייטונג . . .

„די פרעסע", הינטערשטעליג אין אידישע וועלט־נייעסען (114), ווי אויך זעהר־באשרענקט אין קארעספאנדענטען פון אויסלאנד און פון איינלאנד, רופט די אויפמערקזאמקייט פון איהרע לייענער מיט פעליעטאנען, וואס ס'האבן איינגעפירט די צוגעקומענע אינגערע שרייבער פון דער נאך־מלחמה־דיגער אימיגראציע, ווי באטאשאנסקי און פריילאך, מיט רייזע־ארטיקלען און רעפארטאזשען פון רעדאקציע־מיטגלידער, וועלכע פאהרען געלעגענהייטליך איבער אויסלאנד, און איבערהויפט מיט ליטעראטור און קונסט. אין די ערשטע יאהרען איז

113) „צוליב די שטענדיגע אטאקעס פון „רויטן שטערן", וואס ווייזט אז איהר אמת'ן פרצוף, ווערט „די פרעסע" שוין איצט פיל „רעכטער" און נעהמט אן אז אפען סאציאליסטיש־רעפארמיסטישע ריכטונג, וואס דאס פארלייכטערט אונז, אגב, דעם קאמף געגען איהר" — ה. בלאשטיין: „די קאמוניסטיש־אידישע פרעסע אין ארגענטינע", ניו־יארקער „פרייהייט", 12 יוני 1928.

114) „די אידישע צייטונג" איז אין בוענאס־איירעס די איינציגע אבאנירטע אויף דער „אידיש. טעלעגראפען־אגענטור".

די צייטונג באטראכט געווארען ווי א טריבונע פאר יונגע שרייבער. פ. כ״ץ, פאררעכענט אלס „רבי״ פון דעם צווייטען דור שרייבער, האט צוגעצויגען יונגע דערצעהלער, פאעטען און עסעאיסטען. די יונגע זענען אבער ס׳רוב, נאכן רייף ־ ווערען, געוועזן געצוואונגען צו זוכען אנדערע טריבונעס, פונקט ווי, כמעט אלע געסט, וועלכע ווערען ארגענטינער (115). די אפטסטע מיטארבייטער פון „די פרעסע״ זענען נישט קיין ארטיגע בעלעטריסטען, נאר וועלט־באריהמטע דערצעהלער, פאעטען אדער עסעאיסטען פון אויסלאנד. די אנדערע רעדאקציע ־ שרייבער, צו די שוין אויסגערעכענטע פון דער צייטונג, זענען: דר. ל. זשיטניצקי, אן ערודיט, וועלכער מאכט טיילמאל דעם איינדרוק פון וויסענשאפטליכען שרייבען; פ. וואלד; נתן פרוכטער, וועלכער איז אין 1917 געוועזן רעדאקטאר פון וואכענבלאט „די געזעלשאפט״; י. אקסענצאוו, א פלייסיגער איבערזעצער פון דער שפאנישער רעוואלוציאנערער ליטעראטור. „די פרעסע״ דרוקט זינט 1931 אלע העברעאישע ווערטער אידיש ־ נאטוראליזירט.

ווי א פראגרעסיווע צייטונג, לייגט „די פרעסע״ גרויס אכט אויף ליטעראטור און קולטור, שענקט פאר אויסלאנד די הויפט־אויפמערקזאמקייט צו ראטענפארבאנד און זיין אנטוויקלונג אויף אלע געביטען, און אין דער ראדיקאלער ריכטונג האט „די פרעסע״ אריענטירט א סך יאהרען איהרע לאקאלע ניט־סטאבילע מיטארבייטער, פאעטען און דערצעהלער. אייניגע פון איהרע רעדאקטארען, ווי יעקב באטאשאנסקי, דר. ל. זשיטניצקי, ש. פריילאך, פ. וואלד און דער שעף־רעדאקטאר, פ. כ״ץ, זענען שריפטשטעלער מיט פארדינסטען פאר דער ליטעראטור.

די דריטע טעגליכע צייטונג, „מארגנצייטונג״,

---

115) אין 1938־1940 האבען זיך באזעצט אין ארגענטינע דריי שרייבער, נויטיגע פאר א צייטונג, ד״ר משה מערקין, מארק טורקאוו און אליהו טראצקי, א שטימונגספולער און דערפאהרונגסרייכער רוסישער זשורנאליסט, וועלכער האט אין ארגענטינע אנגעהויבען שרייבען אידיש. קיין איינער פון זיי איז אבער ניט צוגעצויגען געווארען מיטצוארבייטען אין „די פרעסע״.

וועלכע גיט ארויס א קורצע צייט „אוונטצייטונג" (116), האט פון 1936 דורכגעמאכט דעם שווערען וועג פון א טאגבלאט, וואס איז געשאפען געווארען פאר די צוועקען פון א וואהל־קאמיטעט, ביז א זעלבסטשטענדיגען ארגאן, וואס דארף נישט זיין אפהענגיג פון טובות מצד „קאמיטעט"־מענשען. מיט וואס עס קומט איהר נאך אויס אויך איצט זיך צו ראנגלען. די „מארגנצייטונג" איז אהן ַ פאר־גלייך ארימער פון די אנדערע צוויי צייטונגען. איהר לאזונג איז געווען: „א ביליגע צייטונג". אנדערע קאסטען צעהן סענט אן עקזעמפליאר: איהר פרייז איז געווען פינף סענט. אויך אין אן אנדערען זין האט זי באדארפט זיין „א ביליגע צייטונג": זי האט גענומען דרוקען סענסאציאנעלע אונטערוועלט־ראמאנען פון די ווארשעווער ביליגע נאכמיטאג־בלעטער. כדי צו אפעלירען צו א נייעם קרייז לייע־נער, וועלכע קענען ניט קיין אידיש, און דא זענען קודם־כל גענומען געווארען אין אכט די רייכע ספרדים, האט „מארגנצייטונג" איינגעפיהרט א זייט אין שפאניש, תחילת מיט דר. אהרן ספיוואק, ל. קארדונער און פאעטעסע ר. מאקטאס־אלפער־סאן אלס מיטארבייטער (117). אין אידיש האט מען געזוכט דעם מאסען־עולם, וועלכער פאדערט צום וועניגסטען. איז איינגעפיהרט געווארען דער

---

116) אין 1939 איז געווען אן איניציאטיווע, צו שא־פען א נאכמיטאג־בלאט אונטער דער רעדאקציע פון מארק טורקאוו, שמואל גלאזערמאן, י. ל. גרוזמאן און י. הארן. עטליכע טעג פריהער, איידער די איניציאטיווע איז פארווירקליכט געווארען, האט אבער די „מארגנצייטונג" אומגעריכט ארויסגעלאזט די „אוונטצייטונג" און דורכדעם איז געווארען אויס פון דעם צווייטען אוונט־בלאט. צווישען די צוויי דערמאנטע צייטונגען זענען געווען קאמבינירט אר־טיקלען און טעלעגראמעס, זיי זאלען קענען געדרוקט ווערען אין ביידע בלעטער — דורך איין מאל שרייי־בען. „אוונטצייטונג" איז אונטערגעגאנגען סוף יוני 1940.

117) „די אידישע צייטונג" האט די ערשטע איינגעפירט א שפאנישען קאלום, ספעציעל פאר טאג־נייעסען איבערהויפט פון אויסלאנד. ליידער דערוויסען זיך די „גויים" צופיל אידישע צרות...

זשאַנר פון שטאָדט - רעפּאָרטאַזש, קוריאָזען פון לאָקאַלען לעבען, פּלינק, לייכט, און פאַר דעם האָט געגעבען טאָן ב. ווײנשטאָק, וועלכער איז דער רעדאַקטאָר פון 1940, אַ געשיקטער, אַן אינטעליגענטער, היימיש אין עטליכע שפּראַכען (118). דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, דר. אַ. ספּיוואַק, האָט געוואָלט מיט זיין פּערזענליכען שרייבען אויסגלייכען די „צוגענגליכקייט", וואָס „מאָרגנצייטונג" האָט געזוכט, און זיך אָפּגעשטעלט אויף פּראָבלעמען, מיט וויסען, מיט נאַציאָנאַלען געפיהל און העכערער בילדונג (119). דער עיקר זוכט אָבער די צייטונג אַ דעה אין דער באַלעבאַטישער געזעלשאַפט. הערץ ברוסילאָווסקי, אַ רעדאַקטאָר אַ האָרעפּאַשניק פון עטליכע צייטונגען, וועלכער האָט אויך אין „מאָרגנצייטונג" געהאַט אַ קורץ מזל, האָט געווירקט אין דער ריכטונג, פּונקט ווי דאָס האָט שפּעטער געווירקט וואָלף ברעסלער, וועלכער האָט גאָר פריהער געמאַכט אַ טעאַטער־פּרוואו (120), האָט געשריבען וועגען טעאַטער און אויך

118) כמעט אַלע רעדאַקציע - מיטגלידער פון „מאָרגנצייטונג" זענען אין די פיר יאָהר געווען אַ געוויסע צייט אויפן אַמט פון שעף־רעדאַקטאָר. ספּיוואַק איז אַוועק. דער צווייטער רעדאַקטאָר, ה. ברוסילאָווסקי, אַ ראַדיקאַל, אַן אַרבייטזאַמער זשורנאַליסט, וואָס קען זיך צופּאַסען, איז אויך אַוועק. נאָכדעם איז געווען רעדאַקטאָר ג. סאַפּאָזשניקאָוו, אַ געוועזענער לערער און געוועזענער שאַרפער ראַדיקאַל, ווי אויך וואָלף ברעסלער. זיי זענען אויך אַוועק.

119) דר. אַ. ספּיוואַק, אַ גוטער שפּאַנישער שרייבער, געווען אין א"י, אַ רעוויזיאָניסט, קען גוט העברעאיש, איז פ ו ן ש פּ אַ נ י ש ע ן ד ו ר דער בעסטער אידישער זשורנאַליסט און פּובליציסט.

120) וואָלף ברעסלער: „מאַניש" (נעכטען, היינט און מאָרגען), אַ מוזיקאַליש - סצענישע פּערעציאַדע, אין 3 אַקטען און 12 בילדער מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, ב"א, 1935. „איך האָב געוואַגט — זאָגט ברעסלער אין דער פאָררעדע „מיין התנצלות" — צו נעהמען די באַלאַדע „מאַניש" פון י. ל. פּרץ און זי פריי באַאַרבייט אין אַן אַקטועלער פאָרם פאַר דער בינע". ס'איז אַן אַלעגאָריע אויפן היטלעריזם און זיין וואַקכאַנאַליע.

קול־קורא׳ס צו דער בירגערליכער געזעלשאַפט ווע־גען פאַרשיידענע אַקטועלע פראַגען. נחמיה צוקער האָט געשריבן הומאָרעסקעס (אויך א״י סאַכאַרינ־קום). דער דערצעהלער פאַליק לערנער און פאָעט משה קויפמאַן שרייבן בילדער פון גרויסשטאָדט, ווי אויך—ליטאַרטיקלען באַגלייך מיט ג. סאַפאָזש־ניקאָוו, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן צו קריטיק און דערציהונגס־פראַגען. נאָר די אַלע עקספּערי־מענטען זענען געווען קורץ־טערמיניגע, פּונקט ווי די ערשטע האַלבע טוץ שעה־רעדאַקטאָרען (121). אָבער נאָכדעם, אַז זי האָט זיך גלייכגעשטעלט אין פּרייז מיט די אַנדערע צייטונגען, אויף צעהן סענט. זוכט „מאָרגנצייטונג״ אויך זיך גלייכצושטעלען אין אינהאַלט. צו דעם האָבען איהר אָבער געפעהלט מיטלען. האָט זי, נאָך אַ קורצער צייט, דורכמאַכענ־דיג אַ קריזיס, רעדוצירט די רעדאַקציע ביז פיר מענשען און שטעלט ווידער אוים אויפ׳ן פּרייז פון 5 סענט. אין כאַראַקטער זוכט זי, זינט 1941, צו זיין מיט אַלעמען בשלום און ערנסט.

דאָס איז דער סך־הכל פון די דריי טעגליכע אידישע צייטונגען אין אַרגענטינע.

די דאָזיגע דריי צייטונגען אין בוענאָס־איי־רעס קאָנצענטרירען די מעהרהייט אַרגענטינער שרייבער.

---

121) דאָס לײדיג ־ געבליבענע אָרט פון די צוויי ערש־טע רעדאַקטאָרען, ספּיוואַק און ברוסילאָווסקי, איז פון אַנדערע שרייבער ניט פאַרנומען געוואָרען. י. ל. גרוזמאַן האָט אַ צייט געהערט צו דער רעדאַקציע, איז אוועק און אויך זיין אָרט האָט קיינער ניט פאַר־נומען. אין 1940 האָט „מאָרגנצייטונג״ זיך „באַפרייט״ פון דריי רעדאַקטאָרען פאַראַמאָל, ברעסלער, צוקער און סאַפּאָזשניקאָוו; אָבער די לײדיג־געבליבענע ער־טער פון די דריי פאַרלעצטע רעדאַקטאָרען זענען פון אַנדערע שרייבער אויך נישט פאַרנומען געוואָ־רען. פון די אָרטיגע מיטאַרבייטער איז אויסער דער רעדאַקציע געווען בלויז י. האָרן. דאָס פּלאַץ פון י. האָרן איז נישט פאַרנומען געוואָרען פון אַן אַנ־דערען אָרטיגען שרייבער, נאָר עס זענען צוגעצוי־גען געוואָרען אויסלענדישע שרייבער.

— IX —

זוכענדיג אַ טאָן פאַר זשורנאַלען און ליטעראַרישע באַוועגונגען

די פּרוּווען, צו שאַפען פּאָזיציעס מחוץ די דריי צייטונגען, האָבען געגעבען רעזולטאַטען, אויף אַ געוויסער צייט, אין דעם לינקען לאַגער. די טיפע מיינונגס־פאַרשיידענקייט האָט באַוואויגען די עקס־טרעמע ראַדיקאַלען צו שאַפען אַן אייגענעם „ליטע־ראַרישען פראָנט", ווי עס ווערט אָנגערופען אויף דער פאַרטיי־שפּראַך. „רויטער שטערן", „נײַ־וועלט". „דער אידישער פויער", „פּיאָנער", אויך אַ טעאַטער־זשורנאַל — דאָס זענען אויסגאַבעס פון דער באַ־וועגונג, וועלכע הויבען זיך אָן צו רעכענען פון 1923 און האָבען יעדע פאָר יאָהר געענדערט ראַשיג זייער קורס, אָפּהענגיג פון יעדער מאָסקווער ליניע. „די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער אידישער פרעסע אין אַרגענטינע, דער עצם פאַקט פון איהר עקזיסטענץ, איהר וואוקס און אַנטוויקלונג, זענען דאָ, ווי אומעטום, די געשיכטע פון דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג" (122). אָט קאָמפּראָלעטאַריש אויף די העכסטע אָקטאַוועס, אָט פאָלקספראָנטלעריש, זוכענדיג פריינדשאַפט מיט „סאָציאַל־פאַשיסטן" און רבנים אפילו, און אָט — ווי עס דריקען אוים די לעצטע אויסגאַבעס, וועלכע דערשיינען אין בוע־נאָס־איירעס און וועלכע איך דערמאָן נישט צוליב „געוויסע" טעמים — חסידים פון היטלער־סטאַלין פאַקט.

אין דער צייט פון דער גרעסטער קאָמוניסטי־שער עליה האָבען די סאָציאַליסטישע קרייזען גע־

---

122) ה. בלאַשטיין: „די קאָמוניסטיש־אידישע פרעסע אין אַרגענטינע", נ"י „פרייהייט", 12 יוני 1928.

שאפן א טריבונע „סאציאליסטישע בלעטער" (123). פון אנהויב א צווייוואכענבלאט, שפעטער דערשי־נען חודש'ליך און לסוף, פארן אפגעשטעלט ווערן. פארוואנדעלט אין „ארגענטינער לעבען", ארגאן פון סאציאליסטישען פארבאנד (124). די דאזיגע אויס־גאבע האט נישט געהאט דאס גרינג לעבען פון די קאמוניסטישע בלעטער, וואס האבען אלעמאל גע־האט א הילפס - קאמפיין, אויף וועלכען זיך צו שטי־צען (125), דאך האט זי באוויזען א לענגערע צייט צו דערשיינען מיט א סך זייטען און צעהלען מיט דער מיטארבייט פון „אפטריניגע" שרייבער.

די ציוניסטישע קרייזען האבען קיין אייגענע שרייבער - גרופע קיינמאל נישט געהאט, כאטש אין זייערע אויסגאבעס האבען מיטגעארבייט א סך שריי־בער. געווען אין די ערשטע יאהרען א קאמף פאר פאזיציעס צווישען י. ש. ליאכאוויצקי'ן — וועל־כער האט רעדאקטירט די אויסגאבע „דער ציוניסט" וואס איז א צייט ארויסגעגאנגען וועכענטליך (126)

---

123) פריער איז דערשינען „אונזער ווילען", י. 1929, בלויז 1 נומער, פארגעזעצט דורך „סאציאליסטי־שע בלעטער" פון 1930, צוערשט אונטער דער רע־דאקציע פון פ. וואלד און ש. ראזשאנסקי, דערנאך 2 יאהר צייט רעדאקטירט דורכן לעצטען.

124) אין 1936, דערשינען געצעהלטע נומערן, רעד. פ. וואלד. אין 1941 איז מאנטעווידעא'ר צווייוואכענ־בלאט „צייט־פראגן", רעד. פון נ. צוקערמאן, ארי־בערגעטראגען געווארען אין בוענאס־איירעס, ארויס־געגעבען פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד, אונטער דער רעדאקציע פון י. הארן, פ. וואלד און ד"ר פריץ.

125) אויך פאר פארטיי־אויסגאבעס, וועלכע געניסען פון בענעפיסען און באנקעט־רעמאטעס, זענען אנאנסען איינער פון די הויפט־פאקטארען פאר עקזיסטענץ.

126) אונטער דעם נאמען דערשינען אין 1901 - 1902, אבער איבעראנייעס פון ערשטען נומער אז האט אנגעהויבען דערשיינען „דער ציוניסט" אין 1905. פאראן א רייע אויסגאבעס, וועלכע דערשיינען אין די שפעטערע יאהרען אונטער אזעלכע נעמען, וועל־

— און יעקב יאָסעלעוויטש'ן, רעדאַקטאָר פון „די יודישע האָפנונג", וואָס האָט אָנגעהויבען דיצרשיי־נען אין 1908 אַלס אַן ערנסטע, עכט - אידישע אויסגאַבע, וועלכע האָט אָנגעזאָגט נייע ויענדונגען אין דער אַרגענטינער שרייבעריי.

יעקב יאָסעלעוויטש קען — לויט זיין אַרט שרייבען אידיש און סטיל — באַטראַכט ווערען ווי דער גרונטלייגער פון מאָדער־נעם אידישען זשורנאַליזם אין אַרגענטינע, פון וועמען ליטעראַטען האָבען זיך אַראָפּ־גענומען אַ ביישפּיל. מ'קען וועגען איהם ווירקליך זאָגען, אַז ער האָט געהאַט אַ „ממש ריצ־ליגיעזע באַציהונג צו דער אידישער שפּראַך און צו דער אידישער ליטעראַטור, און זיין געשליפענער סטיל אינם גייסט פון די אידישע פאָלקס - שריי־בער, באַזונדערס מענדעלע, וואָס אונטער זייז איינ־פלוס האָט ער, דוכט מיר, גערענקט און געשריבען און בכלל גענומען איהם זיך פאַר אַ מוסטער. גע־ווען איז אויך אין זיין שרייבען אַ גרויסע מאָס דיאַ־לעקטיק, וואָס עס איז ניט געווען ביי קיין איינעם פון די היגע פען - האַלטער פון זיין דור, און זיינס אַ'ז אַרטיקעל איז צוליב די אויסגערעכענטע מעלות געווען אַן אַפּפרישונג נאָך ווערמאַנט'ס באַלקאַניש־דייטשמערישער פלאַפּלעריי, נאָך פאַביאַן ש. הלוי'ס דויטשער השכלה - מגידות אָדער נאָך י. ש. ליאַ־כאָוויצקי'ס בבל-שפּראַכיגער דעמאַגאָגיע" (127).

דאָך, הגם דער ציוניזם האָט געהאַט אַזאַ פיי־נעם שרייבער, איז אַרום איהם קיין ליטעראַרישע באַוועגונג אין אַרגענטינע נישט אויפגעקומען.

י. ש. ליאַכאָוויצקי האָט אין 1919 - 1920 אַרויסגעגעבען „ביכלאַך פאַר יעדען", דורכשניטליך 32-זייטיגע אויסגאַבעס, דריי אין יעדען חודש, יע־דער נומער געווידמעט פאַר איין שרייבער, און דער־ביי פלעגען קומען צום סוף באַריהרט — קולטור־ענינים פון טאָג. „ביכלאַך פאַר יעדען" זענען אָבער נישט אַוועק ווייטער פון אַ פאַרלאַג, וואָס האָט גע־

כע זענען שוין אַמאָל באַנוצט געוואָרען, ווי „די וואָך", „די געזעלשאַפט", „די פאָלקס שטימע" א. א.

127) פּ. כ"ץ, „צו דער געשיכטע", ז. 141.

דרוקט דערצעהלונגען און לידער פון שרייבער. די שרייבער האבען נישט געהאט קיין שום ליטעראַרישע שייכות צווישען זיך און בכלל איז עס געווען ס׳ ר ו ב נאָר אַן אָנזאָג פון ליטעראַטור. דאָרטען זענען געדרוקט געוואָרען מעהרסטענס די שאַפונגען פון אַזעלכע אידישע שרייבער, וועלכע האָבען זיך אין דער ליטעראַטור נישט דערוואָרבן קיין פּאָזיציע.

שרייבער פון „די אידישע צייטונג״ האָבען אין 1921 אַרויסגעגעבען אַ חודש׳ניק, „אַרגענטינע״, וואָס האָט געוואָלט אַרויסברענגען דאָס וויכטיגסטע פון בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע שאַפונגען, מעהר געשליפען ווי דאָס שרייבען אין די צייטונגען.ביים פערטען נומער איז דער חודש׳ניק אָפּגעשטעלט געוואָרען.

צוגעצויגען שרייבער, איבערהויפּט פון די יונגע, אויך אָנפאַנגער, האָט דאָס וואָכענבלאַט „גרוים און קליין״, רעדאַקטירט פון ל. מלאך און שמואל גלאַזערמאַן, אין 1922-1924, האָט אויך אָנגערעגט צייכנער, ספּעציעל אויפן געביט פון קאַריקאַטור. „גרוים און קליין״ איז אַריבער אַלס ביילאַגע צו „די פּרעסע״ און איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרשוואונדען.

צו קינדער - שרייבעריי (128) האָט אַ ווענדעטון די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרגענטינער שרייבער דער קינדער - זשורנאַל „בלימעלאַך״, אין 1922, רעדאַקטירט פון שמואל גלאַזערמאַן און עקיבא ברון. אַדאַנק „בלימעלאַך״ האָבען פּאָעטען און דערצעהלער, וועלכע האָבען פריער געשריבען בלויז פאַר דערוואַקסענע, דערשפּירט אין זיך די פעהיגקייט צו רעדען צום קינד, אַן אָריענטאַציע וואָס האָט זיך צעבליהט אין אַ צעהן יאָהר אַרום, ווען די צייטונגען האָבען אָנגעהויבען זוכען ליטעראַטיר פאַר זייערע ספּעציעלע קינדער-אָפּטיילונגען. די קאָמו-

---

128) פּאַביאַן ש. הלוי האָט געמאַכט דעם אָנהויב פון קינדער-אויסגאַבעס אין אַרגענטינע מיט זיין זשורנאַל „דער קינדער - פריינד״, אין 1916. הלוי איז געווען רעדאַקטאָר פון „יאַרבוך פון מושב זקנים ובית יתומים״ אין 1921-1922, וואָס האָט איינגעשלאָסען אויך ליטעראַטור און וואָס איז אין 1920 געווען רעדאַקטירט פון צבי שקאָלניק.

ניסטישע שול־ריכטונג איז געקומען צום פולען אויסדרוק אין זשורנאל „דער פיאָנער", אַ חודש׳־ניק, אַרויסגעגעבען פון 1927 קנאַפּע דריי יאָהר. אין 1930-1931 גיט אַרויס דער קוראַטאָריום פון די „באַראַכאָוו־שולן" אַ זשורנאל „דער חברל". דאָס „בית יתומים" האָט אַרויסגעגעבען פון זיינע קינ־

פון דעם חודש׳ניק „זעגלען", אין 1924

דער אַ רעדאַקטאָר, א. יהודי, וועלכער האָט אין 1929 אַרויסגעגעבען אַ יאָהר דעם זשורנאל „דער יתום" און אין 1933 אויך אַ רייהע נומערען פון „קינדערוועלט". אונטער דעם זעלביגען נאָמען. „קינדערוועלט", קומט אַ פּרואוו פון אַ זשורנאל,

רעדאקטירט פון א. שפּריצער, אין 1935. גלאזערמאן, ווידמענדיג זיך צו אידישער ראדיא, האט אין 1937 געשאפען א נייעם זשורנאל, „אין קינדערלאנד", אבער מעהר ווי עטליכע נומערן נישט ארויס. צו דעם זעלביגען פעריאד געהערט דער פּרואוו פון דעם זשורנאל „קינדער־פריינד", רעד. פון י. פייערשטיין. אין 1940 האט אנגעהויבען ארויסגעהן א נייער חודש'ליכער קינדער־זשורנאל, „ארגענטינער ביימעלעד", רעד. פון זעליג מאזור. „ארגענטינער ביימעלעד" איז נאך א יאהר עקזיסטענץ געווארען דער פאפולערסטער און פארשפרייטסטער קינדער־זשורנאל, וואס איז דא דערשינען.

אין דער צייט, ווען עס האט גענומען אויפשטייגען דער דראסטישער פארטיי־קאמף, אין 1924, האט אנגעהויבען דערשיינען א ליטעראַרישער חודש'ניק, „זעגלען", ארויסגעגעבען פון א ליטעראטען־גרופּע מיטן זעלביגען נאמען, אנגעפירט פון שמואל ראזשאנסקי, רעדאקטאר פון קאלעגיום. כאטש עס זענען דערשינען פון „זעגלען" בלויז צוויי נומערן, איז דאס אבער געווען דער זשורנאל. וואס האט געמאכט אזא פוראר, ווי דאס האט נישט באוויזען קיין שום פריערדיגע אויסגאבע. די ליטעראטען־גרופּע איז באשטאנען פון עלטערע און יונגע שרייבער, אלטע תושבים און פריש־איינגעוואנדערטע (129), און איהר פּראגראם איז געווען — צו באפרייען די ליטעראטען פון דער העגעמאניע פון צייטונג־שרייבער, צייטונגס־איינפלוס, פאליטיקעריי אין דער ליטעראטור, לטובת דער מאדערניזירונג, שלייפונג פון אידיש, פארם און סטיל. די געצעהלטע נומערן פון זשורנאל האבען ארויסגערופען פא־

(129 קיין רעדאקציע־מיטגלידער פון צייטונגען זענען אין דער גרופּע נישט אריינגענומען געווארען. צ"א האבען געהערט צו דער גרופּע: ל. מלאך, מרדכי אלפערסאן, שמואל גלאזערמאן, ברוך בענדערסקי, ה. וואלף, אברהם מאשקאוויטש, יעקב אייזענשטיין, יעקב שטרייכער, י. ל. גרוזמאן. פּרינציפּיעל זענען אין זשורנאל נישט אנגענומען געווארען קיין אנאנסען, כדי נישט דארפען פאר קיינעם יוצא־זיין. דער זשורנאל איז געשטאנען אויפן שטאנדפונקט פון קולטור־אידישיזם.

לעמיק, גרויסע רעצענזיעס, און ס'איז געגוג צו זאָ־
גען, אַז ה. ד. נאָמבערג האָט אין זיינעם אַן אַרטי־
קעל, אין ווארשעווער „מאָמענט", זיך אָפּגערופען
מיט לויב, שטעלענדיג דעם ליטעראַרישען ניוואָ פון
„זעגלען" העכער פון דעם, וואָס האָט ביז דעמאָלט
געהערשט, און לויבענדיג עטליכע שרייבער. צווישען
דעם צוגאַנג פון די עלטערע און אייניגע פון די
אינגערע שרייבער איז אָבער געווען אַ גרויסער
מהלך און דאָס האָט געבראַכט צו דער אויפליזונג
פון דער שטאַרקסטער שרייבער־גרופּירונג, וועלכע
איז געשאַפען געוואָרען אויסשליסליך מיט ליטעראַ־
רישע צוועקען.

אַ פאַרמעסטונג, צו שאַפען אַ ליטעראַרישע
טריבונע, איז געמאַכט געוואָרען אין 1926 דורך
„דרום־אַמעריקע", רעדאַקטירט פון ה. בלאָשטיין.
אָנגעהויבען מיט ליטעראַרישער אידישיסטישער
פיינשמעקערישקייט, האָט אָבער „דרום־אַמערי־
קע" באַלד פון אָנהויב אַריינגעפיהרט זשורנאַליס־
טישע בעלעטריסטיק, אָט ווי עס האָט געשריבען
דער דיכטער בלאָשטיין גופא, און דערצו איז צו־
געקומען די פלוצימדיגע ווענדונג צו פּאָליטישער
פּראָפּאַגאַנדע, תחילת אַלס סימפּאַטיקער, אָנפּיה־
רענדיג מיט „די פּען", אַריבערגעהענדיג נאָכדעם
אָפען צו ראַשיגער קאָמפּראָלעטאַרישקייט. „דרום
אַמעריקע" איז געשאַפען געוואָרען, כדי צו זיין אַ
ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר ל י י ע ן ־ ז ש ו ר־
נ אַ ל. כדאי אָבער צוצושרייבען צו בלאָשטיינ'ס
פּעריאָד דאָס באַוועגען צו ברייטערער שרייבערי־
שער אַרבייט, וואָס אונטער דער ווירקונג האָט פּ.
כ"ץ קאַפּיטלאַכווייז אָפּגעדרוקט „צו דער געשיכ־
טע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק".

„דרום־אַמעריקע", דערשינען אין דער צייט
פון טעאַטער־סקאַנדאַל, האָט גרופּירט אַרום זיך
הויפּטזאַכליך די שרייבער פון „די פּרעסע" און איז
נאָכדעם, אין 1927, אונטערן נאָמען „אויפגאַנג".
פאַרגעזעצט געוואָרען דורך איינעם פון איהרע רע־
דאַקטאָרען, יעקב באָטאָשאַנסקי. „אויפגאַנג" איז
אויך געווען אַ זשורנאַל מיט אַ סך זייטען, אָבער
דאָרטען איז שוין נישט געווען דער פּרואוו צוצוצי־
הען שרייבער פון פאַרשיידענע פּאָזיציעס, ווי עס

האַט פון אָנהויב געטון „דרום־אַמעריקע", נאָר ער האָט ס'רוב פאַרעפענטליכט דראַמע, דערציילונ־גען, לידער און קאָמענטאַרען פון רעדאַקטאָר גופא, אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען, צווישען אַנ־דערע, אויך אונטער אַ פרויען־נאָמען, „אַנאַ לעווין". און, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי אומעטום, האָט דער רעדאַקטאָר נישט געזשאַלעוועט און ניט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט, אַליין ז י ך אויסצובארימען . . .

אויך דער זשורנאַליסטען־ און ליטעראַטען־פאַראיין (130) האָט געמאַכט אַ פרואוו צו שאַפען אַ שרייבער־טריבונע, אין 1926, דורך דעם וואָכענ־

130) ה. ד. נאָמבערג האָט אין 1922 געשאַפען אין ב"א דעם ערשטען שרייבער - פאַראיין, וועלכער האָט זינט יענער צייט דורכגעמאַכט אַ סעריע שפּאַלטונ־גען און טראַנספאָרמאַציעס, צומאָל אונטער נייע נעמען, און כמעט שטענדיג איבער די קאָנפליקטען צווישען די צייטונגען, וועלכע האָבען זיך אַלעמאָל אידענטיפיצירט מיט צדדים אָדער פּאַרטייען, אין אַ צייט פון הייסען געזעלשאַפטליכען קאַמף. אַזוי זענען אין 1926 אַרויס פון פאַראיין די שרייבער פון „די אידישע צייטונג", איבער דעם טעאַטער־סקאַנדאַל, אין וועלכען דער שרייבער - פאַראיין האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון „די פּרעסע". אין 1931, ווידער, האָבען רעדאַקטאָרען פון „די פּרעסע" פאַרלאָזען דעם שרייבער - פאַראיין, ווייל ער האָט דורכגעפיהרט אַ שלום אַש - יובילעי, בעת דער קאָמוניסטישער לאַגער האָט געפייערט געגען שלום אַש'ן. אין יענעם פעריאָד האָט דער שרייבער־פאַראיין געפיהרט אַ יאָהר צייט אַ גרויסע טעטיג־קייט, געווען 40 ליטעראַרישע אָווענטען, דורכגעפירט אין 1931 ד י ע ר ש ט ע א י ד י ש ע קונסט - א ו י ס ש ט ע ל ו נ ג א י ן אַ ר־ג ע נ ט י נ ע מיטן אָנטייל פון 16 מאָלער, סקולפּטאָרען, צייכנער, מיט 72 ווערק. נאָר... די אָנ־שטרענגונגען פון שרייבער פון די שורות זענען נאָכ־דעם פון שרייבער־פאַראיין ניט פאַרגעזעצט געוואָרען. אַ גרויסער „שלום - בית" הערשט אין דעם שריי־בער־פאַראיין נאָר דעמאָלט, ווען ער טוט גאָרנישט...

בלאַט „די פען״ (131). מיט דער אויסגאַבע איז מען אויסען געווען צו שאַפען אויך פערזענליכען איינפלוס פון שרייבער, דורך פאַרטראַגען, איבער דער פראָווינץ, ווי איבער דער הויפט - שטאָדט. אַנשטאָט צו ווידמען זיך צו ליטעראַטור אָדער לי־טעראַטור - פראַגען, האָט אָבער „די פען״ מעהר ווי אַלץ זיך אָפגעגעבען צו געזעלשאַפטליכע פראַ־גען אוןביים 7־טען נומער איז דאָס וואָכענבלאַט פאַרשוואונדען.

אַ עקשנות האָט אַרויסגעוויזען דער דיכטער משה דוד גיסער ביים אַרויסגעבען ליטעראַרישע חודש'ניקעס, „ניילאַנד״ אין 1928 און „אויפסניי״ אין 1931 - 1932, וואו ער האָט פאַרעפענטליכט עטליכע פון זיינע בעסטע פאָעמעס און וואו ער האָט געפרואווט ווירקען פאַר דער אינטענסיפיצי־רונג פון דער קולטור - געזעלשאַפטליכער אַרבייט. וואָס איז ניט פאַר זיין כוח; גיסער'ס כוח ליגט אין ליד און נאָר אינעם ליד. צווישען די קינסטלערישע פאָדערונגען אין זיין זשורנאַל און די זשורנאַלען גופא איז געלעגען — אַ סך נאַיוויטעט.

צו די פשרה'דיג - ליטעראַרישע זשורנאַלען דאַרף פאַררעכענט ווערען „דער שפיגעל״, וועלכער האָט געהאַט מעהר מזל פון אַלע אַנדערע, ווייל ער האָט שטענדיג זיך באַמיהט צו זיין צוגענגליך, קלאָ־מערענדיג זיך צו אַקטועלע פראַגען, וואָס זענען באַ־האַנדעלט געוואָרען זשורנאַליסטיש - קולטוריסטיש. רעדאַקטירט פון אָנהויב אָן, פון 1929, דורך י. ל.

(131 „די פען״ האָט אָנגעהויבען דערשיינען אין 1925, רעדאַקטירט פון נתנאל פרענקעל און אַרויסגעגעבען פון ג. מאַיאַנץ - רמז, וועלכער האָט דורך דער פראָפּאַגאַנדע פאַר זיין מאַנטלען - געשעפט געוואָלט געפינען אַ טריבונע, צו פאַרטיידיגען דעם פּלאַן פון דער הייס־דיסקוטירטער אידישער אַ ל י אַ נ ץ, אַ קערפערשאַפט צו צענטראַליזירען אַלע אינסטי־טוציעס. די געגאַרטע אַליאַנץ, וואָס מאַיאַנץ־רמז האָט געוואָלט שאַפען, איז דורכגעפאַלען, „די פען״, רעדאַקטירט נאָכדעם פון ל. מלאך, איז אַוועקגעשאַנ־קען געוואָרען באמת־מעצענאַטיש דעם שרייבער - פאַראיין, וועלכער האָט אָבער שלעכט אויסגענוצט די גוטע געלעגענהייט.

גרוזמאן, איז „דער שפיגעל" דערשינען אין די 11 יאהר א געוויסע צייט וואכענטליך, טיילמאל צוויי־וואכענטליך און טיילמאל זעלטענער ווי חודש'ליך. אבער אלעמאל צונויפגעקליבען א רייע אומאפהענגיגע שרייבער פון לאנד און אויסלאנד, נאר ניט קאמוניסטען, געבראכט ג ר ו ס ע ן פון שאפונגען אין פארשיידענע לענדער. „דער שפיגעל" איז א זשורנאל מיט א סך תביעות, גיט פון צייט צו צייט פלאץ פאר זעהר־שארפער פאלעמיק פון אויסלענדישע שרייבער אדער ס'רוב פון י. ל. גרוזמאן, וועלכער איז א סך מאל ארויסגעטראטען נעגען אלע פעלערען און שעדליכע נייגונגען פון צייטונגען און צייטונג־שרייבער, כאטש ער אליין איז זיי באגאנגען אין „שפיגעל" נישט אין קיין קלענערער מאס. קיין באדייטענדיגע שאפונגען פון ארטיגע שרייבער האט דער זשורנאל נישט ארויסגעבראכט. אין דעם איז שולדיג די צופעליגקייט פון די מיטארבייטער, ווי פון די מיטארבייטונגען. נאר גוט זענען אויך די מאנונגען און דערמאנונגען, ווען אפילו זיי זענען אויבענאויפיג, לאזונג־מעסיג, מיט צופיל פאזע און נביאות־טאן. אין די לעצטע יאהרען האט דער זשורנאל צוגעקראגען די נאהענטע מיטארבייט פון י. הארן און אט־דער אימיגראנט האט גיכער דערזעהן און דערשפירט די פעלערען און „שוואכקייטען" פון יונגען ישוב ווי אנדערע אלטע תושבים, און האט געלאזט פילען דעם וועה און די בענקשאפט אויף די שפאלטען פון „שפיגעל". פון די אנדערע לאקאלע שרייבער זענען די אפטסטע מיטארבייטער: פנחס ביזבערג, משה כ"ץ (א זשורנאליסט, וועלכער האט דערפאהרונג פון דייטשלאנד און האלאנד) און חיים בראקאזש.

אהן פרעטענזיעס אויף ליטעראטור איז אין די לעצטע פופצעהן יאהר אנטוויקעלט געווארען דאס הומאריסטישע ווארט, פאר וועלכען מ'האט נישט געזשאלעוועט קיין אויסגאבעס. דער ערשטער זשורנאל פאר הומאר איז געמאכט געווארען נאך אין 1899, מיט דעם וואכענבלאט „דער פויק", וואס האט געדינט אויף „אנבאגראבען" „דיא פאלקס־שטיממע" און איהר רעדאקטאר, ווערמאנט. לעווין האט נאכ'ן אונטערגאנג פון „פויק" (אין 1899) רעדאקטירט „די בלום", וואו עס האט מיטגעאר־

בייט גדליה בובליק, וועלכער האט זיך געפונען א רייהע יאהרען אין ארגענטינע אלס יק"א־לערער אויף דער פראווינץ. אין 1914 איז דערשינען „דער קאנטשיק" פון ב. כאריטאנסקי און אין 1915 „דער קאכלעפל", הומאריסטישע אויסגאבעס. דער רעדאקטאר פון „פויק", ז. לעווין, האט אנגענומען זידלעריי און וויסטע קללות פאר הומאר, פונקט ווי י. ש. ליאכאוויצקי, דער רעדאקטאר פון הומא־ריסטישען זשורנאל „דער פיפערנאטער", דערשי־נען אין 1921, האט געהאלטען לייכטע קריטיק פאר הומאר, אבי ס'איז נאר לייכט. ביים לייענען די דא־זיגע מינים הומאריסטישע זשורנאלען איז פשוט שווער א שמייכעל־צו־טון . . .

„גרויס און קליין" איז געווען די ערשטע אויס־גאבע, וואס האט ארויסגעבראכט אמת'ען הומאר און דערנאך זענען געקומען ספעציעלע זשורנאלען, פון וועלכע „פנימ'ער און פנימ'לאך" האט געשאפען א טראדיציע, פארגעזעצט פון „קאריקאטור", „הו־מאר און סאטירע", „דער מזיק", „קונדס". דער־שינען מיט קורצע איבעררייסען צוועלף יאהר אלס א וואכענבלאט, האט „פנימ'ער און פנימ'לאך", רעדאקטירט פון משה נ. שפרינבערג, פאפולאריזירט דעם זשאנר פון קיבעץ אויף אלע דערשיינונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען. די דאזיגע זשורנאלען האר־בען אויסגעפרואווט אלע אידישע צייכנער פארן קא־ריקאטורען ־ געביט און ארייגעצויגען א רייע פון זיי אין דער אידישער סביבה (132), ווי ל. גלאנץ, לאפידוס און דער דערפאלגרייכסטער פון זיי איז

---

(132) מיטן פארשווינדען פון די ספעציעלע זשורנאלען פאר הומאר און סאטירע זענען אויך פארשוואונדען פון אידישען געדרוקטען ווארט די קאריקאטוריסטן. די צייטונגען זוכען זיי נישט אויס, כאטש די צייי־טונגען גיבען אפטיילונגען פאר הומאר. עס איז דערביי וויכטיג אנצואווייזען, אז דורכן ארויסגעבען ביכער זענען צוגעצויגען געווארען מאלער, צו מא־לען הילעס פאר די ביכער אדער פאר ספעציעלע אויסגאבעס פון צייטונגען, ווי די מאלער י. נעמי־ראווסקי, משה פייגענבלום, מישא שווארץ, י. בירנ־בוים, חיים סאקאלאווסקי, לעאן פאר, יעקב מיטלער,

געוואָרען מאַנועל אייטשעלבוים, וועלכער איז פּרי־
ער געווען ביז גאָר אַסימילירט, נאָר אין די אידי־
שע זשורנאַלען, געבענדיג זיך דעם קלאַסישען אידי־
שען נאָמען „מענדעלע", איז ער געוואָרען פון די
פרוכטבאַרסטע קאַריקאַטוריזירער פון דער אידי־
שער גאַס (133). דורך „פּנימ'ער און פּנימ'לאַך"
האָבען זיך באַוויזען מיט עמכ'דיגען הומאָר אָדער
סאַטירע וואָלף טשערנאָוועצקי (וועלוועל טעפּלי־
קער), נחמיה צוקער („סאַכאַרינקום", וועלכער האָט
שפּעטער רעדאַקטירט דעם „קונדס", אין 1930),
אַברהם טקאַטש און מנשה קאָנסטאַנטינאָווסקי, אַ
גרויסער למדן, וואָס שטודירט אוים אַ וויץ אָדער אַ
קיבעץ, האָט קולטיווירט קאָמבינאַציעס פון שאַרפ־
זין. אין דעם זשורנאַל האָט י. ל. גרוזמאַן איינגע־
פיהרט זיין זשאַנר פון אַרטיקעל־פעליעטאָן, עהנ־
ליך צו בריוו־שרייבעריי, מיט אַ גוטברודערישען
טאָן, אַ סך אויסרוף־צייכענס, תביעות און איבער־
פלוס פון באַדויערונגען. „פּנימ'ער און פּנימ'לאַך",
אָנגעהויבען אין 1924 און אונטערגעגאַנגען אין
1935, האָבען געפונען, מ'קען זאָגען, אַ פאָרזעצונג
אין „אַרגענטינער מאַגאַזין", רעדאַקטירט פון
ו. טשערנאָוועצקי'ן, אַ חודש־זשורנאַל, וואָס קען
„לייגען אַ מענשען אין דר'ערד אריין" און שפּאַרט
אָן וואו אַ חתונה, וואו אַ ברית אָדער ווען אַ כלל־
טוער האָט געוואָרן אַ חנ'דעל — פון הומאָר אַליין,
ווייזט אוים, קען מען אַ זשורנאַל ניט אויסהאַלטען...
גיוועזן אַ צייט, ווען דאָס געדרוקטע וואָרט איז
שטאַרק אויסגענוצט געוואָרען פון פּראָפּעסיעס,
פונקט ווי פון פּאַרטייען. אַזוי האָבען שניידער אַרוים

פון וועלכע די וויכטיגסטע האָבען אין 1931 זיך
פּרעזענטירט מיט זייערע בעסטע ווערק אויף דער
אויסשטעלונג פון „ה. ד. נאָמבערג שרייבער־פּאַר־
איין".

(133) „קאַריקאַטורן־אַלבום", אין 1924, האָט געוויזען
מענדעלע אייטשעלבוים'ס כאַראַקטעריסטישע טענ־
דענץ, אַרויסצושטעלען געזעלשאַפטליכע טוער אָדער
כלל־אַרבייטער אין קרומען שפּיגעל. יענע צייט איז
בכלל געווען אַזאַ, ווען מ'איז געווען גענייגט גיכער
צו זעהן מענשען אין קאַריקאַטור איידער אַזוי ווי
זיי זענען געווען . . .

געגעבען א בלאט און די סטאליער האבען ארויס־געגעבען א בלאט. אזוינס איז איצט א זעלטענקייט. אזעלכע בלעטער געהערען צו דעם „שטורם און דראנג" ־ פעריאד פון פארטיי ־ קאמף. געווען א זשורנאל „די אידישע פארם", אין 1924, זעהר ־ שעהן ארויסגעגעבען, רעדאקטירט פון י. מ. וואהל. די אידישע האנדעלס ־ קאמער האט, אין 1934, באנייט די טראדיציע פאר א שטאנד־טריבונע, ווי דאס איז אמאל געווען „דער אידישער סוחר" און שפעטער די „האנדעלס ־ וואד", ארויסגעבענדיג א שעהנעם „זשורנאל פון אידישער קאמערץ און אינ־דוסטרי", אבער אויך ארויס נאר געצעהלטע נומערן. (דער „אידישער" זשורנאל געהט איצט אויף שפא־ניש). געווידמעט צו ספארט, איז אין 1934 ערשינען עטליכע חדשים א זשורנאל „מכבי", רעדאקטירט פון ר. בייראק. הרב דוד גלאזערמאן, וועלכער האט מיטגעארבייט אין פארשיידענע אויסגאבעס פון דער ערשטער צייט, איבערהויפט אויף דער פראווינץ, האט אין 1935 געמאכט א פרואוו פאר א ראבינאט־זשורנאל, „דער פנקס", נאר אויך דערשינען בלויז עטליכע נומערען, אין אידיש, העברעאיש און שפא־ניש.

אויף ווי ווייט ס'איז אין ארגענטינע נישטא קיין אויסדויער ביים ארויסגעבען זשורנאלען, בא־ווייזען צום בעסטען די אויסגאבעס וועגען טעא־טער. כאטש טעאטער איז אין בוענאס־איירעס א רייכע אינסטיטוציע און טעאטערס גיבען אוועק אויף פראפאגאנדע מעהר ווי זיי פארדינען, איז פונ־דעסטוועגען נישטא קיין סטאבילער טעאטער־זשורנאל. נאך אין 1913 איז דערשינען א קורצע צייט „די טעאטער ־ וואך". בעת די ביטערע סקאנ־דאלען אין 1926 האבעןביידע טעאטער ־ צדדים ארויסגעגעבען בלעטער, „אידיש טעאטער אין אר־גענטינע" און „דער אקטיאר". אין 1931 זענען ארויס עטליכע נומערען „טעאטער און קינא", רע־דאקטירט פון חיים ווערימקרויט. דער אקטיארען־פאראיין האט ארויסגעגעבען א חודש ־ בלאט, „טעאטער", פון וועלכען עס זענען דערשינען פון אפריל 1934 ביז 1940 בסך־הכל 25 נומערען (טייל־מאל איז אין א האלב יאהר ארויס נישט מעהר ווי אן 8־זייטיגער נומער). אין „טעאטער", אגב, הא־

בען געשריבען פארשיידענע אקטיארען, וועלכע דרו־
קען זיך אין ערגעץ נישט. און, אויב עס געהט יא
ארויס א טעאטער ־ זשורנאל, איז עס פון אמא־
טארען „איפט", „ניי־טעאטער", געהט ארויס, אמאל
אלס חודש'ניק, פון 1935; שפעטער — א מאל
אין א יובל.

עס דארף געווים אויסזעהן מאדנע, וואס די
סטאבילסטע זשורנאלען, וועלכע ווידמען זיך צו א
געוויסען ספעציעלען געביט, זענען גראד זשורנא־
לען פאר געזונט ־ פראגען. „פאלקסגעזונט" — א
צווייוואכענבלאט, אין וועלכען עס האבען מיטגע־
ארבייט א סך אידישע דאקטוירים, וואס זייערע
ארטיקלען זענען מעהרסטענס איבערגעזעצט געווא־
רען פון שפאניש — דערשיינט פון 1931, רעדאק־
טירט א רייע יאהרען פון דר. יואל זינגער, א מע־
דיקער וועלכער געהט אין די דרכים פון דר. צמח
שאבאד, איז א ציוניסט און גלייכצייטיג א חסיד פון
אידיש, רופט די שפאניזירטע יוגענט צו אידישער
קולטור און אלס שרייבער אין מעדיצינישע פראגען
באנוצט ער זיך, דר. יואל זינגער, מיט א פאלקס־
טימליכען לשון, דינענדיג אלס ביישפיל פאר אנדע־
רע דאקטוירים. דער ארויסגעבער, ש. סגל, האט
עקשנות'דיג ארויפגעפיהרט „פאלקסגעזונט" אויפן
וועג פון ברייטען לייענער־עולם, אפילו ווען ער איז
שפעטער געבליבען אהן א רעדאקטאר. „פאלקסגע־
זונט" האט א מאסען־לייענער. פון די דאקטוירים.
וואס זענען פאפולער דעם אידישען לייענער, זע־
נען: חיים פאוועלוקעס, א. אלפעראוויטש, נ. מי־
ושעריצקי (שרייבט בעלעטריסטיש וועגען קראנ־
קע), א. קלאצמאן, ווי אויך א רייהע אנדערע,
וועלכע ווערען באטראכט אלס אידיש ־ שרייבער,
ווייל ביי זייערע ארטיקלען ווערט נישט אנגעגע־
בען, אז זיי זענען איבערזעצטע.

צו די אויסגאבעס, וועלכע האבען א קורץ לע־
בען, דארף מען אויך פארעכענען די לאנדסמאנ־
שאפטליכע צייטשריפטען, פון וועלכע עס האט גע־
האט די לענגסטע עקזיסטענץ „דאס נייע ווארט".
ארויסגעגעבען פון 1928 דורכן פויליש ־ אידישען
פארבאנד, אנפאנגס אלס א חודש'ניק, רעדאקטירט
פון „לינקען" מענדעל פשעפיורקע, שפעטער אלס
וואכענבלאט; דער זשורנאל האט באגלייך מיט אר־
טיקלען פון באריהמטע שרייבער געדרוקט ארטיק־

לען פון לאַנדסלייט, וועלכע האָבען זיך אין קיין שום
אויסגאַבע נישט געדרוקט, און אפשר איז אַט־אָ־
דאָס געווען אין אַ גרויסער מאָס די סיבה, וואָס

הילע פון דעם ערשטען וויכטיגען ארגענטינער ליטעראַרישען
זאַמעלבוך, „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ"

די צייטשריפט איז אַרוים אַזוי פיל יאָהרן, ביז 1939.
דער לעצטער רעדאַקטאָר, י. האָרן, האָט זיך באַמיט
צו מאַכען פון דער לאַנדסמאַנשאַפטליכער טריבונע
אַן אַלגעמיינעם זשורנאַל — פאַר אַלע. שרייבעריש

א סך נידעריגער זענען געשטאַנען אַנדערע לאַנדס־מאַנשאַפטליכע אויסגאַבעס, ווי למשל, „גאַליציאַ־נער חודש ־ זשורנאַל", אין 1937.

אנטקעגען דער אומפּאַסענדיגקייט פון די צייטונגען זענען כמעט אַלע אַנדערע אויסגאַבעס פאַרטונקעלט געוואָרען, סיידען זיי האָבען זיך דורכאויס אָפּגעשיידט און געזוכט צו געבען זייערע צייטשריפטען אַן אַנדערען — צומאָל געגענזעצליכען כאַראַקטער. אמאָל, איידער צייטונגען זענען אַרויס מיט פּאַרנעהם, איז רעכט געווען, אַז אַזאַ זשורנאַל ווי „לעבען און פרייהייט", פון וועלכען עס זענען אַרויס בלויז דריי נומערען, מיט אַ ליטעראַטור וואָס וואָלט היינט אינגאַנצען נישט גענומען געוואָרען אין באַטראַכט, איז פאַרצייכענט געוואָרען — און זי ווערט היינט באַצייכענט, אינם ליכט פון געשיכטע — ווי אַן אויפטו. היינט געהען אַרויס זשורנאַלען יאָהרענלאַנג און, אויב זיי רופען נישט די אויפמערקזאַמקייט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער זאַך, געהען זיי אַדורך אומבאַמערקט.

גראַד איז באַשערט געווען, אַז איינער פון די ערשטע פּרוּוען פאַר אַ צייטונג, וואָס איז פאַרנוצט געוואָרען פאַר אַ צוויי־וואָכען־זשורנאַל, „ברויט און עהרע", זאָל באַטראַכט ווערען ווי אַ היסטאָרישע געשעהעניש, אויף וועלכער עס העננגט אַ שאַנד־צייכען... געווען איז דאָס אין 1909 ־ 1910. דער באַראַנאָוויטשער פיהרער לעאָן כאַזאַנאָוויטש. ספּעציעל געקומען קיין אַרגענטינע, האָט באַדאַרפט שטעהן בראש פון דער צייטונג. ער איז אָבער געווען צו־קעמפעריש, איז רעוואָלוציאָנעריש אַרויסגעטראָטען געגען דער יק"א און איז דערפאַר — אויף אַ מסירה, אין דער צייט פון גרויסע אומרוען אין אַרגענטינע — אַרויסגעשיקט געוואָרען פון לאַנד. כאַזאַנאָוויטש'עס דעפּאָרטאַציע האָט געווירקט, אַז די איניציאַטיווע פאַר דער צייטונג איז דורכגעפאַלען, און אויף אַן עהנליכען אופן איז באַשערט געווען דעם זשורנאַל „ברויט און עהרע" אונטערצוגעהן נאָכן זיבעטען נומער, ווען אויך דער נייער רעדאַקטאָר, ז. סאַרקין, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד, פאַר'מסור'ט אַלס „אַ געפעהרליכער פאַרשוין" . . .

„דאָס אידישע לעבען", אַלס ערשטער פּרואוו, וואָס האָט אָנגעהויבען פּאַרווירקליכט ווערען און מעהר ווי 17 טעג נישט געלעבט, האָט באַדאַרפט פאַרגעזעצט ווערען דורך „ברויט און עהרע". נאָר. ווייזט אויס, אַז עס איז נישט באַשערט געווען דעם אידישען צייטונגס - וועזען צו האָבען פאַר אַ פּיאָ־נער אַזאַ שרייבערישע פּערזענליכקייט, ווי לעאָן כאַזאַנאָוויטש. ווער עס האָט געהאַט מעהר מזל, דאָס איז געווען דער „טאָג", וואָס איז דער ערש־טער גרויסער עקספּערימענט פון אַ טאָג־בלאַט אין אַרגענטינע.

„דער טאָג" האָט אָנגעהויבען דערשיינען דעם ערשטען יאַנואַר 1913 און איז ביזן אַרויפשווימען פון „די אידישע צייטונג" געווען אַ גרויסע דעראייגעניש אין דעם נייעם ישוב. „דער טאָג", אַרויס־געגעבען פון דרוקער וואָלף צייטלין, אַ איד אַ למדן. האָט געהאַט הינטער זיך אַ דערפאַהרונג און דאָס איז געווען דאָס „יודיש אַרגענטינער וואָכענבלאַטט" וואָס איז געווען אַ פאָרזעצונג פון „דער פאָלקס־בלאַט", רעדאַקטירט דורכן אָנגעלערנטען פּאָביאַן ש. הלוי. דאָס דאָזיגע וואָכנבלאַט, וואָס האָט געהאַט „די אויפגאַבע" צו רעקלאַמירן דאָס שיפסקאַרטען־געשעפט פון פאַרלעגער, ג. איצקאָוויטש, איז דער־שינען דריי יאָהר, פון 1910 ביז 1913. דאָס איז פאָרט געווען אַ דערפאַהרונג פאַר אַ טעגליכער צייי־טונג. „דער טאָג" האָט געשטעלט פאַרן נסיון די אַלע, וועלכע האָבן געהאַט פּרעטענזיעס אויף שריי־בעריי, קודם־כל ליאַכאָוויצקי'ן, דעם רעדאַקטאָר. מ'האָט נאָר באַדאַרפט עפּעס קענען: עלטערע שריי־בער, אינגערע, אַז מ'האָט נאָר געהאַט „וואָס צו פאַרקויפען", האָט מען געקענט ווערען אַ שרייבער. די, וואָס האָבען נישט געקענט זיך אַוועקשטעלען אויף אַ העכערען ניוואָ, האָבען נישט געהאָלפען די געלעגענהייטען, ווען זיי זענען געשטאַנען פאַרן נסיון (134). דאָס צייטונגס - וועזען האָט אַוועקגעשטעלט

---

134) אזוי האט ליאכאוויצקי געמאכט נאך עטליכע פרו־ווען, צו שטעלען זיך ב ר א ש פון א נייער צייי־טונג; איינער פון זיי איז געווען „דער אידישער טאגבלאט" אין 1917, דערשינען א קורצע צייט. אין

דעם שרייבער — אזוי דעם זשורנאַליסט, ווי דעם בעלעטריסט, פאַרן עקזאַמען.

ד אָ ס א י ד י ש ע ג ע ד ר ו ק ט ע וואָרט אין אַרגענטינע האָט דאָס צייטונגס־וועזען פאַר אַ פונדאַנענט און פאַר אַ דאַך...

צוויי עפּאָכעס האָבן מיר — דער האַלבער יאָהרהונדערט פון יובל איז אויף גלייכע טיילן געטיילט.

איין טייל — פון 1889 ביז 1914; פון דער קאָלאָניסטען ־ איינוואַנדערונג ביז מיט 25 יאָהר צוריק, ווען עס איז אויסגעבראָכען די ערשטע איי־ראָפּעאישע מלחמה. אָנגעהויבען מיט מיכל הכהן סיני׳ס ליטאָגראַפירטען „ווידער־קול" אין 1898, זענען אין דער עפּאָכע געווען די וויכטיגסטע דער־שיינונגען „דיא פאָלקס שטיממע", „דער אידישער פאָנאָגראַף", „דאָס אידישע לעבען", „לעבען און פרייהייט", „ברויט און עהרע" ,„די יודישע האָפ־נונג", „דער אוואַנגאַרד" (135), „דער פערטהיי־דיגער", „שטראַהלען" און „דער טאָג" — די דאָ־זיגע אויסגאַבעס האָבען געמאַכט אַ קלענערען אָדער גרעסערען איינדרוק אין דער צייט, ווען זיי זענען דערשינען, וואָרום אפילו יענע, וועלכע זענען געווען קליין, שוואַך און קבצנות׳דיג, זענען באַטראַכט גע־וואָרען ווי אַ געשעהעניש, ווייל עס איז געווען אַ פיאָנערישער אויפטו.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם האַלבען יאָהרהונדערט, פון דעם ערשטען ביזן צווייטען קריג אין אייראָפּע, איז דאָס געדרוקטע וואָרט אין דער

1925 איז געגאַנגען כמעט אַ יאָהר צייט „דאָס פאָלק", רעדאַקטירט פון י. ל. גאַרעליק, אַ איד אַ למדן, אַ העברייער. לענגער איז אָנגעגאַנגען דער „אַרגענטינער טאָג", פון 1928, רעדאַקטירט פון ה. ברוסילאָווסקי. די פּאַפּירענע בריק אין דער אידי־שער אַרגענטינע איז קאָלאָסאַל . . .

135) צו דער אָנהויב ־ צייט פון בונדישען „אַוואַנגאַרד" געהערען אויך די שכנות׳דיגע סאָציאַל ־ דעמאָקראַ־טישע אויסגאַבעס „דאָס אַרבייטער ־ לעבען" און „די שטימע פון אַוואַנגאַרד", 1908 ־ 1909.

אידישער אַרגענטינע — נישט בלויז די זשורנאַ־ליסטיק, נאָר אויך דער רוב פון דער שעהנער לי־טעראַטור — כמעט ווי קאָנצענטרירט אין די טעג־ליכע צייטונגען.

נישטאָ קיין צייטשריפטען, וועלכע זאָלען שריי־בעריש שטעהן העכער פון די צייטונגען, און דער־פאַר זענען זיי נאָר צופעליגע דערשיינונגען.

מיטן אויסנאַהם פון די קאָמפּראָלעטאַרישע גע־צעהלטע שרייבער, וועלכע האָבען נישט קיין צוטריט צום צייטונגס ־ וועזען אָדער ווילען נישט האָבען קיין צוטריט, איז נישטאָ קיין אַלגעמיין ־ שריי־בערישע גרופּירונג און אוודאי נישט קיין קינסט־לערישע. נאָר שאַרפע פּאַרטיי ־ אינטערעסען זענען די שטאַרקסטע רעקאָמענדאַציעס (136).

יחידים מיט קינסטלערישען טעמפּעראַמענט — זענען דאָ. צוזאַמען — נישט. און ממילא האָבען זיי נישט קיין בשותפות'דיגע טריבונע. זיי זענען צעשפּרייט איבער די צייטונגען און אַרבייטען־מיט צופעליג אין אַזאַ אָדער אַנדערען זשורנאַל.

און אין די זשורנאַלען, ווייל זיי זענען נישט אַ נ ד ע ר ש פון די צייטונגען, פילט נישט דער לייענער קיין ספּעציעלע נויטווענדיגקייט (137).

---

136) אַז אייגענע פּאָזיציע האָט די חודש ־ שריפט, „דאָס פרייע וואָרט", אַנאַרכיסטיש, מיט טענות צו דער גאַנצער וועלט, דערשיינט פון 1937.

137) „שול און היים", למשל, האָט נאָר אַלס סינדיקאַ־לער אָרגאַן פון לערער־פאַראיין געקענט האָבען עק־זיסטענץ ־ באַרעכטיגונג. דערשינען אַלס חודש'ניק אין 1932, האָט „שול און היים" געדרוקט אַרטיקלען, וואָס וועלען געוועהנליך געדרוקט אין אַלע צייטונ־גען, לפּחות נישט ערגערע. אַן עהנליכע באַרעכטי־גונג, ווי אַן אָרגאַן פאַר אייגענער פּראָפּאַגאַנדע, האָט דער זשורנאַל „דערציאונג", אָרגאַן פון צענטר. אָרג. פאַר חינוך ביי ח"ק, רעד. פון י. גאָלדשטיין. פאַראַן פאַר פּראָפּאַגאַנדע פון שולען וועניגער־וויכ־טיגע אָרגאַנען אָדער ביולעטינען, ווי די צייטשריפט „אונזער אַרבייט" אַרויסגעגעבען זינט 1933 דורך דער „געז. פאַר אידיש־וועלטליכע שולן", 14 נומערן, ווי פון „צווישאַ", „ח. נ. ביאַליק־שול" א. אנד.

בפרט נאָך, אַז נישט איין זשורנאַל זעהט אויס ווי אַ שלעכטע קאָפּיע פון אַ צייטונג, מיט אַלע איהרע פעהלערן, אָבער נישט מיט אַלע איהרע מעלות. עס איז נישט קיין נייעס, צו טרעפען אין אַזוי־גע־רופענע בעסערע זשורנאַלען אַ סך מעהר נאָכלעסיג־קייט און אַ סך ווייניגער ליטעראַרישקייט, ערגערען לשון און נידעריגערען אינטעלעקטועלען ניוואָ, שוואַ־כערע דערצעהלונגען, לידער, עסייען און שוואַכערע קריטיק, רעצענזיעס, אַפילו אַ סך ערגער־געשרי־בענע נאָטיצען ווי אין די צייטונגען.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ווען עס זענען דאָ צייטונגען, וועלכע דערשיינען יעדען טאָג, איז ניטאָ קיין איבעריגע נויטווענדיגקייט אין צייטונגען, וועל־כע דערשיינען איין מאָל אין חודש אָדער איין מאָל אין וואָך . . .

כדי די זשורנאַלען זאָלען געווינען דעם לייע־נער, דאַרפען זיי זיין אַ נ ד ע ר ש אָ ד ע ר ה ע כ ע ר פון די צייטונגען — דעמאָלט איז פאַר זיי רעזערווירט דאָס רעכט און די פליכט, צו שאַפען אַ גרעסערע פּאָזיציע פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע, דורכן צופלוס פון נייע ליטעראַרישע כוחות, דורך וועלכע עס זאָלען אַרויס־קומען אייגענע קאָלעקטיווע ליטעראַרישע שטרעמונ־גען אָדער ליטעראַרישע אינדיווידואַליטעטען.

ביז איצטער האָט אָבער דאָס אידישע צייטונגס־וועזען אין אַרגענטינע דערגרייכט אַזאַ הויכע שטו־פע פון אַנטוויקלונג, אַנטקעגען וועלכער די צייט־שריפטען, מיט זעלטענע אויסנאַהמען, זענען הינ־טערשטעליג.

— X —

דיספּראָפּאָרץ צווישען דער זשורנאַליסטיק און דער ליטעראַטור

אַז אומגעהויער ־ גרויסע דיספּראָפּאָרץ איז פאַראַן אין דעם אַרגענטינער אידישען געדרוקטען וואָרט צווישען דער זשורנאַליסטיק און דער בעלעטריסטיק.

און פאַראַן אַ אומגעהויער ־ גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישען דער ליטעראַטור, וואָס ווערט אין אַרגענטינע פאַרעפענטליכט אין צייטונגען און צייטשריפטען, און די דערשינענע ביכער.

די ביכער ־ פּראָדוקציע שפּיגעלט בשום אופן נישט אָפּ דאָס געשאַפענע. די מערהייט ביכער איז פון צוויפעלהאַפטען ווערט, אויב ניט אָנצורופען דאָס „גראַפאָמאַניע". ווייל נישט אויף אַ נאַטירליכען וועג קומען שרייבער צום לייענער. נ אַ ט י ר ל י ך וואָלט געהייסען, ווען די ביכער ווערען אַרויסגעגעבען פון פאַרלאַגען. פון פאַרלאַגען — בוכהאַנדלונגען — זענען אָבער אַרויסגעגעבען געוואָרען בלויז עטליכע אידישע שול ־ ביכער. די, וואָס טראָגען יאָ דעם נאָמען פון אַ פאַרלאַג, כאָטש זיי זענען נישט קיין שול־ביכער, זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען, אָדער אויף אַן אויסגעטראַכטען נאָמען, אויף אַ נאָמען „פון דער הפטורה", אָדער אויף אַ נאָמען פון אַ בוכהאַנדלונג, וואָס טראָגט נישט קיין אחריות פאַר דעם ווערט און פאַר דער הוצאה... פון דעם בוך. שרייבער אַליין, טייל פון זיי גראַפאָמאַנען, גיבען אַרויס ביכער — ממילא דעצידירט נישט ביי דעם, צי דאָס בוך האָט אַ שרייבערישען ווערט, נאָר עס איז אָפּהענגיג בלויז פון דעם, צי דער שרייבער „האָט אַ פּאָר טאָלער". פאַראַן ביכער, „אַרויסגעגעבען פון אַ קאָמיטעט", כאָטש הינטער דעם „קאָמיטעט" שטעהט דאָס רוב נישט

מעהר ווי דער שרייבער אליין. די ביכער, וואס זענען באמת ארויסגעגעבען געווארען פון קאמיטעטען, זע־נען געווען ביי דער געלעגענהייט פון א לאנגען יובי־ליי — נאכן שרייבען א פערטעל יאהרהונדערט האַ־בען טייל באוואוסטע שרייבער זוכה־געווען, אז עס זאל דערשיינען זייער ערשט בוך — ווי עס איז גע־ווען דער פאל מיט ישראל העלפמאן, פ. כ"ץ און פּ. וואלד (138).

פאר א שרייבער איז דאס ארויסגעבען אין ארגענטינע א בוך פארבונדען מיט מסירת־נפש. פאראן שרייבער, גרויסע קבצנים, וועלכע האבען אפגעשפארט פון עסען און פון קליידען זיך, כדי ארויסצוגעבען ביכער. די דאזיגע שרייבער מיט טאַ־לאנט האבען אנגעטראפען א פארוויסט פעלד, ווייל עס זענען ארויסגעגעבען געווארען אנדערע ביכער פון טאלאנטלאזע מענשען און זייערע „ווערק" זע־נען גראד גוט פארשפרייט געווארען און האבען אזוי ארום געשאפען א מיאוס'ע רעפּוטאציע פאר דעם ליטעראַרישען ווארט (139). דורך קיין שום

---

138) ישראל העלפמאנ'ס „פון מיין געמיט", 208 זייטען; פּ. קאצ'ס „צו דער געשיכטע פון דער אידישער זשור־נאליסטיק אין ארגענטינע", 204 זייטען; פּ. וואלד'ס „בלעטלאך", 195 זייטען — ארויסגעגעבען פון אידי־שען ליטעראטען־ און זשורנאליסטען ־ פאראיין אין ארגענטינע, אין יאהר 1929.

139) פאראן א פּיעסען ־ שרייבער, וואס זיינע פּיעסען ווערען אין ערגעץ נישט גענומען אין אכט און ניט געשפּילט, אבער זיינע ביכער זענען פארקויפט גע־ווארען מעהר ווי פון אלע אנדערע שרייבער. דער דאזיגער גראפאמאן, א בעל־מלאכה, האט זיך אפגע־לאזט פון ארבייט און פארנעהמט זיך מיט דעם, וואס ער געהט ארום מיט זיין אפגעדרוקטען ביכעל און „מאכט א לעבען" אלס א שרייבער. אן אנדערער האט ארויסגעגעבען א גרויס בוך לידער און פון דעם זיך „אויסגעשלאגען" א שיפסקארטע. אזעלכע ביכער פאר'סמ'ען דעם מארק. ליידער האבען אויך געוויסע טאלאנטירטע שרייבער זיך באנוצט ביים פארקוי־פען זייערע ביכער מיט אזא סיסטעם, וואס מאכט א תל פון דרך־ארץ צום שרייבער.

זשורנאַל איז נישט געמאַכט געוואָרען אַזאַ „שנאָ־רעריי”, ווי מיט דער הילף פון געוויסע ביכער. מען טרעפט ביי גאַנצע און האַלבע גויים אַרגענטי־נער אידישע ביכער און דער תירוץ איז: „מ'האָט זיי מיר אַריינגעשטופּט” און מ'האָט פאַר זיי גע־געבען געלט, ווי אַ נדבה . . .

אַרויסגעבען אַ בוך איז דעריבער פאַרבונדען אין בוענאָס ־ איירעס נישט בלויז מיט מסירת־נפש פון שרייבער, נאָר אויך מיט אַ פיינליכער זאָרג, ווי דאָס בוך צו פאַרשפּרייטען, און פון דעם נעהמט זיך, וואָס טייל שרייבער, וועלכע האָבן שוין באַקו־מען אַן אייגען אויסזעהן, זענען אויפן ביכער־מאַרק נישט פאַרטראָטען, כאָטש זיי האָבען פאַרשיידענע ווערק (140). די אַנטוישונג פון שרייבער, שוין נאָכן אַרויסגעבען אַ בוך, פיהרט דערצו, אַז ער פאַרלירט דעם חשק אַרויסצוגעבען ביכער, וואָס זאָלען דאַר־פען זיך „וואַלגערען” ביי איהם אין שטוב, אויב ער וועט ניט זיין פעהיג צו קריגען גוטע־ברידער, וועלכע זאָלען איהם העלפען דאָס בוך פאַרשפּרייטען (141). אַנדערע שרייבער, גרויסע עקשנים, מיט דער אַמ־ביציע צו זעהן זייער שאַפען אין אַ בוך ־ פאָרם, אַפילו ווען דאָס בוך זאָל אויסער צו קריטיקער צו קיינעם נישט אָנקומען, פאַרגינען זיך דעם לוקסוס אָפּצודרוקען אַ קליינינקע צאָהל עקזעמפּליאַ־

140) אין די ערשטע יאָהרען איז יעדעס בעסער בוך אַרויסגעגעבען פון אַן אמת'ען קאָמיטעט. משה פּינ־טשעווסקי'ס „צוויט” איז געווען דאָס ערשטע פון דעם מין. דאָס מין „קאָמיטעט” איז אָבער אינגיכען אַזוי וואולגאַריזירט געוואָרען און די ביכער זענען פאַרשפּרייט געוואָרען אַזוי „נאָר אויף אַרויסצוראַ־טעווען די פּאָר פּעזעס”, אַז ס'איז שוין געזינטער צו זאָגען, דאָס בוך איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, ווי איציק מאַנגער רופט אַן דעם פאַרלאַג, פון „אַליינעניו”.

141) געווען פאַלען, ווען ביכער, אַרויסגעגעבען אונטערן נאָמען פון אַ קאָמיטעט, זענען געבליבען ביים דרוקער נישט אויסגעלייזט.

רען, „פאַר מיר און דיר" (142). אַט־דאָס אַלץ פיהרט צו דעם, אַז די אידישע בוך־פּראָדוקציע אין אַרגענטינע איז בלויז טיילווייז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער געשאַפענער אידישער ליטעראַטור, פון דער־צעהלער, פּאָעטען, עסעאיסטען און פּובליציסטען, צעזייהט און צעשפּרייט איבער די טויזענט־און־איין צייטונג־ און זשורנאַלען.

די ליטעראַרישע דערגרייכונגען פון אַ רייע אַרגענטינער אידישע שרייבער דאַרף מען דערי־בער שאַצען לויט זייערע אַרבייטען אין די צייטונ־גען און זשורנאַלען.

שווער אָבער נאָכצופאָלגען שרייבער אין צייטונגען און פאַנאַנדערצוקלייבען זיך דאָרטען צווי־שען זאַכען פון ווערט און רייד, וואָס האָבען נישט קיין לעבען אפילו אין דעם טאָג, ווען זיי זענען גע־בוירען געוואָרען . . .

צוליב דער איינגענשאַפט פון קאָנצענטרירען, מיט וואָס אַ בוך איז פּריווילעגירט אַנטקעגען יעדער צייטשריפט, האָט דאָס מינדעסטע ביכעל מעהר ווערט פאַר דער אָפּשאַצונג ווי יאָהרען ־ לאַנגע שרייבערישע אַרבייט אין צייטונגען.

דאָס בוך אַנטקעגען דער צייטונג איז געגליכען צום געדרוקטען וואָרט אַנטקעגען דעם גערעדטען וואָרט אויף דער ראַדיאָ.

די צייטונג איז פאַרן שרייבער — אַרבייט. דאָס בוך איז פאַרן שרייבער — סך־הכל פון אַרבייט.

בוך איז באַלאַנס.

מאַכען אַ באַלאַנס פון דער אידישער ליטעראַ־טור אין אַרגענטינע לויט צייטונגען איז דאָס זעל־

---

142) מ. גראַניטשטיין, דער פּראָדוקטיווסטער פון די נייעסטע ביכער ־ מחברים, האָט ארויסגעגעבען זיינע לעצטע ביכער נישט מעהר ווי אין 250 עקזעמפּליאַרען. ח. וואָלף איז אַוועק נאָך ווייטער: זייענדיג אַ לינאָטיפּיסט, האָט ער געמאַכט בלויז עטליכע צעהנדליג קאָפּיעס פון זיין ווערק „עטישער סאָציאַליזם" און זיי פאַנאַנדערגעשיקט צו געצעהלטע שרייבער אין אויסלאַנד.

ביגע, ווי מאכען א באלאנס לויט א טאג־ביכעל, א „טשערנאוויק". נאר דערווייל, צום באדויערען, איז אידישע ליטעראטור אין ארגענטינע מעהר פאר־שריבען אין „טשערנאוויק", ווי אין ביכער.

דער דאזיגער ריזיגער דערפאלג פון ציימונגס־וועזען האט געלייגט א שטעמפעל אויף דעם ליטע־ראַרישען ווארט אין נייעם ישוב.

אין קיין שום ישוב אויף דער וועלט איז די אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור נישט אזוי אפהענגיג — און שטאמט נישט אזוי — פון די ציימונגען, ווי אין ארגענטינע.

דאס, וואס פאר א נאוועליסט, פאעט אדער עסעאיסט איז — צוליב פארשיידענע סיבות — ניט שווער געווען צו געפינען פלאץ אין א ציימונג — האט שטארק געווירקט אויף דעם כאראקטער פון דעם ליטעראַרישען אנהויב.

די ציימונגען, נישט זשאלעוועדיג קיין פלאץ פאר שעהנער ליטעראטור, האבען א סך מעהר גע־נאסען פון דער ליטעראטור ווי די ליטעראטור פון די ציימונגען.

א רייע שריפטשטעלער, ארבייטענדיג אין צייי־טונגען אלס זשורנאליסטען, האבען פארליטערא־רישט דעם ארגענטינער אידישען זשורנאליזם. קריי־גענדיג פאזיציעס אין די ציימונגען, האבען אבער די שריפטשטעלער זייער פאעזיע, נאוועלע אדער עסיי פארזשורנאליסטעוועט.

אויפן ארט פון געדולד — און געדולד איז אינם ליטעראַרישען שאפען דער גרעסטער פארבאדינג — זענען שריפטשטעלער מיטגעריסען געווארען פון דער כאראקטעריסטישער ציימונגס־אומגעדולד.

די שריפטשטעלער אין ארגענטינע שלייפען ניט אזוי זייער שאפען, צערטלען ניט אזוי דעם געדאנק, דאס געפיהל און דאס ווארט, ווי מען דארף שליי־פען אין בעלעטריסטיק און העכערער פובליציסטיק.

צווישען זשורנאליזם און ליטעראטור אין אר־גענטינע איז פארגעקומען און קומט פאר א כסדר׳־דיגער אויסבייט און גענענזייטיגע באאיינפלוסונג. פון וואס די זשורנאליסטיק געווינט מעהר ווי די ליטעראטור.

אין די ספעציפישע ארגענטינער באדינגונגען

האט דער פאעט אדער נאוועליסט טיילמאל זיך פארלארען, ווייל ס'איז איהם אויסגעקומען צו שפי־לען דעם „אוטשאני יעווריי" און ווערען — א קליינשטעדטעלדיגער פוסק ־ אחרון . . .

אפהיטען דעם סטאזש פון א שריפטשטעלער קענען געצעהלטע בלויז, ווען זיי ווערען געשטעלט פארן נסיון (143).

נישט איין שריפטשטעלער, וועלענדיג בייטרא־גען פאר א זשורנאל, האט זיך געכאפט צום זשור־נאליסטישען טייל, „וואס מוז זיין", און אזוי ארום געקראגען א פנים פון חוזק . . .

פון דעם שידוך צווישען ליטעראטור און זשור־נאליזם האבען ארגענטינער בעלעטריסטען זיך אויס־געלערענט, אדער יעדענפאלס דערשפירט די נויט־ווענדיגקייט, צו באמיהען זיך זיין קלאהר, פאר־שטענדליך פאר אלעמען, „רעדען ווי א מענש". דאס אפהיטען קלאהרקייט אין שרייבען איז געוויס א מעלה. פון דעם יאגען זיך נאך קלאהרקייט איז

---

143) ביז 1924 ־ 1925, איידער די צייטונגען האבען זיך א הויב ־ געטון, ווערענדיג גרעסער און רייכער, איז די אמביציע פון שרייבער זיך צו דרוקען אין צייטונגען געווען אין לשער. צוערשט „זעגלען", צוליב קינסטלערישע מאטיווען, און דערנאך דער „רויטער שטערן", מיטן כוח פון פארטייאישע ארגומענטען, האבען געווירקט אויף שרייבער, אז אויב זיי זענען נישט געבונדען פראפעסיאנעל מיט א צייטונג, זא־לען זיי בעסער זוכען ליטעראריש זשורנאלען, זא־מעלביכער אדער זיך מאטערען ארויסצוגעבען א בוך. גיט א קוק אין דער רשימה פון ארגענטינער זשור־נאלען און ביכער, און איהר וועט זעהן, אז פון יענער צייט האבען זיי אנגעהויבען דערשיינען מעהר ווי אלעמאל. פון דער צווייטער זייט זענען אויך די צייטונגען געווארען מעהר איבערקלייבעריש. שטעהענדיג בעסער מאטעריעל, נישט דארפענדיג אזוי פיל ווי פריער אנקומען צו דער „שער", קע־נענדיג און וועלענדיג מעהר צאהלען האנאראר, הא־בען זיי גיכער געזוכט די מיטארבייט פון וועלט־באריהמטע אויסלענדישע שרייבער איידער פון אר־טיגע.

אָבער אַרויסגעקומען אויך אַ גרויסער חסרון. כדי צו זיין פאַרשטענדליך פאַר דעם רוב לייענער פון דער צייטונג — פאַר טויזענטער, פאַר דער מאַסע — האָבן ליטעראַטן זיך גענומען באַנוצן מיט צופיל ווערטער פאַר קליינע געשעהענישן, קליינע מחשבות, קליינע געפיהלן, קליינע מענשן. בעלעטריסטן האָבן זיך צופיל געלאָזט באַהערשן פון רעפּאָרטאַזש, נישט פון יענעם מין רעפּאָרטאַזש, וואָס געהערט צום מאָדערניסטישן שרייבער, ווי עס גיבן אַ ביישפּיל ערענבורג אין רוסיש און דזשאָן דאָס פּאַסאָס אין ענגליש, נאָר פון גלאַט אַ סך רעדעריי. די פיל־רעדעריי האָט בעלעטריסטן געשטערט אָפּצוהיטן זייער אייגענעם לשון, אייגענע פאָרם, אייגענעם סטיל, וואָס איז דער שטאַמצייכן פון אַ שרייבער, זיין אייגנאַרטיגקייט — דאָס אַלץ, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ שרייבער און גיט איהם דעם טיטעל פון קינסטלער.

די בעלעטריסטן אין אַרגענטינע קאָנקורירן צופיל מיט פּאָפּולערער שרייבעריי.

עס וואַרפט זיך צופיל אין די אויגן דאָס נישט איבערקלייבן אין מיטלען.

אַ מוסטער פון דער נישט איבערקלייבערישקייט — וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ רייע אַרגענטינער שרייבער — איז געווען דער עלטסטער סופר, משה רובין. כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין לעבן פון שרייבעריי און קיין זיכערע טריבונע נישט געהאַט, פונדעסטוועגן איז ער געווען אפשר מעהר פּראָדוקטיוו אין אַרבייט ווי שרייבער אין צייטונגען. אין זיין טיפער גילדערנער עלטער, פונקט ווי פריער, האָט ער מיט דער זעלביגער התמדה געשריבן אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציהלונג און קאָמפּילירט אַ דריי־בענדיגען „האַנטבוך פאַר אידישע געשיכטע און כראָנאָלאָגיע" (144), שרייבט מעשה'לאַך פאַר קינדער און פאַרלירט נישט קיין שום געלעגנהייט אַריינצושרייבן „אַ בריוו אין רעדאַקציע" וועגן אַ וועלכן ס'איז

144) דערשינען באַנדווייז אין 1932, 1933, 1934, האַלטען צוזאַמען 760 זייטען. משה רובין האָט אויך פאַרפאַסט לערנביכער פון איד. געשיכטע פאַר שולן.

אקטועלע ענין, זעצט איבער קלאסישע דראמעס פון אן איבערזעצונג (145) און קאמפילירט אר־טיקלען וועגן אסטראנאמיע און אנדערע וויסענ־שאפטליכע זאכען, פונקט ווי ער שרייבט מאנאגרא־פיעס וועגן באריהמטע אידען, וועלכע שטעהען אויף דער טאג ־ ארדנונג צוליב א יובילי (146). ער שטעלט זיך נישט אפ אויף אזא אדער אנדע־רען געביט, פונקט ווי ער שטעלט זיך נישט אפ אויף דער שפראך און סטיל.

נאכלעסיגקייט און קנאפע איבערקלייבעריש־קייט, דער גרונט ־ פעהלער פון צייטונג ־ שריי־בעריי, וואס רעכענט זיך קודם ־ כל מיטן טאג און נישט מיט דעם פרינציפ פון דויערהאפטיגקייט, איז אויך דער גרונט ־ פעהלער פון דער אידישער בע־לעטריסטיק אין ארגענטינע.

איין איינציגער אינטעלעקטועלער האט זיך ספעציאליזירט יאהרענלאנג אויף איין געביט און געבראכט פרוכט פון זיין מיהזאמער ארבייט: לייב ווינאקור. יאהרענלאנג געארבייט אויף א אידיש־שפאנישען ווערטערבוך און העברעאיש ־ שפאנישען ווערטערבוך, וואס איז אונטער דער רעדאקציע פון מנשה קאנסטאנטינאווסקי נאכדעם אפגעדרוקט גע־ווארען, אין 1931, און דאס איז דער איינציגער באדייטענדער איד. וויסענשאפטליכער אויפטו, וואס איז פארצייכענט געווארען אין ארגענטינע. מ׳קען אנווייזען אויף פארשיידענע חסרונות. דער׳עיקר׳שט

---

145) שעקספיר׳ס „אטעלא“ און גוטשקאוו׳ס „נתן דער חכם“,ביידע ווערק נישט איבערגעזעצט פון אריגי־נאל.

146) „דער זיידע און דאס אייניקעל“ (צו מענדעלע׳ס 100־יאהריגען יובילי) אין 1936. צום 800 און 900־יאהריגען יובילי פון ר׳ יהודה הלוי און רש״י האט משה רובין ארויסגעגעבען, אין 1940, א בוך אונטערן נאמען „נאהענטע און ווייטע“ מיט ביא־גראפיעס וועגען די צוויי פערזענליכקייטען, געשרי־בען מיט דער כוונה, אז י ע ד ע ר א י י נ ע ר זאל עס קענען לייענען און זיך עפעס דערוויסען. — משה רובין, א הויז־לעהרער, איז געשטארבען דעם 2־טען אויגוסט 1940, אין עלטער פון 83 יאהר.

איז אינם אידישען ווערטערבוך זעהר קריטיקיר־באר דער אידיש, וואו עס זענען אריינגעגעבען גע־ווארען א סך בארבאריזמען, וועלכע זענען גארנישט נויטיג געווען. נאך די אלע באמערקונגען איז דאס אבער פארט א מאנומענט פון אויסדויער, און וואס עס נויטיגט זיך די בעלעטריסטיק.

— XI —

דריי עטאַפּען אין דער בעלעטריסטיק

די אידישע בעלעטריסטיק אין אַרגענטינע — אין די 41 יאָהר פון געדרוקטען וואָרט — האָט דורכגעמאַכט צוויי פולע עטאַפּען פון אַנטוויקלונג און געפינט זיך אינם דריטען עטאַפּ, וואָס ווערט איצטער אַנגעצייכענט.

דער ערשטער עטאַפּ הויבט זיך אָן פון קאַיאַר. פון די ערשטע פּרוּאוּוען, און ווערט אָפּגעשלאָסען מיט די אָנגעזעהענסטע פיגורען פון יענער צייט, אַרויסגעטיילטע אַלס דערצעהלער און פּאָעטען — מרדכי אַלפּערסאָן, משה פּינטשעווסקי, אברהם בראַדסקי, ישראל העלפּמאַן, נח וויטאַל, אבאַ קליגער, מ. פּרומקין און ברוך בענדערסקי — וועלכע האָבען געהאַט זייער שעהנסטע צייט ביים סוף פון דער אייראָפּעאישער מלחמה, איידער די נייע איינוואַנדערונג פון נאָך דער מלחמה, זינט 1922, האָט אָנגעהויבען פאַרנעהמען אָרט אין דער שרייבעריי. איין מרדכי אַלפּערסאָן, דער דעקאַן פון דער אַרגענטינער אידישער בעלעטריסטיק, האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם ערשטען עטאַפּ און פאַרנומען אין דעם צווייטען עטאַפּ אפשר אַ נאָכמעהר ־ אָנגעזעהען פּלאַץ ווי אין דער ערשטער צייט.

דער צווייטער עטאַפּ פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע הויבט זיך אָן מיט די איינגעסטע אַרגענטינער פּאָעטען, דערצעהלער און דראַמאַטיקער און מיט די עלטערע, וועלכע האָבען זיך אַנטוויקעלט אין דעם נייעם ישוב אונטער דער ווירקונג פון דער נייער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין ראַטענפאַרבאַנד און פּוילען, ווי יעקב אייזענ־

שטיין, יעקב שטרייכער, אברהם מאשקאוויטש, שמואל גלאזערמאן און אברהם זייד. באלד קומט אן די נייע אימיגראציע, וועלכע הויבט אן ברענגען שרייבער, וואס האבן זיך שוין געדרוקט, און אנ־דערע וואס האבן אין ארגענטינע דעבוטירט און גיך באקומען אנזעהן. עס זענען צוגעקומען לייב מלאך, משה דוד גיסער, שמואל ראזשאנסקי, יצחק בלומ־שטיין, א. פייערמאן, י. ל. גרוזמאן, יעקב באטאשאנ־סקי, ח. וואלף, נחמיה צוקער, הירש בלאשטיין, ש. פריילאך, מרדכי מידאניק, משה גראניטשטיין, יוסף ראבינאוויטש, יעקב פלאפאן, פנחס ביזבערג, א. א. פישער, זלמן וואסערצוג, מ. ז. גאלדשטיין, י. ל. גאלדבערג, א. מארגאלין און נאך אנד. כמעט אלע האבן זיי אנגעבראכט די לעצטע שווערע שטי־מונגען פון די אלטע היימען, איבערלעבונגען פון דער מלחמה ־ אקופאציע, הונגער, רעוואלוציע, קלאסען־קאמף, אנטיסעמיטיזם און געזוכט צו ברענגען די שטימונגען און איבערלעבונגען צום אויסדרוק, ווער מיט אידישיסטישער „קונסט צוליב קונסט", ווער מיט קאמפראלעטארישער פלאקאטען ־ דיכטונג און ווער מיט באשיידענער פאלקסטימליכקייט.

דער צווייטער עטאפ פון דער אידישער ליטע־ראטור אין ארגענטינע — אן עטאפ וואס מ'קען רעכענען פון 1922, ווען די אימיגראציע האט זיך הויך צעשפילט, ביז 1930, ווען די איינוואנדערונג האט זיך אנגעהויבן האמעווען — איז געווען פאר אונזער געדרוקטען ווארט א צייט פון שטורעם און דראנג. עס איז צוגעקומען א סך אינטעליגענץ מיט פרעטענזיעס אויף שרייבעריי. א סך נעמען האבן זיך דורכגעווארפען איבער בלעטער, אט מיט א דער־צעהלונג, אט מיט א ליד, אט מיט אן ארטיקעל ווע־גען ליטעראטור. אין צייטשריפטען האבן אזעלכע צאהלרייכע נעמען געזוכט ארויסצוקומען מיט בא־זונדערען אייפער און „קוראזש" אין זכות פון פאר־טייען, אין פארטיי ־ זשורנאלען — א סך אזעלכע נעמען, וואס קיינער געדענקט נישט מעהר. געווען א סך „פליגען" ־ ליטעראטען, וועלכע האבן גע־לעבט נישט מעהר ווי אין זייער קימפעט ־ טאג...

דער צווייטער עטאפ איז געווען אין א צייט, ווען די פראלעטארישע אפענסיווע איז געמאכט גע־

וואָרען אויף אַלע פראָנטען און ממילא אויך אויפן ליטעראַרישען פראָנט. אין דעם קנאַפּען צעהנדליג יאָהר איז אין כמות געשאַפען געוואָרען אויף דעם געביט פון ליטעראַטור מעהר ווי אין דער גאַנצער צייט, וואָס מ'שרייבט אין ארגענטינע. מען האָט גע־לעבט מיט אימפעט און מען האָט געשריבען מיט אימפעט.

די שרייבער פון צווייטן עטאַפּ האָבען געבראַכט מיט זיך מעהר ליטעראַרישע טראַדיציע ווי די שריי־בער פון ערשטען עטאַפּ. ווען זיי האָבען פאַרלאָזט זייערע היימען, איז דאָרטען געווען אַ סך מעהר קול־טור - געזעלשאַפטליך לעבען ווי מיט אַ דור פריער. ממילא האָבען זיי שווערער געקענט זיך באַפרייען פון דער אַלטער היים, נאָך וועלכער זיי האָבען געבענקט. און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ליטע־ראַטור. די שרייבער האָבען געשאַפען מעהרסטענס אויף טעמעס פון דער אַלטער היים. די שרייבער פון ערשטען עטאַפּ האָבען ווייניגער געשריבען וועגען דער אַלטער היים ווי די שרייבער פון צווייטען עטאַפּ.

די עלטערע שרייבער האָבען דערפאַר גענומען מ׳ײטלען מיט די פינגער אויף דער דערשיינונג, וואָס דאָס געדרוקטע וואָרט איז געוואָרען פאַרפלייצט פון „גרינע" און מיט דער אַלטער היים. די עלטערע קרי־טיקער, פּ. כ"ץ און יוסף מענדעלסאָן (147), פּונקט ווי די איינגערע קריטיקער, וועלכע האָבען גיך ארי־בערגעשטיגען די פאָרגעהער און פאַרנומען דעם אוי־בענאַן אין דער קריטיק, האָבען אַרויסגעשטעלט טע־נות, פאַדערענדיג לאָקאַליזם אין דער ליטעראַטור. די טענה איז געווען: מען דאַרף האָבען, נישט אַזוי אידישע לי־

(147) נאָך אין זאַמעלבוך „אויף די ברעגען פון לאַ פּלאַ־טאַ", דערשינען אין 1919, האָט יוסף מענדעלסאָן אַרויסגעבראַכט די מאָנונגען פאַר לאָקאַליזם אין דער ליטעראַטור, אין „אונזער סביבה און אונזער גע־שטאַלט", ז"ז 3 - 15. פּ. כ"ץ האָט די דאָזיגע פראַגען עטוואָס באַרירט אין די פאָררעדעס צו די ערשטע ביכער פון משה פּינטשעווסקי און יעקב שטרייכער, אָבער ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ רייע אַרטיקלען, געדרוקט אין „די פּרעסע אין 1925.

טעראטור אין ארגענטינע, ווי ארגענטינער אידישע ליטעראטור. און אלס ארגענטינער זענען אנגענומען געווארען די שרייבער ישראל העלפמאן און נח וויטאל אלס מוס־טער אין דער דערצעהלונג, ווי משה פינטשעווסקי אין דער פאעזיע. העלפמאן, וויטאל און פינטשעוו־סקי זענען דערפאר אנגערופען געווארען „די קלא־סיקער", ווייל זיי האבען געגעבען דער אידישער בעלעטריסטיק אין ארגענטינע דעם ארטיגען קאלא־ריט, די ארטיגע שטימונגען פון נײ־אויפקומענדי־גען אידישען לעבען.

די שרייבער פון צווייטען עטאפ האבען אויף זיך מעהר געארבייט ווי די שרייבער פון ערשטען עטאפ, האבען מעהר געשריבען און דערפאר, כאטש זיי האבען געהאט מעהר ירושה פון איבערלעבונ־גען און שטימונגען פון דער אלטער היים, האבען זיי גיכער זיך אויסגעשריבען און גרייט געווארען אויפ־צונעהמען ארטיגע מאטיווען, צעאקערענדיג דעם באדען פאר דעם דריטען עטאפ.

„עטאפ" דארף גערופען ווערען די צייט פון אונ־זער לעבען, וואס כאראקטעריזירט זיך אלס באזונ־דערע מיט איהרע אייגענע אייגנשאפטען. ניט שייך אנצורופען די גרופע פון יעדען עטאפ — „דור". די דריי עטא־פען, די דריי טראנספארמאציעס, אויפן געביט פון ליטעראַרישען שאפען, זענען נישט קיין דריי „דו־רות". דער ערשטער עטאפ נעהמט ארום א צוויי צעהנדליג יאהר, וואס האבען זיך אנגעהויבען מיט די סקיצען און דערצעהלונגען פון ליאכאוויצקי, מיכל הכהן סיני, צבי שניידער (148) און מרדכי אלפער־סאן, און איז אפגעשלאסען געווארען מיט די פרי־ער־דערמאנטע שרייבער פון דער ערשטער און צוויי־

148) צבי שניידער איז געווען דער אנזאג פון ארגענ־טינער אידישען הומאר. זיינע דערצעהלונגען זע־נען ארוים אין בוך ־ פארם, ווען ער איז שוין גע־ווען פרעמד פארן לייענער. — „הומאר און סאטירע", 192 זייטען, דערשינען אין 1925, אין דעם קאלא־ניסטישען צענטער פון ריווערא.

מער איינוואנדערונג (149). דער צווייטער עטאפ נעהמט ארום נישט מעהר ווי איין יאהרצעהנדליג, וואס האבען געגעבען מעהר פרוכט ווי יענע צוויי צעהנדליג יאהר. דאס איז דער רעזולטאט פון דער דריטער איינוואנדערונג. דער דריטער עטאפ אין דער ארגענטינער אידישער ליטעראטור האט מיט קיין נייער איינוואנדערונג ניט צו טון. זינט 1930 איז די אימיגראציע ראשיג געפאלען, ביז די טויערען פון לאנד זענען הערמעטיש פארמאכט געווארען. עס זענען אריינגעקומען טויזענטער אידען. אבער דאס זענען נישט געווען פון דעם מין אידען. „אסט - יודען", וואס זענען פריער געקומען. דער רוב פון דער נייער איינוואנדערונג איז געקומען פון די נאצי - פארכאפטע לענדער און זיי האבען כמעט קיין שום ווירקונג נישט געהאט אויף דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור־געזעלשאפטליכקייט און ממילא נישט אויף דער ליטעראטור.

דער דריטער עטאפ פון דער אידישער ליטעראטור אין ארגענטינע ווערט געפורעמט אין א מעלאנכאלישער צייט, ווען עס האבען זיך אפגעשטעלט די שטורעמס פון דער פראלעטארישער אפענסיווע, וועלכע האט געלאקט מיטן באלדיגען נצחון...

ליטעראריש איז פארן דריטען עטאפ צוגעגרייט געווארען דאס פעלד. דער באדען איז צעאקערט געווארען אינם ערשטען און איבערהויפט אינם צווייטען עטאפ. די שרייבער פון דריטען עטאפ זענען

---

149) די ערשטע איינוואנדערונג איז פון 1889 - 1893, א קאלאניזאטארישע, געריכטעט צום קאמפ; די צווייטע איינוואנדערונג איז פון 1905 - 1907, אן אידייאישע, א פראלעטארישע, פון דער דורכגעפאלענער רוס. רעוואלוציע, געריכטעט קיין בוענאס־איירעס; די דריטע איינוואנדערונג איז פון 1920־1925, א מאסען - עמיגראציע, פון אלע מינים, דער־עיקר'שט א נויט־עמיגראציע; די פערטע אימיגראציע, פון 1930, איז מעהרסטענס צו קרובים. דער כאראקטער פון יעדער איינוואנדערונג שפיגעלט זיך אפ אין דער אנטוויקלונג פון געדרוקטען ווארט.

געקומען — צום אַלעם פאַרטיגען.

צום דריטען עטאַפּ געהערען קודם־כל שרייבער, וועלכע זענען געקומען זעהר־יונג, מיט יאָהרען פריער איידער זיי האָבען אָנגעהויבען שרייבען, אָדער האָבען איבערגעוואַרט יאָהרען, ווי בערל גרינבערג, משה קויפמאַן, שנייער וואַסערמאַן, פאַליק לערנער, שמואל פּיערט, זעליג מאַזור, די געבוירענע אין אַרגענטינע ב. עפּשטיין, ירדניה פיין (150) און די צוגעקומענע, רייף־ווערענדיגע שרייבער אביגדור שפּריצער, קהת קליגער, שרה בירנבוים און שמואל צעסלער, אַלע פיר פון פוילען, יעדער איינער פון אַ באַזונדערער ליטעראַרישער שול און מיט פּנים.

אין דעם דריטען עטאַפּ, ווייל עס האָט געפעלט דער אימיגראַנטישער הו־הא פון צווייטען עטאַפּ, איז די אַרגענטינער סביבה געוואָרען פאַרבאַלעבאַטישט. מאַסען אַרבייטער, באַרופסלאָזע און פּאַראַרימטע קליינבירגער, וועלכע זענען געקומען מיט אַ צעהנדליג יאָהר פריער, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויפן לעבען, ווי אַ הונגעריגער אויף ברויט... די געצעהלטע נייע גרופּעס אימיגראַנטען, וועלכע זענען געקומען, האָבען שוין געהאַט צו ווּעמען צו קומען, אויף אַ גרייטען טיש, אָהן יענער עלענט פון די אימיגראַנטען אין די פריהערדיגע צייטען. די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע אַקציעס זענען געפאַלען. אויפן אָרט פון שטורמיש־פּראָזעלאָגישען קלאַסען־קאַמף איז געקומען אַ „פאָלקס־פראָנט", וואָס איז אין לינקן פליגעל פאַרענדיגט געוואָרען מיט אַ „סטאַלין־היטלער־פּאַקט". אין די פּלאַקאַטען־דיכטונג געוואָרען — אַ רעמינעסצענץ פון דער פריערדיגער צייט, ווען די רעוואָלוציע האָט געקלאַפּט אין די טירען... אויפן אָרט פון רעוואָלוציאָנערע זענען אַרויפגעקומען נאַציאָנאַלע שטימונגען, וואָס די פּיינליכע צייט האָט אַרויפגעצוואונגען.

---

150) שמואל גלאַזערמאַן איז דער ערשטער פון די אידישע שרייבער, וועלכער איז געבוירען און אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין לאַנד. עס איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס אַלע היי־געבוירענע אידישע שרייבער שטאַמען פון היים־טראַדיציאָנעלע היימען און זיי זענען אַליין אויך נאַציאָנאַל אין אַלע הינזיכטען.

די טרויעריגע געשעהענישען פון דער צייט האבען פארווירט די שרייבער. און מיט דעם דער־קלעהרט זיך, וואס עס איז אזוי שטארק געפאלען די פראדוקטיווקייט אויף יעדען ליטעראַרישען גע־ביט.

אין דער שטילקייט קומט אבער פאר א קאנ־סאלידירונג.

עס ווערט לאנגזאם אנגעצייכענט א גרעניץ צווישען ליטעראטור און זשורנאליסטיק.

די ליטעראטור הויבט זיך אז באפרייען פון דער זשורנאליס־טיק. כאטש זי כאפט זיך צו טע־מעס, צו וועלכע עס כאפט זיך יעדער זשורנאליסט...

מען קאנטראלירט זיך מעהר ווי אין דער צייט פון פלאקאטען ־ דיכטונג.

עס ווערט שוין איצט געמאכט אלץ ־ מעהר א מחיצה צווישען בעלעטריסטיק און טאג־שריי־בעריי.

מען זוכט דעם וועג צו דעפינירונג.

— XII —

ליטעראַרישע גרייבונגען און דערגרייכונגען, נעמען און געשטאַלטען

דער, וועמענס שריפטשטעלערישע אַרבייט פאַלט אויס אין די אַלע דריי עטאַפּען, איז מרדכי אַלפערסאָן.

ער איז באַריהמט געוואָרען, מרדכי אַלפערסאָן, א סך יאָהרען נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבען שרייבען (151). און, ווי מאָדנע עס זאָל אויסזעהן, איז אָט־דער באַלעבאַטישסטער, טראַדיציאָנעלער איד געוואָרען דער רעוואָלוציאָנערסטער שרייבער פון עלטערען דור. ער איז אַלס קאָרעספּאָנדענט פון די יק״א ־ קאָלאָניעס דערשינען ווי דער שטרענגסטער קריטיקער (152) און ער איז

---

(151) שוין אין די ערשטע אויסגאַבעס פון אַרגענטינע האָט אַלפערסאָן טיכטיג מיטגעאַרבייט, דאָס הייסט, באַלד אין דער ערשטער צייט פון יאָהרהונדערט, נאָר באַריהמט איז ער געוואָרען ערשט מיט זיין בוך „קאָלאָניע מאָוריציע", פון זיין דריי ־ בענדיגען ווערק „דרייסיג יאָהר אידישע קאָלאָניזאַציע", דערשינען אין 1922 און איבערגעדרוקט מיט ה. ד. נאָמבערג'ס א באַגייסטערטען אַריינפיהר. דער צווייטער באַנד איז אַרויס אין 1926 און דער דריטער אין 1928. צוזאַמען האַלטען זיי 836 זייטען.

(152) „חלוצים ראשונים", 18 זייטען, דערשינען אין קאָלאָניע מאָוריציאָ, יאַנואַר 1911. אַלפערסאָן האָט אויף דער בראַשור געשטעלט זיין פסעוודאָנים „אחד האכרים". נאָכן אונטערטיטעל „דאָס וועה ־ געשריי פון די צוואַנציג יאָהריגע קאָלאָניסטען ביי דער יק״א אין אַרגענטינאַ" קומט אַלפערסאָנ'ס א טיפּישער משכיל'יש ־ סופר'ישער מאָטאָ: „זעקה גדולה ומרה!".

אלס שריפטשטעלער אויך פון גרויסשטאדטישן לעבען דער שטרענגסטער קריטיקער (153).

מרדכי אלפערסאן איז דער ערשטער און דער לעצטער פון די ארגענטינער שריפטשטעלער, וועלכער מאכט ניט קיין מחיצה צווישען בעלעטריסטיק און זשורנאליסטיק. אפילו אין זיינע דראמעס (154) מישען זיך כסדר דורך זשורנאליסטישע עלעמענטן. די העלדען פון זיינע דראמעס רעדען נישט מיט זייער אייגענעם לשון, נאר מיט אן אלגעמיינעם לשון. ווי מען רעדט אין דער דריטער פערזאן... האנדלונג איז דא, און דאס איז ביי איהם דער עיקר. דער ארגומענט. דער עיקר: דער קאמף פון קאלאניסט געגען דער יק"א און דער טראגישער סוף פון דער אידישער קאלאניזאציע. עס איז גענוג אנצורופען דעם נאמען פון איין דראמע — „גלות" — און ס'איז דא אלפערסאנ'ס אויספיהר, „גלות"... אט־דאס וועה־געשריי פון דער אידישער קאלאניזאציע איז דערהערט געווארען אין דער ברייטער וועלט אדאנק אלפערסאנ'ס „קאלאניע מאוריציע". נאמבערג איז אזוי נתפעל־געווארען פון דעם ווערק.

---

153) „די ארענדאטארס פון קולטור", קאמעדיע אין 3 אקטען, י. 1933. אלפערסאן איז ברוגז אויף טעאטערס, הלמאי זיי שפילען ניט זיינע פיעסען. ער זאגט וועגען דעם בילדעריש: „איך האב זעקס טעכטער חתונה־צו־מאכען", אז אנזאג אויף זעקס פיעסען... האט ער אין „די ארענדאטארס פון קולטור" אויסגעלאכט עמפרעסארען, אקטיארען און איבערהויפט צייטונגס־שרייבער. אין דער פיעסע ווערען פארשיידענע זאכן ארויסגעשטעלט קאריקאטוריסטיש און טייל האבען מעהר צו טון מיט אויסגעטראכטקייט ווי מיט דער ווירקליכקייט.

154) „די קינדער פון דער פאמפא" איז געשפילט געווארען א סך מאל, איבערהויפט דורך ליבהאבער־קרייזען אויף דער פראווינץ. דאס איז די בעסטע ארגענטינער פיעסע פון קאמפ־לעבען. אלפערסאן האט אויך אנגעשריבען א היסטארישע דראמע, „רות", געדרוקט אין 1934. — אלפערסאנ'ס פיעסע „גלות" איז געשפילט געווארען אין „פאלקס־טעאטער" אין י. 1926.

אַז ער האָט אַלפּערסאָנ'ען רעקאָמענדירט פאַר דער וועלט אַלס אונזער „ראָבינזאָן קרוזאָ" (155). „איך בין זיכער — האָט ער געשריבען — אַז דאָס בוך, וואָס ווערט איצט צוגעטראָגען דעם אידישען לע־זער, וועט מיט איין מאָל אַפּריינינגען דעם שטויב פון פאַרגעסענקייט, וואָס הינטער איהם ליגט דער גאַנצער עניין ארגענטינע באַגראָבען פאַר דעם אי־רישען אינטעליגענט". און אַזוי איז טאַקע געווען. אַל־פּערסאָן איז פאַרעכענט געוואָרען אַלס איינער פון די בעסטע אידישע מעמואַריסטען. אַלס מעמואַ־ריסט, שטיצענדיג זיך אויף עפּיזאָדען פון דער גע־שיכטע, וואָס ער אַליין האָט דורכגעמאַכט, אַלס קאָ־לאָניסט, איז אַלפּערסאָן דער בעלעטריסט מיט טאַ־לאַנט, מיט שטימונג, מיט כוח צו שילדערען די סביבה פון קאַמף, מיט דער מנוחה'דיגקייט פון א קינסטלער. די מעמואַרען - שרייבעריי איז אַלפּער־סאָנ'ס העכסטער פּונקט, וואָס איז דערזעהן געוואָ־רען אין דער גאַנצער אידישער וועלט און וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז ביי די ברעגען פון לאַ פּלאַטאַ איז דאָ באָדען פאַר אידישען קינסטלערישען שאַ־פען. אַלפּערסאָן האָט זיך אָבער נישט באַנוגענט מיט קינסטלערישער מעמואַרען - שרייבעריי, נאָר האָט אויך געשריבען אנדערע ראָמאַנען (156), וואו עס קומען אריין אין דער האַנדלונג מעשה־נורא'ס פון מיגראַנטען. אַלפּערסאָנ'ס כוח ליגט אָבער ניט אין מעשה־נורא'ס און נישט אין גלאַט ראָמאַנען־שרייבעריי, וואו זיין שפּראַך איז פאַרעלטערט, ניט געשליפען און די פאָרם באַשרענקט.

אויב אַלפּערסאָן האָט געגעבען דעם קערן און דעם יסוד פאַר דער אידישער קאָלאָניסטישער בע־לעטריסטיק, האָבען דעם פונדאַמענט פאַר דער שטאָדטישער בעלעטריסטיק געגעבען ישראל העלפּ־מאַן, נח וויטאַל, אַהרן בראָדסקי, אַבאָ קליגער און משה פּינטשעווסקי. דער טאַלאַנטירטסטער פון זיי

155) פאַרעדע: „30 יאָהר קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע".
156) „אויף ארגענטינער ערד", 215 זייטען, י. 1931; „דער לינדזשעראָ", 210 זייטען, י. 1933.

איז דער פּאָעט פּינטשעווסקי.

ישראל העלפמאַן, אַ ליריקער, אַ גרויסער אינ־טעליגענט דערצו, האָט אריינגעבראַכט מיט זיינע דערצעהלונגען צוויי זאַכען: חוש פאַר דער אַר־גענטינער אימיגראַנטען ־ סביבה און טענדענץ צו שלייפען דאָס וואָרט. ער איז אַ נאַמבערג׳ישע פיגור און זיינע טעמעס זענען געווען נאַמבערג׳ישע. ער איז יאָהרענלאַנג געווען אַ צייטונגס ־ מענש (157) און האָט געשריבען זשורנאַליסטיק, אָבער אַלס זשורנאַליסט האָט ער נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שפּור. אַלס דערצעהלער האָט ער אַרגענ־טיניש אינטערפּרעטירט די אינטעליגענטישע אומ־באהאָלפענקייט (158). צום שטאַרקסטען איז אָט־די אומבאהאָלפענקייט אָפּגעשפּיגעלט געוואָרען אין די נאָוועלען „בונין" און „ברוך זלאַטיק". העלפ־מאַן האָט מיט ליריזם ארויסגעבראַכט די איבער־לעבונגען פון זיינע געשטאַלטען, זייער כאַראַקטער־לאָזען כאַראַקטער, סיי ווען זיי זענען מענער, סיי ווען זיי זענען פרויען (159). פאַראַן אין זיינע נאָ־ווועלען אַן איראָניע פון דורכגעפאַלענע אינטעליגענ־טען, וועלכע זענען געקומען אין נייעם לאַנד מיט אַ סך חלומות, אָבער וועלכע עס קומט אוים נישט מעהר ווי בענקען און ווערען אַנטוישט. זייער ווי־לענסלאָזיגקייט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז זיי קע־נען נישט געניסען פון גליק, אַפילו ווען עס קומט

157) העלפמאַן און וויטאַל זענען געווען פון די ערשטע רעדאַקציע ־ מיטגלידער אין „די אידישע צייטונג", וואו זיי האָבען געאַרבייט ביז 1926. נאָכדעם האָט העלפמאַן אַ דריי יאָהר געאַרבייט אין „די פּרעסע", עטליכע יאָהר פאַר זיין געמוטשעטען טויט. וויטאַל איז אוועק קיין טשילע, וואו ער אַרבייט מיט אין גיסער׳ס צייטשריפט „זיד־אַמעריקע", וואָס דער־שיינט פון צייט צו צייט, אין געצעהלטע זייטען.

158) העלפמאַן איז געשטאָרבען דעם 29־סטען יאַנואַר 1935, פון שווינדזוכט, אין עלטער פון 54 יאָהר.

159) „פון מיין געמיט", 208 זייטען. דערשינען אין 1929, איז העלפמאַנ׳ס איינציג בוך.

זיי אַנטקעגנען. זענען זיי לעכערליך, ווי בוניע, אָדער טראַגיש, ווי דאָס עלענטע מיידעל, וואָס הענגט זיך אויפן הענגלייכטער, שטאַרבענדיג ביים אָנגעצונדענעם ליכט . . .

נח וויטאַל, אַ רויער שרייבער מיט שטאַרקע עמאָציעס, האָט שוין אָנגעהויבן מיט דערציילונגען און סקיצען פון בוענאָס - איירעס'ער אידישען לעבען, אַ בליץ-געטון אַלס כאַראַקטער - צייכנער, גענויגט צו פּאַטאָלאָגישע טיפּען, קרענקליכקייטען, מורא. וויטאַל ווערט באַטראַכט אַלס דער, וועלכער האָט געגעבען אַ מוסטער פון טאַ-זשער - סקיצען, פון אַרבייטער - לעבען, פון דער אימיגראַנטישער נויט צווישען אַרבייטער, פון אַרבייטסלאָזיגקייט, וואו ער שלאָגט אָן ריהרענדיגע מאָמענטען (160).

דער פּרוכטבאַרסטער פון די שריפטשטעלער אין ערשטען עטאַפּ איז געווען אהרן בראָדסקי. אַ סובטילע נאַטור געווען. זיך פּאָעטיש אַנטפּלעקט אין זיין ליבלינגס - דראַמע „טאַמאַרע". בראָדסקי האָט געשריבען ראָמאַנען פאַרן ברייטן עולם (161). ב ר אָ ד ס ק י איז געווען ד ע ר ע ר ש ט ע ר און איינציגער ראָמאַניסט אין אַ ר ג ע נ ט י נ ע. אַלס דראַמאַטיקער (162)

---

160) אין בוך-פאָרם געפינען זיך וויטאַל'ס דערציילונגען און סקיצען בלויז אין זאַמעלבוך „אויף די ברעגען פון פּלאַטאַ", ז"ז 51-98. דאָס איבעריגע איז צעשפּרייט איבער צייטונגען. וויטאַל'ס געדרוקטע זאַכען אין די לעצטע 15 יאָהר זענען ווייט הינטערשטעליג אַנטקעגען זיינע דערציילונגען און סקיצען ביז 1924.

161) געדרוקט אין „די אידישע צייטונג". די ראָמאַנען, כאָטש זיי זענען געווען פון אַרגענטינער אידישען לעבען, זענען קיינמאָל אין בוך - פאָרם ניט דערשינען.

162) אין דעם איינציגען בוך, „געזאַמעלטע שריפטען", פון אהרן בראָדסקי, דערשינען נאָך זיין טויט, אין 1926, זענען חוץ „בוענאָס-איירעס'ער קינדער" געדרוקט די איינאַקטערס „די לעצטע זינד", „שיפס-פריינד", ווי אויך דער ערשטער אַקט פון „טאַמאַרע".

האָט ער אויך אָנגעריהרט סענטימענטען פון ברייטען עולם: זיין 3־אקטיגע פּיעסע „בוענאָס־איירעס׳ער קינדער", געשפּילט אין שטאָדט און פּראָוו., איז באַשטימט באַאיינפלוסט פון שלום־עליכם׳ס „צעזייט און צעשפּרייט", אָבער די אַרגענטינער טיפּען און האַנדלונג גיבען דער פּיעסע אַן אַרגענטינישען חותם. אהרן בראָדסקי, זעהר אַן עלטער מענש (163), געהערט דווקא צו די אנערקענטסטע אַרגענטינער שרייבער. ער איז געווען זעהר ־ סענטימענטאַל און „מאָדנע". 18 יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער געשריבען זיין דראמע „טאמארע", פון וועלכער עס זענען דאָ פאַרשיידענע וואַריאַנטען, און ער האָט זי נישט פאַרענדיגט. ער איז געווען „אליאַשע", וועלכער שטעהט פאַר טאָמאַרע׳ן ווי צופּוּסענס פון אַ באַרג און קוקט אַרויף, וואו עס שפּילען די רעגענבויגענדיגע קאָלירען פון זיין אידעאַל (164). ער איז געווען פון די עלענטע עמיגראַנטען, ווי דער פּיאַנאָ־לערער גראַוועך (165), וועלכער איז שטענדיג איינזאַם און בענקט נאָך אַ משפּחה ־ לעבען . . .

בענקשאַפט און פאַר׳חלומ׳טקייט איז אַן אַרגענטינער שטריך. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע אבא קליגער, וועמען מ׳קען אָנרופען דער שפּאַנישער פּאָעט אין אידיש. ער האָט איבערגעזעצט לידער פון פאַרשיידענע שפּאַנישע דיכטער, איבערהויפּט פון די מליצה׳דיגע און פּאַטעטישע, אָט אַזוי ווי ער אַליין איז געווען. פון איהם האָט אַרויסגעזונגען אַ נישט־אידישע רעליגיעזיטעט. דאָס לעבען האָט ער נישט גערן געוואָלט אָנרירען, אָבער ווייל אַ סך טעמעס פון זיינע לידער זענען געווען פון בוענאָס־איירעס, האָבען די טעמעס באַזיגט זיין מליצה׳דיגקייט, ווי אין די לידער „מענדאָזאַ", „קאַרנאַוואַל", „אויף די

163) געשטאָרבען דעם 30־סטען אויגוסט 1925 איז עלטער פון 48 יאָהר.

164) „אַז ס׳איז ניטאָ די לבנה" — זאָגט טאַמאַרע — „איז אַ לאָמטערן אַ יחסן" . . .

165) „פאַמיליען ־ גליק", אין „געזאַמעלטע שריפטען", ז"ז 177 ־ 191.

ברעגען פון פּלאַטא" (166) און „שוין דעם אַנקער אויפגעהויבען", „אַ בילד פון גאַס" (167). קלי־גער'ס שטאַרקסטע לידער זענען אָבער דווקא די מליצה'דיגע, אין וועלכע ס'איז דאָ ליידענשאַפט און בענקשאַפט פון אַ נזיר (168).

ווער עס איז געווען אין דער פּאָעזיע דער היפּוך פון אַ נזיר, דאָס איז געווען משה פינטשעווסקי. ער האָט געזונגען מיט ערדישען אימפּעט און — ווי אַן אַרגענטינער. געשריבען אונטער דער ווירקונג פון ביאַליק'ס קערענדיגקייט און פּאַטאָס, ווי מען שפּירט דאָס ספּעציעל אין די נאַציאָנאַלע מאָטיווען (169). זיינע מערהסטע לידער זענען אָבער געווען עראָטישע. ער איז דער עראָטישסטער אַרגענטינער אידישער פּאָעט און אפשר איינער פון די עראָטישסטע אין דער אידישער ליטעראַטור. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ סך לידער זיינע טראָגען די נעמען פון פרויען, פון אַרגענטינער פרויען, „פלאָרינדאַ", „סטעלאַ", „וואַלענטינאַ". גישט בלויז די נעמען זענען אַרגענטינישע, נאָר בכלל איז די גאַנצע ראָמאַנטישקייט זיינע אַן אַרגענטינישע. אַט פון דער ליידענשאַפט אין טאַנגאָ און אָט פון עזות'־דיגער, קריאַזשעדיגער תאוה (170). זיין עראָטישקייט איז פאַר איהם אַזוי אייגענטימליך, אַז אפילו

---

(166) אינם זאַמעלבוך „אויף די ברעגען פון פּלאַטא", ז"ז 18 - 50.

(167) „די לעגענדע פון די אַנדן", 28 זייטען, 1919.

(168) „איך האָב, אָ, גרויסער גאָט, דיין טראַן געוואָלט דערלאַנגען... מיך האָט אַ מלאך־פרוי פאַר'כישופ'ט און געפאַנגען" — אבא קליגער, „די לעג. פון די אַנדן".

(169) „גיסט אַז, גויים, נאָך אַ גלעזעל,
איצטער זענען מיר דאָך פריינט,
ווער דאַרף וויסען, אַז אין הארצען
זענען מיר פון שטענדיג פיינט!".
(„גיסט אַז, גויים...", פון בוך „צוויט")

(170) משה פינטשעווסקי, דער אַראַגאַנטישער באַהעם אין דער אַרגענטינער אידישער ליטעראַטור, איז אַרום 1922 אַוועק קיין ראַטענפאַרבאַנד, וואו ער פאַרנעהמט אַן אַנגעזעהן אָרט.

זינגענדיג וועגן „פּאמפּערא", זעהט ער אין דעם אַרגענטינער שטורעמווינט די צעבונטעוועטע תאוה וואָס ברעכט יעדען ווידערשטאַנד . . .
משה פּינטשעווסקי האָט אַ ליד, וואו ער זינגט:

„כ'בין, ווייזט אויס, צו פרי געקומען,
אין מיין פּראַק און צילינדער . . .
כ'האָב געטראָפען אַ פּאָר זקנים
און אַ צוויי־דריי קליינע קינדער (171)...

ווען פּינטשעווסקי האָט אויפגעזונגען אין אַר־גענטינע, האָט ער ווירקליך געזונגען אויף „אַ שמחה אָהן מחותנים". אין דער צייט, ווען עס האָ־בען געשריבען לידער אַזעלכע, וואָס זענען בכלל קיין שרייבער נישט געווען אָדער זענען אינם בעס־טען פּאַל געווען שוואַכע, גרויע זשורנאַליסטען, האָט פּינטשעווסקי'ס טאַלאַנט זיך געפונען — צווי־שען „אַ צוויי־דריי קליינע קינדער"...
ברוך בענדערסקי איז געווען פון די געצעהל־טע אמת'ע „מחותנים". ער האָט אריינגעבראַכט אַ פאָרם פון סקיצע אָדער קורצער דערצעהלונג, וואָס איז זעהר־כאַראַקטעריסטיש פאַר אַרגענטינע: ליבע צו שטוב־חיות. בענדערסקי איז דער שילדע־רער פון דער אידישער באַלעבאַטישקייט אויפן קאַמפּ און פון דעם היימישען „צוזאַמענלעבען". וואָס איז ביז גאָר נאַטירליך, צווישען די קאָלאָ־ניסטען און די שטוב־חיות. וויל מען זעהן, ווי אי־דען זענען צוגעבונדען צו דער ערד און צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער ערד, דאַרף מען לייע־נען בענדערסקי'ס מעשיות (172), וואו מ'זעהט, אַז אייגענטליך זענען פערד נישט נאַרישער פון מענשען, ווייל מענשען זענען אָפטמאָל נישט קלי־גער פון פערד... דאָ האָט בענדערסקי ארויסגע־בראַכט סאָציאַלע מאָטיווען, ווייזענדיג ווי די בהמות קריגען אַזוי לאַנג עסען, ווילאַנג זיי קענען געהן אין שפּאַן, אָבער ווי נאָר זיי קענען מעהר נישט אַרבייטען, איז זיי באַשערט צו פּגר'ען אויף יענער זייט פון די דראָטען... בענדערסקי ברענגט

---

171) „צוויט", ז. 65.
172) „אויף אידישע פעלדער", 199 זייטען, 1931.

אַרויס די דאָזיגע מאָטיוועז אויף אַ רירענדיגעז
אופן.

געשריבעז סקיצעז און דערצעהלונגעז האָבעז
אויך לוי מאַס, דוד ראשקאָוואַז (173), יצחק אַלט־
שולער (174), ש. גרינגלאָז (175), אַחוץ די פּיאָ־
נערעז מיכל הכהן סיני און י. ש. ליאַכאָוויצקי. צו
בעלעטריסטיק האָט אויך געצויגעז פּ. וואַלד, וועל־
כער האָט אַלס זשורנאַליסט אָנגעהויבעז אַלס רע־
דאַקטער ־ צייכנער גערופעז די אויפמערקזאַמקייט.
ראַקטער ־ צייכנער גערופעז די אויפמערקזאַמקייט
ערשט אין צוואַנציג יאָהר אַרום, מיט זיינע צוויי
ביכער דערצעהלונגעז ־ מעמואַרעז (176).

דאָס יאָהר 1920 האָט געבראַכט נייע ווינ־
טעז פון דער אידישער ליטעראַטור אין דער אַל־
טער היים, וואו פּאָעזיע האָט פאַרנומעז דאָס אויי־
בערגעוויכט, אונטער דער ווירקונג פון דער נייער
אידישער פּאָעזיע. אָט־די ווינטעז האָט מעז באַלד
דערשפּירט אויך אין דער אַרגענטינער אָנפאַנג־
פּאָעזיע. יעקב אייזענשטיין און יעקב שטרייכער,
פריער באאיינפלוסטע פון באָוושאָווער'ס און עדעל־
שטאַט'ס אַרבייטער ־ דיכטונג, האָבעז זיך אָפּגע־
פרישט מיט דער נייער שטרעמונג פון דער „צע־
כראַסטעטער” פּאָעזיע. שטרייכער האָט געשריבעז
לידער פון דעם אַרבייטער, וועלכער ווערט אויסגע־
מוטשעט פון דער אַרבייט, וואָס ברענגט איהם דלות
און פּיין (177). און יעקב אייזענשטיין האָט געזונ־
געז וועגעז וועלט ־ דערלייזונג, געזונגעז מליצה'־
דיג, פּאַטעטיש (178). און ביידע זענעז זיי די
עקספּאָנענטעז פון דער אמת'ער פּראָלעטאַרישער
סביבה, ווען בענקשאַפט נאָך באַפרייאונג איז נישט
געוועז בלויז דעקלאַמאַציע פאַר יענעם, נאָר פאַר

---

173) „דער באַנקעט”, י. 1920, „ביכלאַך פאַר יעדען”.
174) „אין וואַגאָן”, י. 1919, „ „ „
175) „די צוויי טויבע”, י. 1920 „ „ „
176) „בלעטלאַך”, זכרונות און בילדער, 195 זייטען; און „קאַשמאַר” (וועגען די יאַנואַר ־ טעג פון 1919), 96 זייטען.
177) „פונקען”, לידער, 103 זייטען, י. 1923.
178) „לידער און פּאָעמען”, 102 זייטען, י. 1925.

זיך אַליין, דעם אמת'ען אַרבייטער...

יעקב אייזענשטיין — אַבסטראַקט - רעוואָ־לוציאָנעריש. דער לידערשרייבער פון „וועלט־פּיין".

יעקב שטרייכער — קאָנקרעט - פּראָלעטאַ־ריש. דער לידערשרייבער פון דערשלאָגענעם אַרביי־טער.

גאָר אַנדערש איז געקומען אברהם מאָשקאָ־וויטש. ער איז אויך געווען אַן אַרבייטער, אָבער אין זכות פון זיין וואוינען אַרום אידישע קאָלאָניעס האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט ליבשאַפט צום קאָ־לאָניסט און צום שטילען לעבען אין קאַמפּ. שטיל־קייט איז זיין אַטמאָספערע, פּונקט ווי זיין וואָרט איז שטיל. מאָשקאָוויטש האָט אין זיינע לידער גע־בראַכט די ברכה פאַרן קאַמפּ און די אַפּאַטיע צו דער שטאָדט, וויל:

„אין דער גרויסער שטאָדט
איז נישטאָ קיין גאָט,
איז נישטאָ קיין גאָט,
אין דער גרויסער שטאָדט".

אין די דאָזיגע שורות איז פאַראַן דער גאַנ־צער דיכטערישער מאַניר פון אברהם מאָשקאָוויטש. פּאַרמאַגענדיג זעהר־וועניג ווערטער, חזר'ט ער זיי איבער אויף אַ מאַני לייב־ישען שטייגער. און, כאָטש אין אַ סך לידער איז ער אָרים אין ריטם און נאָכמעהר אין גראַם, פונדעסטוועגען פאַרמאַגט ער אַ וואַרימע מוזיקאַלישקייט, אַן אינערליכע, אַן אייגענע, נישט קיין אימפּראָוויזירטע דורך טעכניק.
„גוט איז צו זיין אין שטוב פון קאָלאָניסט" — דאָס איז מאָשקאָוויטש'עס גרונט־מאָטיוו (179). מאָשקאָוויטש, נאַיוו אין זיין ליד, פּונקט ווי אין דער שפּראַך, מיט סימנים פון צאַרטקייט, האָט שפּעטער דווקא זיך פאַרנומען צו רעוואָלוציאָנערער דיכטונג און געזוכט די רעוואָלוציאָנערישקייט, ניט בלויז ביי דערוואַקסענע, נאָר אויך דורך קינדער, אין לידער פאַר אָדער וועגען קינדער (180).

---

179) „אין אַרגענטינע", לידער, 80 זייטען, י. 1925.

180) „אַ זון מיט אַ רעגען" (לידער און מעשה'לעך אין פערזען), 100 זייטען, י. 1938.

דעם קאמף האט זיך געווידמעט אויך אברהם זייד. זיינע דערצעהלונגען פון דער קאלאניע, ארים אין פארם און שפראך, האבען אפגעשפיגעלט די סביבה פון באלעבאטישע אידען, וועלכע זענען גע־ווארען פויערים בלב ובנפש און וועלכע נעהמען־אויף אלץ, וואס פאסירט מיט זיי, מיט א „גם זו לטובה". זייד האט געשריבען דערצעהלונגען מיט בענקשאפט צום קאמף (181), אזוי לאנג ווי ער איז דערווייטערט געווארען פון קאמף, פלאגענדיג זיך אין שטאדט; ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט און באזעצט אין קאמף, האט ער אויפגעהערט שריי־בען . . .

פון קאמף איז אויך געקומען שמואל גלאזער־מאן. אדאנק דער אלט ־ אידישער דערציהונג, וואס ער האט געקראגען אין הויז פון זיין ברודער דעם רב, שוחט און שרייבער דוד גלאזערמאן, האט ער איבערגענומען טראדיציאנעלע פאלקסטימליכקייט; אויף זיין לשון האט אבער געלעגט דעם חותם אויך די שפראך פון דעם לאנד, וואו ער איז געבוירען געווארען, שפאניש, און מ׳געפינט אין זיין אידיש שפאנישע אנווענדונגען. שמואל גלאזערמאן האט אנגעהויבען מיט ליבע ־ לידער, איבערגעזעצטע לי־דער פון שפאנישע סענטימענטאלע דיכטער און מיט איבערזעצונגען פון שפאנישע פיעסען, נאר זיינע אייגענשאפטען אלס שרייבער האט ער צום בעס־טען ארויסגעבראכט אלס דראמאטיקער (182). גע־שריבען מיט ליטערארישער אמביציע, אבער גיכער ווי צום לייענען זענען זיינע פיעסען צום שפילען. ער געהערט צו דער פרץ הירשביין ־ שול, מיט מעהר נויגונג צו רעאליזם און שנעלערען דיאלאג. ער קען די ביהנע, איהרע סודות, איבערהויפט וואס שייך צום אקטיאר, און וואס־ווייטער אלץ־מעהר

---

181) „די חבר׳טע", 30 זייטען, דערשינען אין 1925, ווייזט זייד׳ן, ווי ער האט געפרואווט שרייבן פראלעטאריש.

182) „יונגע וועגען", דראמען און לידער, 140 זייטען, י. 1922. אין צעהן יאהר ארום, אין 1932, איז דער־שינען גלאזערמאנ׳ס צווייט בוך, שוין אויסשליסליך דראמען, צווישען זיי אייניגע איינאקטערס איבער־געדרוקט, „טעאטער", 300 זייטען.

זוכט ער דעם שוישפּילער. זיין ערשטע גרויסע פּיע־
סע איז געווען „שניט־צייט“, באַגלייט פון אַ רייע
איינאַקטערס, און זיין דערפאָלגרייכסטע פּיעסע איז
געווען „זיסיע גוי“, וואָס איז געשפּילט געוואָרען
מעהר פון אַלע אַנדערע (183)ביידע פּיעסען זע־
נען פון דער אידישער קאָלאָניסטישער סביבה, אגב.
נישט פון אידישען אידיליע ־ לעבען אויפן קאַמפּ...
שמואל גלאַזערמאַן, וועלכער איז אַליין יאָהרענ־
לאַנג געווען אַ אידישער לעהרער, האָט בייגעטראָ־
גען אַלס שרייבער פאַר דער אידישער קינדער־לי־
טעראַטור אין אַרגענטינע.

פון די שרייבער, וועלכע זענען צוגעקומען אין
דער מאַסען ־ איינוואַנדערונג פון 1922 ־ 1925,
האָט אין דער ליטעראַטור צום שטאַרקסטען גע־
גלאַנצט די פיגור פון ל. מלאָך. אינם ליכט פון
געשיכטע זעהט אָבער אויס זיין אַרבייט אין אַר־
גענטינע היפּש רעדוצירט. געניוגט צו זוכען אין
דער אונטערוועלט מענשען, וואָס ווילען זיך רע־
האַביליטירען, האָט ער די דאָזיגע נויגונג, וואָס ער
האָט אַרויסגעוויזען נאָך אין פּוילען (184), פאַר־
געזעצט אין זיין נייער היים, קודם־כל אין אַ זעהר
און זעהר לאַנגער פּאָעמע „ראָסינאַ“ (185), ווע־
גען אַ געפאַלענער פרוי, אין וועלכער מלאָך האָט
געזעהן אַ צדקת, כאָטש זי האָט געמאַכט אַ לע־
בען פון פּראָסטיטוציע... מלאָך האָט אין אַרגענ־

183) אויפגעפיהרט פון סאַמועל גאָלדענבורג, אין טעאַטער „עקסעלסיאָר“, אין 1931. „זיסיע גוי“ איז געשפּילט געוואָרען עטליכע וואָכען, וואָס איז די באַדינגונגען פון בוענאָס ־ איירעס'ער טעאַטער איז דאָס אַ באַווייז פון גרויסען דערפאָלג. פּיעסען פון אַנדערע שרייבער, אויך די פריהערדיגע פון גלאַזערמאַנ'ען, זענען ס'רוב געשפּילט געוואָרען איין מאָל, לכבוד אַ יום־טוב פאַרן מחבר און — אַלס אַ מיטעל צו קריגען געלט פאַר דער הוצאה פון אַן אַרויסגעגעבענעם בוך . . .

184) ל. מלאָך האָט אין זיין בוך „אַפּפאַל“, וואָס איז דערשינען אין 1922 אין וואַרשע, פאַרגעשטעלט ווע־נעריש ־ קראַנקע מענשען אין אַ שפּיטאָל.

185) געדרוקט אין „די פּרעסע“ פון 1923, וואו ער האָט מיטגעאַרבייט אַלע זיינע יאָהרען.

טינע אנגעהויבען שרייבען קריטיק וועגען שרייבער און ביכער, געשריבען אין א לידיש ־ חבר'ליכען טאן. דא האט ער אויך אנגעהויבען שרייבען פראזע און בילדער פון ארגענטינע און די שכנות'דיגע רעפובליקען. אויף דעם געביט האט ער, פאר זיין טויט, זיך דערווארבען רום, ווען ער איז געווען אין נארד־אמעריקע און אייראפע (186). אין ארגענטינע האט מלאך אנגעשריבען די וויכטיגסטע צוויי דראמעס זיינע, „איבערגוס", וואס איז געווען דער מאטיוו פארן באריהמטען טעאטער ־ סקאנדאל (187), און זיין בעסטע דראמע, א פאעטישע, „דאס גארן ־ שטיבעל" (188). ל. מלאך, ארומפאהרענדיג נאכדעם איבער בראזיל, האט ווייטער געזוכט די ריינקייט אין דער אונטערוועלט (189), איז נאכ־

186) „פאלעסטינער רעפארטאזשען" און „שפאניע", ביידע ביכער — רייזע ־ איינדרוקען.

187) צום ערשטען מאל אויפגעפיהרט דורך דער ליבהאבער־גרופע „יונג־ארגענטינע", רעזשי י. באטאשאנסקי, אין יולי 1926; און א קורצע צייט נאכדעם, דורך רודאלף זאסלאווסקי, אין „פאלקס ־ טעאטער", אונטער דער היץ פון טעאטער ־ סקאנדאל. אין 1931 האט צילי אדלער געשפילט „איבערגוס" אונטערן נאמען „הערצער צום פארקויפען", אין „עקסעלסיאר". נאר בלויז עטליכע מאל, אהן דערפאלג; אוועקנעהמענדיג דעם סקאנדאל, איז „איבערגוס" נישט געווען קיין סענסאציאנעלע פיעסע, נאר איינע פון א סך.

188) ל. מלאך האט געהאט איינינע ווארינאנטען פון „גארן־שטיבעל", וואס ער האט תחילת געדרוקט אין „גרוים און קליין" אין 1923 ־ 1924; אנגערופען אויך „די לודמירער מויד". די דאזיגע דראמאטישע פאעמע, באהויכט פון פרצ'עס ראמאנטיק, איז מלאכ'ס בעסטע ווערק און ליטערארישסטע דראמע, און פרעזענטירט איהם ווי א דיכטער מיט שוואונג. מאריס שווארץ האט די דראמע אנאנסירט א רייע יאהרען, אבער עד־היום איז זי נישט געווארען אויפגעפיהרט אין זיין קונסט־טעאטער. מלאך האט אנגעשריבען נאך אנדערע פיעסען, וועלכע זענען געשפילט געווארען אין אייראפע, ווי „לייבעלע טענצער" און „אפענע אויגען", מעלאדראמע.

189) „דאן דאמינגאס קרייצוועג" האט מלאכ'ן געבראכט אנערקענונג אלס ראמאניסט.

דעם פּאָפּולער - געוואָרען אַלס באַשרייבער פון רייזעס און אַלס ראָמאַניסט, שטאַרבענדיג אין דער שעהנסטער צייט פון זיין ליטעראַרישען אויפ־בליה (190).

משה־ דוד גיסער, אויפגעקומען אין פּוילען בעת די יונגע פּאָעזיע איז געוואָרען „צעבראָס־טעט", איז אַליין דער היפּוך פון אַ „צעשויבער־טען" דיכטער. אין דער הינזיכט פון טעכניק איז גיסער דער בעסטער פּאָעט, וואָס אַרגענטינע האָט געהאַט. אַ לידער־מייסטער. אַ מייסטער פון פערז, ריטם און גראַם — אינטואיטיוו, נישט אויסגע־מוח'ט. ער האָט אין בוענאָס - איירעס דעבוטירט מיט ים־לידער, מיט וועלכע ער האָט געמאַכט אַ רושם (191), איבערגעבענדיג דעם געמיט - צו־שטאַנד פון אימיגראַנט, וועלכער איז פול מיט שרעק־פאַרגעפיהלען פאַר דעם אומבאַקאַנטען, וואָס דערוואַרט איהם אויף דער נייער ערד. שפּעטער געזונגען פון דער האַרעוואַניע, וואָס מ'וויל טראָ־גען, אָבער ס'איז שווער, שווער, כאָטש מ'בענשט די פאַרמאַזאַליעטע הענט... גיסער איז געוואָרען דער זינגער פון אַרבייטסלאָזען, וועלכער זוכט אַ טרייסט אין אַרבייטער־קאַמף, הגם ער זינגט, אַז אַלץ איז פול מיט פאַלשקייט און פיינליכקייט:

„אונזער קלייד, אונזער קלייד,
איז מיט פאַלשען גאָלד באַנעהט,
און באַפּוצט מיט פליוש און זייד,
ביז עס מאַכט אונז ווילד פאַרשייט,
און פאַרשלייערט אונזער פּיין,
אַז עס זאָל אונז היימליך זיין,
היימליך, היימליך, ביז צום גרויל,
און פאַרקרומט אונז ווילד דאָס מויל,
מיט אַ שרעקליך פרעמד געוואַלט —
וועה צו אונז, אין גאָט'ס געשטאַלט!"
(192)

---

190) ל. מלאך איז געשטאָרבען אין פּאַריז דעם 18־טען יוני 1936, אין עלטער פון 42 יאָהר.

191) די ערשטע עטליכע יאָהר געדרוקט בלויז אין „די אידישע צייטונג".

192) „ביי די פייערן", ז. 22.

משה־דוד גיסער האָט באַוויזען מעהר ווי אַנ־דערע שרייבער צונויפצוזאַמלען זיין שאַפען אין ביכער (193), וואו מ'זעהט אויך פיינעם בייטראַג פאַר דער קינדער ־ ליטעראַטור (194). מ'זעהט אין גיסער'ס ווערק אַנזאַגען פון שטאַרקע טעמעס, וועלכע ווערען אָבער פאַרפלייצט פון בילדער און ווערטער. גיסער איז זעהר ־ מאַלעריש אין זיינע פּאָעמעס „יאַריד" און „אַלט־קעלן", נאָר ווייטער פון דער מאָהלערישקייט און אַנזאַגען פון אידייען איז ער נישט אַוועק, כאָטש עס פעהלען איהם נישט קיין ווערטער, ריטם, מוזיק, גראַם. גיסער, אַוועק קיין טשילע, באַמיהט זיך די לעצטע יאָהרען צו שאַפען אין סאַנטיאַגאָ אַ ליטעראַרישע טריבונע, וועלכע זאָל דערהערט ווערען אויך ערגעץ אַנדערש־וואו.

מיט אינטעלעקט גיט אַ בליץ דער דיכטער יצחק בלומשטיין, וועלכער איז באַגרעניצט אין טעכניק, אין ריטם, אין גראַם, גע'מוח'ט, נאָר דאָס וואָרט אין זיינע לידער איז קאָנצענטרירט, קעג־רענדיג, אָפּטמאָל ווי מירמעלשטיין. ער איז אַ דיכ־טער, וואָס פאַרטיפט זיך און קען אויסמאָלען מיט קנאַפּע ווערטער אַ בילד, אַ שטאַרקע שטימונג. וואוינענדיג הינטער די ווייננגערטנער פון מענדאָ־סאַ, האָט יצחק בלומשטיין אַריינגעבראַכט אַן אינ־טערעסאַנטע וועלט אין דער אידישער פּאָעזיע (195), די שעהנקייט אין די געגענטען פון וויינ־טרויבען, וואו מענשען דאַרפען זיך ראַנגלען פאַרן לעבען, צוזאַמען די פייער ־ שפּייענדיגע אַנדען־בערג, וואו „די פאַבריק איז הויך געוואָרען און דער מענש געבויגען" (196) און וואו:

---

193) „ביי די פייערן", 110 זייטען, י. 1930; „פּאָעמען און באַלאַדן", 118 זייטען, י. 1931; „לידער און פּאָעמען", 126 זייטען, י. 1933.

194) „פלעמלעך און פייערלעך", 31 זייטען, ארויסגעגע־בען פון קוראַטאָריום ביי די אידישע אַרבייטער־שולען ב. באַראַכאָוו, י. 1929.

195) „ביי די אַנדן", לידער און פּאָעמען, 106 זייטען, דערשינען אין מענדאָסאַ, י. 1935.

196) ד"ז, ז. 18.

„אויף די קעפ — די ווייסע קרענץ,
אַ געפּלעכט פון זון און שניי:
שטעהען מיר צונויפגעדריקט,
ווי צום טאַנץ, אין לאַנגער ריי" (197)

יעקב באָטאָשאַנסקי, באַטיטעלט אַלס „צעשוי־בערטער טאַלאַנט" (198), איז לויט זיין אומגעדולד אויך אין זיין קריטיק און בעלעטריסטיק אַ זשורנאַליסט און אַ פעליעטאָניסט מיט בליצאַרטיג - ליטעראַרישער שטיפעריי געמישט מיט ערודיציע און הומאָר. ער איז אויסערגעוועהנליך פּראָדוקטיוו און שרייבט אויף אַלע געביטען, אין אַלע פאָרמען. אין דערצעהלונגען, דראַמעס און לידער איז ער אָבער שטאַרק הינטערשטעליג לגבי דעם זשורנאַליסט און קריטיקער. אַ פאַרליבטער אין בעסאַראַביע, פון וואַנען ער שטאַמט, האָט ער דערצעהלט געשיכטעס פון זיין היימלאַנד (199). אַ דערפאַהרענער אין טעאַטער און אַ מבין, האָט ער געשריבען דערצעהלונגען פון דער טעאַטער - סביבה (200). הומאָריסטיש באַגאַבט, האָט ער זיך פאַרמאָסטען צו באַווייזען „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" (201) ווי אַ טראַגישע פיגור, אָבער אין דער דראַמע איז דער וויצלער ארויסגעקומען נישט וויציג און נישט הומאָריסטיש (202). ער האָט געפּרואווט פאָרצושטעלען „בער ליעווער" (203), פונקט ווי „לעוו טראָצקי, נאָר די פיגור

197) ד"ז, ז. 28.
198) אונטער דעם טיטעל האָט משה גראַניטשטיין אָפּגעדרוקט אין 1928, אין „די פּרעסע", אַ רייע אַרטיקלען.
199) „בעסאַראַביע", 125 זייטען, י. 1928.
200) „נאָך דער פאָרשטעלונג", 173 זייטען, י. 1926.
201) „דראַמען", 186 זייטען, י. 1933.
202) „אַ שאָד די טעמען!" הייסט די רעצענזיע, וואָס דר. אַ. מוקדוני האָט אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרק'ער „מאָרגען־זשורנאַל" וועגען באָטאָשאַנסקי'ס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער". איך פאַררוף זיך דערפאַר אויף מוקדוני'ן, ווייל ב. האָט ניט איין מאָל געשריבען אין „די פּרעסע", אַז מוקדוני, די גרעסטע אויטאָריטעט אין אידישען טעאַטער, האָט וועגען איהם די העכסטע מיינונג.
203) „דראַמען", פריער דערמאָנט.

פון היינט (204) איז דעם זשורנאליסט באטאשאנסקי נאך־ווייניגער געראטען ארויסצוברענגען ווי די פיגור פון נעכטען. צום בעסטען דערשיינט ב. אין דער קריטיק (205). דער פ ל י נ ק ע ר, טעמפּעראמענטפולער זשורנאליסט ־ פעליעטאניסט און געאיילטער קריטיקער ־ פארטרעטיסט, וועמעס שטארקייט און חן ליגט אין דער היפּערפּערסאנאליסטישער פארם פון ארויסשטעלען און אויסבאריהמען זיך אליין, געפינט נישט קיין תיקון אלס דערצעהלער און דראמאטיקער, וואו מ׳דארף יענעם, לכל־הפחות, נישט ווייניגער האבען אין זינען ווי זיך אליין. דער פעהלער צו זעהן אומעטום קודם־כל זיך אליין פארשטעלט איהם אויך דאס פנים פון אנדערע אין דער קריטיק (206), כאטש ער איז א מבין אויף יענעם און האט א קולטוריסטישע באציהונג

---

204) א. י. סאמבערג האט אין 1929 אויפגעפיהרט „לעווו טראצקי" אין טעאטער „ארכענטינא" און „מען" האט רעקלאמירט, אז „צוליב געוויסע סיבות קען דער נאמען פון מחבר, א באוואוסטער אידישער דראמאטורג פון אייראפּע, נישט דערמאנט ווערען". מיט דער גאנצער סענסאציאנעלער געהיימענישפולקייט איז די פּיעסע געגאנגען קוים עטליכע טעג.

205) „פּארטרעטען פון אידישע שרייבער", 277 זייטען, דערשינען אין ווארשע, י. 1933. ב. האט אויך באלד נאך משה לייב האלפּערנ׳ס טויט אפּגעדרוקט אן עסיי, „מ. ל. האלפּערן", 56 זייטען, ב"א, י. 1932.

206) „עס איז די בריה׳שקייט פון די — זאגט דר. מוקדוני, אין נ"י „מארגען־זשורנאל", וועגען באטאשאנסקי׳ס פּארטרעטען — וואס שטעהען אויף טומלדיגע פּלעצער און מאכען בילדער פון יעדען פאר צעהן סענט. עס איז באמת א גרויסע בריה׳שקייט צו אפּמאהלען א מענשען פאר צעהן סענט אין איין הרף־עין. אבער קיין מציאות האט דער אפּגעמאלטער פאר 10 סענט נישט געכאפּט... עס שטעלט זיך באלד ארויס, אז אויב דער שטערן פון דעם געמאלטען איז זיינער, האט ער אבער א פרעמדע נאז; אויב ער האט זיין אייגענע נאז, האט ער איינגאנצען א פרעמדען מויל; אויב ער האט זיין אייגענעם מויל, האט ער א פרעמדען האלז".

— אין כלל געגומען. ער האָט אימפּעט, נאָר אָפּט־מאָל אָהן קאָנטראָל איבער זיך און איבער זיינע מיינונגען, וועלכע ער בייט דאָן זשואַניש. צו די רעזולטאַטען פון זיין אימפּעט אָהן קאָנטראָל דאַרף צוגעשריבען ווערען אויך זיין ראָמאַן „בוענאָס־איי־רעס", ארום פּרויענהענדלער אין ארגענטינע... דאָר־טען האָט ב. זיך פאַרגונען צו שרייבען אין אַ קאַ־פּיטעל, אַז די בוענאָס־איירעס'ער אידישע צייטונ־גען האָבען אין אַ פאַרטאָג אָפּגעשטעלט דאָס אַרויס־געבען די בלעטער, ווייל זיי האָבען געוואַרט אויף די נייעס, ווי עס וועט זיך אויסלאָזען אַ געשלעג אין אַ „הייזעל"... פון אַזעלכע באַשרייבונגען האָ־בען נאָרד־אמעריקאנער אידען זיכער נישט גע־קראָגען קיין געהויבענע מיינונג וועגען דעם אַרגענ־טינער אידישען געדרוקטען וואָרט און זיין ישוב (207). שאַרף און פלינק אין פּאָלעמיק, האָט באַ־טאשאנסקי, צוליב זיין טעמפּעראמענט, אַפּטמאָל נישט איבערגעקליבען אין זיינע מיטלען, נישט איין מאָל דערנידעריגט זיך און דאָס וואָרט (208). שריי־בער אָדער אַקטיאָרען, וועלכע זענען געווען זיינע געגנער, האָט ער אין זיינע אינפאָרמאַציע ־ אַר־טיקלען אין אויסלאַנד פאַרשוויגען אָדער באַגאַטע־ליזירט און, דאַגעגען, זיך אַליין געלויבט ביז אין הימעל אַריין — שרייבענדיג אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען (209). אנשטאָט אויסצומיידן סקאַנ־דאַלען, האָט ער זיי, פאַרקעהרט, נאָך אַרויפגעצוי־

---

207) „בוענאָס־איירעס" איז געדרוקט געוואָרען אין ניו־יאָרק'ער „טאָג" און אין פּוילען — אין צייטונגען, וועלכע יאָגען זיך נאָך סענסאַציעס.

208) וויסענדיג, למשל, אז זיינער אַ געגנער, אַ שרייבער, האָט נישט קיין קינדער, האָט איהם באַטאַשאַנסקי כסדר אָנגערופען אין זיינע פּאָלעמישע ארטיקלען נישט אַנדערש ווי „די עקרה" . . . ס'איז פיינליך צו דערמאָנען, אַז די זעלביגע ביבליאָטעקען און קולטור־־פאַראיינען, וועלכע ב. האָט צונויפגעבראַכט צו קאָנטראָלירען דאָס „פאָלקס־טעאַטער", האָבען אין 1927 עפנטליך אַריינגעלעגט באַטאַשאַנסקי'ן אין חרם.

209) אין „מאָרגען ־ זשורנאַל" און „ליטעראַרישע בלע־טער".

נען (210). ער האָט צופיל ליב — ווי אַ אַקטיאָר — צו קריגען די אַפּלויזען גלייך אויפן אָרט און דעם פּראָצענט — ווי אַ סטאַר — נאָך איידער די אַרבייט איז פאַרענדיגט. נאָר אפשר וועט דער 30־יאָהריגער שרייבערישער יובילײ פּיהרען יעקב באָטאָשאַנסקי׳ן צו מעהר מיושב׳דיגקייט. כדאַי. מיט זיין טאַלאַנט וואָלט ער, מיט מעהר קאָנטראָל, באַדאַרפט דערגרייכען גרעסערע רעזולטאַטען.

קולטור ־ געזעלשאַפטליך ־ פּאָליטישע צערודע־רונגען האָט אין אַרגענטינע אויך אַריינגעבראַכט די שרייבערישע טעטיגקייט פון הירש בלאָשטיין, וועל־כער איז געקומען פון ליטע אַ אידישיסט (211). אַ אַנטלאָפענער פון ראַטענפאַרבאַנד אַלס געגנער. אָבער אין צוויי יאָהר אַרום איז ער פאַרוואַנדעלט

---

210) זיגמונט טורקאָוו׳ס אַרטיקלען אין „שפּיגל", אין 1935, אילוסטרירט מיט באָטאָשאַנסקי׳ס אַ טעלע־גראַמע וועגען אַ התחייבות צו צאָהלען איהם 2 פּראָ־צענט ברוטאָ, בעת ער, ב., איז געווען רעצענזענט, ווי אויך אַנדערע עהנליכע קאָנפליקטען, האָבען ניט געבראַכט קיין כבוד דעם געדרוקטען וואָרט. און עס זענען געווען עטליכע סעזאָנען אַזעלכע, ווען באָ־טאָשאַנסקי איז געווען אַ שטילער שותף אין דעם טעאַטער „אַמבו" און האָט, נישט אַלס מיט־עמפּרע־סאַר, נאָר אַלס שרייבער, באַקעמפט און ביי יעדער געלעגענהייט געזוכט וועה־צו־טון די קריטיקער, וועל־כע האָבען געשריבען שלעכט וועגען זיין טעאַטער. אגב, כדאַי צו באַמערקען, אַז באָטאָשאַנסקי, וועלכער אַגיטירט כסדר פאַר ליטעראַרישען טעאַטער, האָט אַראָפּגעבראַכט אין זיין אייגענעם טעאַטער — אי־ציק פעלד׳ן . . .

211) אויפן באַנקעט, אַראַנזשירט פון שרייבער ־ פאַר־איין, אין 1925, לכבוד פּרץ הירשביין׳ען, האָט בלאָ־שטיין אַטאַקירט די קאָמוניסטען מיט די גרעבסטע ווערטער פאַר זייער שמוצען דעם אידישיזם און, צווישען אַנדערע עפּיטעטען, זיי אַנגערופען „כאַ־מעס"; אין אַנדערהאַלבען יאָהר אַרום איז ער אָבער געוואָרען זייער פּיהרער . . .

געוואָרען אין דעם וואָרטפיהרער פון דער קאָמוניס־טישער ליטבאַוועגונג אין אַרגענטינע (212).

ה. בלאָשטיין איז געקומען אַלס אָנערקענטער דיכטער, נאָך אַ יונגער, אָבער שוין מיט אַזאַ טעכ־ניק און וואָרט ־ באַהערשונג, וואָס איז מקנא־צו־זיין. בלאָשטיין איז אַלס שרייבער אַ פּרעכטיגער בעל־מלאכה. בטבע אַ בנעימות׳דיגער און אַן אָפּגע־שוינטער, אַ סענטימענטאַלער, מיט ליטווישער גע־קילטקייט, האָט ער פונדעסטוועגן געקענט רעדען „פּראָלעטפּעניש״, קלאָהרער, אַנטשיידענער און אָנ־גרייפערישער ווי די אויסגעשפּילטע קאָמוניסטען. אַ מייסטער אויפן סינטאַקסיס און ליטעראַטור ־ טעאָריעס, האָט ער געקענט שרייבען מיט דער זעל־ביגער רוהיגקייט, גלאַטקייט און ריטמישקייט, סיי אין זעלנערישע, גלייכמאָסיגע פערזען, סיי אין ווייכע פערזען, מיט אסאַנאַנסן, מיט צעוואָרפענע שורה־לעך, אָט איין וואָרט אין אַ שורה און אָט פופצעהן ווערטער אין אַ שורה, און אַלץ זאָל זיין אויסגע־האַלטען. איז ער באַלד געוואָרען דער רבי פון קאָמ־פּראָלעטאַרישקייט, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבען מיטאַרבייטען אין וואָכענבלאַט „רויטער שטערן״ און נאָכדעם אַלס רעדאַקטאָר פון „נייוועלט״. איהם איז צו פאַרדאַנקען, וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען אַ „קאָמליטפּראָנט״. ער האָט געקענט צוציהען אומ־אָפּהענגיגע שרייבער און באַווירקען. זיינע לידער זענען גיך געוואָרען פאַר אַ רייע דיכטער — אַ „שולחן ערוך״ פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג אין אַרגענטינע. און ער האָט געוויזען, אַז מ׳דאַרף קע־נען שרייבען וועגען אַלץ, וואָס איז וויכטיג פאַרן

212) ווי נאָר בלאָשטיין איז געוואָרען קאָמוניסט, האָט ער זיך אָנגעהויבען באַמיהען צוריקצופאַהרען קיין ראַטענפאַרבאַנד, אָבער ער האָט נישט געקאָנט קרי־גען קיין דערלויבניש. ערשט ווען ער איז אַרויסגע־שיקט געוואָרען פון לאַנד, אין 1931 — ער האָט פאַר דער פּאָליציי אָפען דערקלעהרט, אַז ער איז אַ קאָמוניסטישער קעמפער — האָט ער געקראָגען אַ וויזע.

אַרבייטער ־ קאַמף. ער איז געווען אַ לערער אין די אַרבייטער ־ שולען, האָט ער געשריבען לידער און פּאָעמעס וועגען די דאָזיגע אינסטיטוציעס, זייערע תּלמידים, עלטערען און אפילו וועגן אונטערנעמונגען (213). איז פאָרגעקומען אַ גרויסער שטרייק פון די נאָדעל ־ אַרבייטער, האָט ער אָנגעשריבען אַ גרויסע פּאָעמע, וועגען שניידער, וועגען זייער נויט, וועגען שטרייק, און אַלץ וואָס איז נויטיג־געווען פאַר די קאָמוניסטישע סינדיקאַטען, וויבאַלד זיי האָבען אָנגעפיהרט מיטן שטרייק (214). און אויפן שטייגער פון דיכטער פון מאָסקווע, מינסק, קיעוו און כאַרקאָוו האָט ער אין לידער אויסגעלאַכט אַלס מיאוס'ע באַשעפענישען די געגנערישע שרייבער. מיט וועלכע ער איז נעכטען געווען דער בעסטער חבר. בלאָשטיין האָט געשריבען וועגען ליטעראַטור, אָבער אין פּראָזע איז געווען צו־שטאַרק קענטיק זיין בלוטלאָזיגקייט; אין פּאָעזיע האָט ער אָנגעצייכענט די פּראָלעטאַרישע עפּאָכע אין דער אַרגענטינער אידישער ליטעראַטור, וועלכע איז נאָך איהם כמעט ווי אויסגעלאָשען געוואָרען אין די אָרעמס פון „פאָלקספראָנט”.

דער היפוך פון בלאָשטיינ'ען איז געווען יעקב פּלאַפּאַן, וועלכער איז אויך געקומען פון ליטע, וואוהין ער איז פאַרוואָגעלט געוואָרען און וואו ער האָט געמאַכט זיין ליטעראַרישען און טעאַטער ־ אָנהויב. ער איז נישט געווען קיין „טרוקענער ליטוואַק”. פון איהם האָט געשטראָמט רויע קראַפט. געווען אַ מענש מיט שטורמישע ליידענשאַפטען, אַ בונטאַר בטבע, אַ וואַגאַבונדישע נאַטור, וואָס האָט נאָך לאַנגען אַרומוואַנדערען זיך אָפּגעשטעלט אין אַ רוהיגער היים, נאָר אויך אין דער רוהיגער היים נישט געקענט פאַרגעסען די צייטען פון וואַגאַבונדישען לעבען. אַ טיפּישער דערצעהלער פון די נאָך ־ מלחמה ־ צייטען, צווישען הפקר ־ מענשען. פּלאַפּאַן איז געווען רייך אין פאַרבען. די בילדערישקייט האָט איהם

(213) „אַרבשולאַרג”, 47 זייטען, אַרויסגעגעבען פון אַרב. שול אַרג., י. 1928.

(214) „לידער פון קאַמף”, 200 זייטען, פאַרלאַג „נייוועלט”, י. 1930.

פֿאַרפֿלייצט. ער האָט מיט די איבערזעטיגענדיגע פֿאַרבען געשילדערט יונגען, וועלכע צערעמאָניען זיך נישט מיט קיין פֿריינד, נישט מיט קיין פֿרויען, נישט מיט סענטימענטען, זענען האַמעטנע, מיט ווילדער קראַפֿט (215). ער איז געווען דער עכטער רעוואָלוציאָנערער שרייבער. געשריבען לידער, צע־בראָכענע, מיט נישט פֿאַרענדיגטע זאַצען, מיט לאָזונגען, בונטאַרישע פּלאַקאַטען — דיכטונג. יעקב פּלאַפּאַן איז געשטאָרבען פֿריהצייטיג, ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבען איינלעבען אין דער סביבה פֿון אַרגענטינער בונטאַר — וואַגאַבונד און איהם גע־נומען שילדערען (216).

א מערקווירדיגע אַנטוויקלונג האָט דורכגע־מאַכט ח. וואָלף, וועלכער איז געקומען אַלס אָנפֿאַנ־גער־פּאָעט און האָט געזעהן, פּונקט ווי אורי צבי גרינבערג, אומעטום בעטלער (217), וואָס רייסען זיך נישט פֿון קויט אַרויס. וואָלף האָט אַ קורצע צייט זיך אויסגעפּרואווט אויף בילדער פֿון גרויס־שטאָדט. נאָר אינגיכען האָט ער זיך צוריקגעצויגען פֿון שרייבער־האַרמידער, אויפֿגעהערט זיך דרוקען און איז געוואָרען אַ נסתר, אַזוי אַכט יאָהר. אומגע־ריכט האָט אָבער ח. וואָלף זיך אַנטפּלעקט אַלס עסעאיסט, וועלכער ווידמעט זיך צו פּראָבלעמען פֿון עטיק (218) און וועלכער האָט באַלד פֿאַר זיין ערש־טען ווערק באַקומען זעהר — געהויבענע אָפּשאַצונ־גען פֿון די פּראָמינענטסטע פּערזענליכקייטען אין אויסלאַנד (219). זיין אידיש איז אַן אָפּגעפּיינטער און זיינע אומפּאַסונגען ווענען פֿרייער געזעלשאַפֿט

215) יאַנקל פּלאַפּאַן: „טרעפֿ", דערצעהלונגען, 176 זיי־טען ,פֿאַרלאַג „נייוועלט", י. 1930.

216) יעקב פּלאַפּאַן איז געשטאָרבען דעם 23־טען מערץ 1936, אין עלטער פֿון 39 יאָהר.

217) „בעטלער", 28 זייטען, י. 1925.

218) „עטישער סאָציאַליזם", 256 זייטען, פֿאַרלאַג בזשאַ־זאַ, וואַרשע, י. 1936; „די איבערגאַנגס - געזעל־שאַפֿט", 178 זייטען, פֿאַרלאַג בזשאַזא, וואַרשע, 1937

219) ווענען ח. וואָלפֿ'ס „עטישער סאָציאַליזם" האָבען זיך אָפּגערופֿען מיט התפּעלות דר. חיים זשיטלאָוו־סקי, ש. ניגער, דר. נ. שטיינבערג.

האָבען שוואונג און אידישען מקור. וואָלף ברענגט אריין אין דער ארגענטינער אידישער פּובליציסטיק דענקערישען, פאָלקסטימליך - ליטעראַרישען טאָן.

צו פארטיפען זיך אין פּראָבלעמען פארמעסט זיך אויך מ. גראַניטשטיין, וועלכער שרייבט גלייכ־ צייטיג דערצעהלונגען און וועלכער האָט ארויסגע־ געבען מעהר ביכער ווי אַלע אַנדערע שרייבער (220). זיין ערשט בוך איז געווען — לידער (221). פון לידער, ווייזט אויס, האָט ער אינגאַנצען רעזיג־ נירט און אָפּגעדרוקט אַ רייהע ביכער דערצעהלונ־ גען און נאָוועלען (222), אין וועלכע דער שרייבער ווערט פארפלאָנטערט אין זיין איינזאַמקייט אוי אומבאהאָלפענקייט, זוכט, זעהט, אָבער געפינט ניט און דערזעהט נישט, אַז איינגעטונקענער אין בענק־ שאַפט צו ווערען אויסגעהערט, מיט נאָגענישען פון נישט - געשטילטע פארלאַנגען. „וואָס האָט געוואָלט די פרוי גאַסטער?" איז גראַניטשטיינ'ס טיפּישע דערצעהלונג: די נעמען זענען אינטערעסאַנטער פון די דערצעהלונגען אונטער די נעמען. גראַניטשטיין, וועלענדיג ארויסברענגען זיינע אידייען, האָט ארויס־ גענעבען ביכער פּובליציסטיק און ליטעראַרישע קרי־ טיק (223). ער האָט געפּרואווט שאַפען אַ סינטעז צווישען דעם נאַציאָנאַלען געפיהל אין אידישער געשיכטע און פּראָלעטאַרישער וועלט - אנשויאונג

---

(220) גראַניטשטיין גיט, לכתחילה, נישט ארויס זיינע ביכער פארן „גרויסען" מארק, נאר האט דער'עיקרשט אין זינען די שרייבער, פון וועלכע מען דארף דער־ ווארטען א ווארט, א גוט ווארט, א שלעכט ווארט, אבער א ווארט.

(221) „שטאפלען", לידער, 51 זייטען, י. 1930.

(222) „וואס האט געוואלט די פרוי גאסטער?", 96 זיי־ טען, י. 1932; „דאס שטעדטעל רעדט", 96 זייטען, י. 1933; „פוןביידע זייטען בריק", 92 זייטען, ז. 1934; „די אוואנטורעס פון חבר האמערל", 62 זיי־ טען, י. 1934; „צוריק צום געטא", 71 זייטען, י. 1939;

(223) „פון תחום צום תחום", 95 זייטען, י. 1933; „די „דער בעטלער, דער ליץ, דער סאציאלער מענש", 116 זייטען, י. 1940.

(224). לויט דער טוץ ביכער, וואָס גראַניטשטיין האָט אַרויסגעגעבן אין די לעצטע צעהן יאָהר, איז אָבער לייכטער צו זאָגן, וואָס ער איז נישט, איידער וואָס ער איז יאָ.

טאַלאַנט פאַר עסיי האָט זלמן וואַסערצוג, וועלכער האָט אַלס לערער צוערשט פאַרעפענטליכט אַ סעריע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען וועגן קינד און דערציהונג, אַרויסווייזענדיג אייגענע באַאָבאַכטונגספעהיגקייט. נאָך לענגער האָט וואַסערצוג זיך אָפּגעגעבן צו דערצעהלונגען פאַר קינדער (225). זלמן וואַסערצוג איז אָבער מעהר ליטעראַרישער עסעאיסט ווי דערצעהלער. זיינע טעמעס אין דערצעהלונגען. אַפילו אין קינדער - דערצעהלונגען, זענען גרעסער און רייכער ווי די דערצעהלונגען גופא. דעם בעלעטריסט געפינט זלמן וואַסערצוג אין עסיי, וואו ער בליצט אויף מיט איינפאַלען, שאַרפזין, מיט פעליעטאָניסטישער עלעגאַנץ און אָריגינעלער מעדיטאַציע, באַשפּרענקעלט מיט הומאָר און איבערהויפּט מיט דינער איראָניע.

ש. פריילאַך (ליטמאַן) האָט אָנגעהויבן אַלס אַרבייטזאַמער זשורנאַליסט און עמך - פעליעטאָניסט, וואו ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס קליינע מענשעלע, פונקט ווי אין זיינע דערצעהלונגען. נאָך צום בעסטען האָט ש. פריילאַך זיך געפונען אַלס דערצעהלער פאַר קינדער, אונטערן נאָמען ליטמאַן. וואָס אויף דעם געביט איז ער דער בעסטער אין אַרגענטינע, און פאַרדינטערהייט איז ער אַריבער מיט זיינע מעשה׳לאך אין ווייטע אידישע ישובים. איבערהויפּט קיין פוילען, ספּעציעל פאַר שול - קינדער. אין זיינע דערצעהלונגען פאַר קינדער (226) איז פאַראַן אַ שפּילעוודיגע פשטות. גראַציעז וועבט ער אַריין טעמעס פון דער אַרגענטינער היים און

---

224) „קורצע וועלט־געשיכטע פון יידישען פאָלק", 173 זייטען, י. 1936.

225) „פאַר די קינדערס וועגען", 128 זייטען, י. 1932.

226) ליטמאַן: „פון אַלע זיבן זאַכן", 112 זייטען, י. 1933; ליטמאַן: „אַ ליכטיקע וועלט", 112 זייטען, י. 1935; ליטמאַן: „פעטער שמחה׳ס שפּאַסערייען", 128 זייטען, י. 1936 — אַלץ קינדער - מעשיות.

גאס, וואו דאָס קינד האַלט אין איין שטעלען קשיות. ווייל די נייגעריגקייט פון קינד איז אומגעהויער־גרויס. ש. פריילאַך האָט מיט דערפאָלג קולטיווירט דעם זשאַנר פון רעפּאָרטאַזש (227).

אַלס דערציילער פון דאָרף האָט מרדכי מיי־דאַניק געשילדערט די אידישע קאָלאָניסטען און זייער קאַמף צו בלייבען אויף די פעלדער נישט גע־קוקט אויף אַלע שוועריגקייטען. מיידאַניק, זעהענ־דיג דעם באַלעבאַטישען אידען, האָט געזעהן דעם אָרימען גאַוטש אין בונטאַרישקייט, וואָס ברעכט נישט אויס, נאָר לאָזט זיך אויס צו זיין אייגענעם קאָפּ, ווייל ער, דער געבוירענער אין לאַנד, איז פויל און פאַלט אריין אין שיכרות.

א. פייערמאַן האָט מיט יאָהרען צוריק געדרו־פען שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע דער־צעהלונגען, אין וועלכע עס האָט געפעהלט פאָרם און רייפקייט, אָבער געווען אין זיי אומרוה פון אומגליקליכען אימיגראַנט, וואָס ווערט צעפרעסען פון עראָטישקייט, בענקשאַפט, איינזאַמקייט און קראַנקהייט, א געפּייניגטער און הילפלאָזער: פיי־ערמאַן איז פריה אַנטשוויגען געוואָרען. מיט יאָה־רען צוריק האָט גערופען די אויפמערקזאַמקייט יוסף ראַבינאָוויטש, אָנפאַנגס מיט לידער (228). וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מאָטיווען פון אָרימ־קייט אין דער גרויסשטאָדט, אָריענטירט פּראָלע־טאַריש. אַלס דערצעהלער האָט ראַבינאָוויטש זיך פּאָרמאָסטען אויך אויף א ראָמאַן (229), וואו עס זענען פאַראַן א סך עפּיזאָדען פון א וואַנדערענדי־גען, פאַרכמורעטען מענשען, אָבער דעם מענש אַליין, זיין געשטאַלט, זיין כאַראַקטער, דערזעהט מען נים. צו די פאַרנעפּעלטע דערצעהלער געהערט אויך א. א. פישער, אין א סך פּרטים עהנליך צו ראַבינאָ־וויטש'ן, נאָר מיט מעהר שווערקייט אין לשון, מעהר

---

(227) ש. פריילאַך: „ארץ ישראל אין 1937", 240 זייטען, פאַרלאַג ג. קאַפּלאַנסקי, י. 1938.

(228) „קאָנוועגטיזשעס", לידער, 48 זייטען, פאַרלאַג „ניי־וועלט", י. 1928.

(229) „דורך פייער און וואַסער", ראָמאַן, 195 זייטען, פאַרלאַג ש. סיגאַל, י. 1931.

אַנוואוקס, מעהר אינטעלעקט, מיט לאַנגזאַמער מע־
דיטאַציע און זעהר־לאַנגזאַמען ריטם אין האַנד־
לונג. דער נאָמען פון פישער'ס ערשטען בוך, „אין
וועג" (230), כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכענט דעם
שרייבער, וועלכער געפינט זיך אין וועג —
צום ראָמאַן. נחמיה צוקער, אַ דראַמאַטיקער נאָך
פון דער אַלטער היים, אַ היימישער אין טעאַטער,
מיט חוש פאַר סיטואַציעס און גאַליציאַנער איינ־
פאַלען, האָט זיך אָפּגעגעבען צו פאָלקסטימליכע
מעשיות, זוכענדיג אויף אַן איינפאַכען אופן קאָמי־
שע שטריכען פון דער אָרימער סביבה (231) און
אין דראַמע — סענסאַציאָנעלע קאָנפליקטען אָדער
פּיקאַנטקייטען (232). אַלס ליריקער מיט רעוואָלו־
ציאָנערע טענער האָט אַ זונג־געטון י. ל. גאָלדבערג
און צוגעזאָגט, אָבער ווייטער פון צוזאָג נישט אַוועק.
אַ. מאַרגאָלין האָט אַרויסגעוויזען אין סקיצען (233)
אויג פאַר סיטואַציעס אין דער שטאָדט, וואו עס
ווערען אַ סך זינד אויסבאַהאַלטען הינטער פאַר־
האַנגען; ער איז אַריבער צום ראַדיקאַלן זשורנאַליזם.
ש. גראַניעוויטש, אַ לערער, האָט דערצעהלט (234)

230) „אין וועג און אַנד."‎, 172 זייטען, י. 1934
231) „שפּאַס און ערנסט", 174 זייטען, י. 1933; „פון אַלץ צו ביסלעך", סקיצען און דערצעהלונגען, 128 זייטען, י. 1935.
232) נ. צוקער האָט אַרויסגעגעבען אַ רייע איינאַקטערס, וועלכע זענען געדרוקט און געשפּילט געוואָרען: ער האָט דראַמאַטיזירט דערצעהלונגען: פון י. ל. פּרץ, די „מקובלים" און פון מענדעלע, „די קליאַטשע". ווען סאַקאָ און וואַנצעטי זענען געווען אַ סענסאַציע, האָט צוקער אָפּגעדרוקט און אויפגעפירט „אין נאָ־מען פון גערעכטיגקייט", טראַגעדיע, 55 זייטען, י. 1935. צוקער איז יאָהרענלאַנג פאַרוואַלטער פון אַק־טיאָרען־פאַראיין; האָט רעזשיסירט דראַמקרייזען.
233) „צווישען רעדער", דערצעהלונגען, 214 זייטען, פאַר־לאַג „נייוועלט", י. 1929.
234) „אין רויטלעכע פאַרנאַכטן", 159 זייטען, י. 1929. ש. גראַניעוויטש איז אַוועק קיין ארץ ישראל, וואו אַ צוג איז איהם איבערגעפאָהרען; אַ סברא, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ווענען גרויען לעבען פון אימיגראַנט, וועלכער זוכט אין זיין איינזאַמקייט אַ פרוי׳ס דערנעהענטערונג. בן־ציון פייגאָן, אַ לערער אַ סך יאָהרען, האָט זיך אָפּגעטונקען אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט. אין חסיד׳ישע מעשיות (235), און געוויזען, ווי גוט עס איז, אַז מ׳האָט חסיד׳ישע חדוה־דיגקייט, אַלט־אידישע חכמה, וואָס ווערט היינט באַצייכענט אַלס בטלנות. צו דעם טראָגט אויך ביי אפרים גאָלדבערג. אַגב, אויך אַ לערער, וועלכער באַאַרבייט טריי לויטן מדרש מעשיות פאַר קינדער. אויפן וועג פון לומדות האָט שרייבעריש בייגעטראָגען מנשה קאָנסטאַנטי־נאָווסקי, אַ פעליעטאָניסט, וועלכער קריגט אַ תיקון אין ערנסטע ארבייטען, ווי פאָרשונג (236), איבער־הויפּט שפּראַך ־ פאָרשונג, צו וואָס מ׳וואָלט איהם באַדאַרפט באַוועגען. משה קאָנסטאַנטינאָווסקי שרייבט אין פערז און אין פּראָזע און האָט פאָרגע־שטעלט טיפען פון שטאָדט (237).

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט ח. י. פאַרבער, וועלכער קען אָנגערופען ווערען דער אַ ר ג ע נ ט י נ ע ר פ אַ ב ו ל י ס ט. פאָלקסטימ־ליך אין לידער ־ שילדערונגען פון די אידישע פעל־דער, אין וואָס ער דערגרייכט האַרציגע שטימונגען פון צופרידענעם לעבען און לעבענספרייד, איבער־הויפּט פאַר קינדער (238), איז אָבער פאַרבער איז זיינע פאַבלען נישט אַזוי עכט. פאַראַן צווישען זיי־נע משלים אַזעלכע, וואָס האָבען שעהנעם פאַר־גלייך און אַרגענטינער קאָלאָריט, געדאַנק און אויס־פיהר (239), נאָר זיי ליידען פון צעצויגענקייט, רו־

---

235) „פון חסיד׳ישען שטייגער", 210 זייטען, ארויסגע־געבען נאָך פייגאָנ׳ס טויט, י. 1936.

236) „לאָגיק, עלעמענטאַרע לעקציעס", 80 זייטן, 1930.

237) „פון דאָ און דאָרט", 96 זייטען, י. 1935. משה קאָנס־טאַנטינאָווסקי זעצט איבער אַ סך לידער פון העברע־איש און פון אַנדערע שפּראַכען, פון זיי איז ארויס־געגעבען, אין 1937, אַ ביכעל מיט פושקינ׳ס לידער.

238) „פאַר ברידערלעך און שוועסטערלעך", 32 זייטען, י. 1925; „אין אַ אידישער קאָלאָניע", 38 זייטען, פאַרלאַג קאַפּלאַנסקי, י. 1936.

339) „פאַבלען", 124 זייטען, פאַרלאַג קאַפּלאַנסקי, י. 1936.

טין, קנאַפּער געשליפענקייט און זענען טיילמאָל געקינצעלט.

אביגדור שפּריצער, געקומען אַלס דראַמאַטי־קער מיט שטאַרק ־ געהיימעניששפולען, שווער־פאַר־שטענדליכען סימבאָליזם פון זיין פּאָעמע „איוב". איז דאָ אַריבער צום זשאַנר פון קינדער ־ מעשיות און האָט אין זיי דערגרייכט אַ סך מעהר ווי אין זיי־נע דראַמעס (240). זיין פאָרם איז אַ געשליפענע. דאָס וואָרט געקליבען, קורץ דער זאַץ, מיט אינע־וועניגסטע און אויסענוועניגסטע גראַמען, שפּיציג־אינטעליגענטיש, שטאַרק ־ צוגעטראַכט און געקינ־צעלט. שפּריצער'ס טעמעס זענען אָהן פליגלען, נאָר דאָס וואָרט, וואָס איז זיבענגאָרענדיג און מיט פאַ־זע, וויל מאַכען דעם איינדרוק פון גייסטרייכקייט. ביי שפּריצער'ן זענען פאַראַן מעהר ווערטער ווי גע־דאַנקען, מעהר זאַצען ווי האַנדלונג, מעהר פאָרם ווי טעמע. אַלס דערצעהלער, פאַר דערוואַקסענע, פעהלט איהם די רייכע טעכניק, פאַרב און בלוט. שפּריצער זוכט אָבער ווייטער צו געפינען אַ תיקון אויף דורך טעאַטער (241).

דער פולקאָמענסטער פון דער נייער, לעצטענס־צוגעקומענער, פלעיאַדע אידישע דיכטער אין אַר־גענטינע איז שמואל צעסלער, אַ לערער, וועלכער באַהערשט אַלע פאָרמען פון ליד. דערגרייכט טייל־מאָל מייסטערשאַפט אין דער טעכניק פון פערז, ספּע־ציעל און איבערהויפּט אויפן געביט פון קינדער־ליד (242). דאָס איז דער שפּילעוודיגסטער אידישער פּאָעט ביי אונז און דער שפּילעוודיגסטער פאַרן קינד. אַזוי ווי ער איז זעהר ־ עמפּפינדליך און מו־זיקאַליש, האָט ער גיך איבערגענומען די אייגענאַר־טיגקייטען פון דער נייער סביבה, די שטימונגען אין וועלכע אידען און איבערהויפּט דאָס אידיש קינד

240) „מאַרגנפרייד", 109 זייטען, י. 1936; „צידעלע פּי־דעלע", 90 זייטען, י. 1937.

241) אין ב"א איז דערשינען שפּריצער'ס דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטען, „רות", 86 זייטען, י. 1933.

242) „פייגל אין דער לופטן", קינדער לידער און קריינ־שפּילען", אַרויסג. פון דראַמקרייז „ר. זאַסלאַווסקי", אין טוקומאַן, 120 זייטען, י. 1939.

לעבט, און ער פורעמט די שטימונגען אין לידער. פון שמואל צעסלער'ס „קרייז - שפילען" שפילט ארויס דאס ווארט; זיי האבען הומאר און טעאטרא־לישקייט. ער איז אין קינדער - ליד אפטמאל — א רעזשיסאר. די בילדערישקייט גיט א שלאג פון די ערשטע ווערטער, פונקט ווי די מוזיקאלישקייט, און עס ווילט זיך זינגען, נאך איידער מ'האט פאר דעם א ניגון. צעסלער איז א נחת פארן קינד.

די אידישע קינדער - דיכטער, וועלכע האבען געפונען קאמפאניסטען, וואס פארפאסען מוזיק צו זייערע לידער, ווי אליהו קאנטאר (243), לייזער קלאצמאן, גארשינסקי, גאלובטשיק, יעקב שקליאר און אנדערע, האבען אין צעסלער'ן — אן אוצר פאר מוזיק.

קהת קליגער האט אנגעפאנגען אין דער ווארשעווער „וואכענשריפט" אלס פראלעטארישער דיכטער און געהט אין דער זעלביגער ריכטונג מיט צעבראסטעטקייט און פאטאס, כאטש דאס איז שוין ארויס פון דער „מאדע". ער איז זעהר - לייכט אויפן ווארט און פערז, נאר איבערצייגט נישט, אז דאס איז ז י י ן ווארט. ער קען צו־לייכט און מיט צופיל ווערטער זיך פאנאנדעררעדען אין לידער, צום אפטסטען אין פרייען, נישט - גלייכמאסיגען פערז. קהת קליגער האט שנעל געפונען טעם אין דער שפאנישער דיכטונג, איבערהויפט אין דער סאציאלער, פון וועלכער ער זעצט א סך איבער.

שרה בירנבוים, פונקט להיפוך, איז קארג אויפן ווארט און נאכמעהר אויפן פערז. אנגעהויבען אין וייסענבערג'ס ווארשעווער „אינזער האפענינג", צימערט שרה בירנבוים איבערן ווארט, ראהמט עס איין אין שמאלע שורה'לאך, זינגענדיג הויפטזאכליך וועגען פרויען־סוד, ליידענשאפט, נאכט, וואלקענס. צעפ, כוואליעם און ים (244). פאראן הייסע שטימונגען אין איינציגע לידעלאך איהרע. פרוי'איש דורך און דורך, געשנירעלט מיט בענקשאפט און ליידענ־

(243) אליהו קאנטאר: „נייע שול - געזאנגען", מיט א פארווארט פון ש. ראזשאנסקי, אלבום - פארמאט, 36 זייטען, קארדאבא, י. 1936.
(244) „זינג איך מיר", 56 זייטען, י. 1938.

שאפטען, קומט שרה בירנבוים אויס אין איהרע לידער מיט געצעהלטע צעהנדליגער ווערטער.

אויפן שיידוועג צווישען צווייטען און דריטען עטאפ פון דער אידישער ליטעראטור אין ארגענ־טינע געפינען זיך ש. וואסערמאן און פנחס ביז־בערג, וועלכע זענען געקומען צום ווארט אין ריי־פער עלטער, נאכדעם ווי זיי האבען א רייהע יאה־רען אויסגעווארט.

שנייער וואסערמאן, פון אן ארבייטער געווא־רען א פראלעטארישער טוהער, האט זיך געוויד־מעט צום קינדער - ליד מיט פראלעטארישער טענ־דענץ און סענטימענט און האט ארויסגעבראכט א סך שטימונגען, כאטש ער פארמאגט ווייניג פערז־טעכניק און נאך־ווייניגער מוזיקאלישקייט. אויסמיי־דענדיג באמבאסטישע ווערטער און באנוצענדיג זיך מיט די פשוט'סטע רייד, האט ש. וואסערמאן בא־ריהרט אין זיינע לידער (245) א סך מאטיווען פון ארימען ארבייטער - קינד. וואסערמאן רעדט אין די לידער נישט אבסטראקט, האט שטימונג און קינדרי־שע נאיוויטעט. זיינע לידער, כאטש ארים אין טעכ־ניק און לשון, האבען מזל ביי מוזיקער, סיי ארגענ־טינער, סיי נארד־אמעריקאנער, און מעהרערע פון זיי ווערען געזונגען אין שולען.

פנחס ביזבערג, אן אגראנאם און געבילדעטער אין מערב - אייראפעאישע לענדער, נאר אן אנגע־זאפטער מיט פאלקסטימליכער אידישקייט פון פוי־לען, האט אלס קאלאניסט אנגעהויבען דערצעהלען פון אידישען לעבען אויפן קאמפ, זוכענדיג אידישען נוסח און פארביגען לשון, להיפוך צו די אנדערע שרייבער פון קאלאניסטישען לעבען, וועלכע האבען צו לשון און סטיל זיך פארהאלטען גלייכגילטיג. ביזבערג האט דעם אטעם פון אן אמת'ען דערצעה־לער (246). זוכענדיג עכטקייט פון אידיש, לאזט ער

245) „קינד און קייט", קינדער - לידער, 73 זייטען, י. 1936; „שוועלבעלעך", קינדער - לידער און פאעמעס 78 זייטען, י. 1938. ביידע ביכער האבען אילוסטרא־ציעס פון יעקב מיטלער.

246) „נייע היימען", דערצעהלונגען און נאוועלען, 277 זייטען, י. 1939.

זיך צופיל באהערשען פון פוילישע און דייטשישע ווערטער, פאראידישטע אין תוך, נאר פארט באר־באריזמען. דאס דאזיגע זוכען איז אבער א מדרגה. פנחס ביזבערג איז באגלייט אין זיין אינטעליגענ־טישער שפראך־ און סטיל ־ זוכט דורך פאלקסטימ־ליכקייט. ער באריהרט פאלקס־טעמעס פון אידישען קאלאניסטישען לעבען אין ארגענטינע, ווייזט דאס מחיה'דיגע גנעמיט פון קאמפישען לעבען, וואס ווערט צעשטערט דורך ווילדער אסימילאציע, גרויס־שטאד־טישן דעקאנדענטיזם, דעמאראליזירונג און גרויזאמ־קייט פון דער נאטור. ביזבערג האט אז אויג, אז אויער און אויך קולטור, כדי אויפצוכאפען איבער־לעבונגען פון אונזער צייט און גרויסע פערזענליכ־קייטען (247). ער איז דער ערשטער, וועלכער האט אנגעשריבען א מאנאגראפיע וועגען א פערזענליכ־קייט, וואס ווירקט אין קאלאניסטישען לעבען, מי־געל סאכאראוו, וועלכער ווערט אנערקענט אלס „די נשמה פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג" (248).

בערעל גרינבערג, געקומען קיין ארגענטינע אלס אינגעל, האט דורכגעמאכט דעם וועג פון א נע־ונד'ניק און באהעם, און אין זיינע דערצעהלונגען (249) איז פאראן די וואגאבונדישקייט און שמיי־כעלדיגע באציהונג צום מענשען, ווען דער טיי־וועל נעהמט נישט. גרינבערג קען דערצעהלען לייכט, מיט גרינגען ווארט, מיט הומאר און איראניע, ער איז אבער נאכלעסיג אין דערצעהלען און מ'קען ביי

---

247) „דאס משפחה ־ בוך", א נאוועלע אין „נייע היי־מען" ז"ז 231 ־ 245, פרוווט שילדערען די טראגע־דיע פון דייטשישע אידען, איינגעוויגטע דורות־לאנג אין לעגענדעס פון ארכי ־ דייטשענטום און פאטריא־טיזם. אין זעלביגען בוך, אין די דערצעהלונגען „דער רעצעפט" און „דער קראנקער דאקטער", מאלט ב די פיגור פון אידעאלען דאקטער נ. ירחי.

248) „מיגעל סאכאראוו", פערציג יאהר צו דינסט דער קאאפעראציע, זאמעלבוך ארויסגעגעבען פון די אי־דיש ־ קאלאניסטישע קאאפעראטיוועס, 254 זייטען, רעדאקטירט פון פ. ביזבערג, יאהר 1940.

249) „מארגנוויינט", 96 זייטען, י. 1934; „די אייביגע וואך", 159 זייטען, י. 1938.

איהם געפינען אויף איין זייטעל צו עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט „עפעס" און „מיטאמאל". ער ווייזט לעבערליכקייט, צביעות און פאלשע טרערען. האט ליב צו כאפען דעם מענשען ביי א ליגען און אין א קאמישער סיטואציע, ווי דאס ווייבעל, ביי וועמען דער מאן, א ריז, שטארבט פון הונגער (250). גרינ־בערג, שילדערענדיג געשיקט דעם, וואס טרויערט נישט און געהט דעם לעבען אנטקעגען, כאטש דאס לעבען לאכט איהם אויס, האט אין זיין עכטער דער־צעהלערישקייט טעאטראלישע רירעוודיגקייט.

מיט הומאריסטישע דערצעהלונגען האט זיך באוויזען שלמה סוסקאוויטש, פארשטעלענדיג די לעבערליכקייט פון די „גרינע", וואס ווילען זיך אויס־גרינען און זוכען, ווי אנדערע בחורים, ליטזעליגקייט אין די אויגען פון די „היזיגע" מיידלאך. שפעטער האט ש. סוסקאוויטש אויסגעפרואווט אנצואווענדען הומאר אין ליטערארישער פובליציסטיק, אין קרי־טיק און הויבט אן שרייבען וועגען פילאזאפיע.

דראמאטישען טאן ברענגט אריין משה קויפ־מאן, וועלכער האט אנגעהויבען אלס סאציאלער דיכטער (251) און איז, ווי א קינד פון דער צע־שטורעמטער צייט, אריבער צו נאציאנאלע מאטי־ווען, אינספירירט פון עפאכע - גרויל. ער פאר־מאגט די לייכטקייט פון אן אימפראוויזאטאר, האט שפראך, ריטם, גראם־וואריאציעס און ברענגט ארויס שטארקע פאטעטישע שורות. אין גרונט א ליריקער. א „איך"־פאעט, ווערט ער אבער פארטרונקען פון אבסטראקציעס און מליצה'דיגע פארשטעלונגען.

צווישען דארף און שטאדט וואקעלט זיך ב. עפשטיין, א קאלאניסטישער זוהן, וועלכער באזינגט די בענקשאפט פון פארוואגעלטען אין שטאדט, איז אין לידער גערעטענער ווי אין זיינע אנפאנגס - דערצעהלונגען, וואו ער איז אומבאהאלפען אין לשון און פארם. ב. עפשטיין, א געבוירענער אין ארגענ־טינע, איז א גרויס, אז אפילו אין דער העק פון חרוב־

---

(250) „דער שטרויענער ריז", פון בוך „מארגנווינט", ז"ז 14 - 20.

(251) „ארקע פון טאל", לידער און פאעמעס, 232 זייטען, יאהר 1936.

געוואָרענע קאָלאָניעס זענען דאָ זוימען פון אידי־שער שעפערישקייט און חלום (252).

שטאָדטישע געצערטעלטקייט און אינטעליגענ־טישע ראַפינירטקייט האָט פון זיינע ערשטע לידער אָן, מיט געקאָרגטע ווערטער, אַרויסגעוויזען א. י. זאָקוסקי (253), פון וועמען עס זינגט אַראָפּ אַ מיי־דעלשע געפּוצטקייט, אַן אינדיווידואַליזם מיט אינ־טים ־ פריי־היטליך ־ מעדיטאַטאָרישען טאָן, מיט יונגפּרויאישע מאַנירען.

פאַליק לערנער און פ. קאַטאָווסקי שרייבען סקיצען און דערצעהלונגען פון שטאָדטישען לעבען און אָרימקייט. אַהרן ווייצמאַן וועגען איינזאַמע מענשען. עליע ווערבלון, אַ פאַרכמורעטער מיט סאָ־ציאַלע מאָטיוועז, שלייפט מיט שפּאָרזאַמקייט קורץ־שורה'דיגע לידער פון מענשליכער דערשלאָגענקייט. א. קאָוואַל ברענגט אַריין אין סאָציאַלע מאָטיוועז אַ פאָלקסטימליכען פּאָעזיע ־ טאָן. צווישען פּראָ־דיע און פאָלקס־לידעריי פּרואווט זיך אויס אַ סך יאָהרען מיט לידלאַך א. סאַנדלער. בעלעטריסטישע אָנהויבען האָבען אויך געמאַכט איזי שאַפּיר און מימי פינזאָן; די לעצטע האָט זיך געווענדעט צו זשורנאַליסטיק. דעם קאַמף שילדערט קלמן פּאַרבער.

פון די אינגסטע שרייבער זענען די אָנזיכ־טיגסטע אַזעלבע, וואָס ווידמען זיך צו קינדער־לי־טעראַטור. שמואל פּיערט, דערצויגען אין אַן אַרגענ־טינער אַרבייטער־שול, געפינט אַרבייטער ־ מאָטי־ווען אויף טריט און שריט אין זיין אייגענער סביבה, צווישען עלענטע, אָרימע, זוכענדיגע קינדער (254).

---

252) „שפּראָצונגען“, לידער, 64 זייטען, י. 1930; „אונ־טער די שאָטענס פון „אמבו“, דערצעהלונגען, לידער און פּאָרטרעטען, 108 זייטען, י. 1936; „וועלט אין פלאַמען“, פּאָעמע, 26 זייטען, 1937.

253) „אני מאמין“, לידער, 22 זייטען, י. 1935; „פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אַלעמען“, פּאָעמע, 32 זייטען, י. 1938.

254) „שטערנדלעך“, 100 זייטען, י. 1935; „מענטשעלעך אויף פּאַפּיר“ (אַנדערע שטערנדלעך), 96 זייטען, י. 1937; „אין דעם לאַנד פון די כייעס“, 98 זייטען, י. 1938.

שמואל פיערט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קינד, וואָס דערצעהלט מיט אַ קינדישער פרימיטיווקייט, איינפאַך, פאַר זיינע חברים. ירדניה פיין, געבוירען אין בוענאָס־איירעס, קען דינען אַלס מוסטער פון אַזאַ נייעם דור, ביי וועלכען אידיש און שפּאַניש איז איינס: זי איז אַ יונגע געשולטע רעציטאַטאָרשע און פּרואווט אַריינברענגען די מאַניערליכקייט אין איהרע קינדער ־ דערצעהלונגען. דער טיכטיגסטער פון די אינגסטע לידערשרייבער איז זעליג מאַזור (255), וועלכער באַריהרט אין לידער טעמעס, וואָס ליגען פאַרן קינד'ס אויג; איז אָבער נאָך זעהר אָרים אין פערז־טעכניק, ריטם, פאָרם.

געוועזן אין פאַרשיידענע צייטען אַזעלכע שריי־בער, וואָס האָבען אַ סך געדרוקט, אָבער נישט גע־רופען די אויפמערקזאַמקייט, כאָטש זייערע דערצעה־לונגען אָדער לידער זענען געווען גלאַט געשריבען. צו זיי געהערט אויפן ערשטען פּלאַן ל. בעלגאָראָד־סקי, וועלכער האָט אַ סך דערצעהלט וועגען דעם גרויען מענשען, דעם אָנגעשטעלטען, וואָס ווערט ניט באַמערקט. י. פייערשטיין האָט פאַרעפענטליכט אַ סך סקיצען און מאָנאָלאָגען פון אַרגענט. לעבענס־שטייגער. משה ראַטושני, אַן אַרבייטסזאַמער אידי־שער און שפּאַנישער זשורנאַליסט, האָט געפּרואווט אַרויסגעבען ליטעראַרישע זשורנאַלען און אַליין שרייבען בעלעטריסטיק, איבערהויפּט פון פּראָווינץ. ה. שקאָלניק (256), איינער פון די ערשטע דער־צעהלער, וועלכער האָט פאַרדינסטען פאַר דער אַנט־

---

255) רעדאַקטירט דעם חודש'ניק „אַרגענטינער ביימע־לעך", פון סוף 1939.

256) „נור דורך אַ ליעבע", ה. שקאָלניק'ס דערצעהלונג — געדרוקט אינם זאַמעלבוך „דער פערטהיי־דיגער", אין 1913, וואָס איז געווען דאָס ערשטע אידישע ליטעראַרישע זאַמעלבוך אין אַרגענטינע — שטעלט פאַר די טראַגעדיע פון אַ נאַיוועז מיידעל, וואָס איז אַריינגעפאַלען צו אַ רופיאַן אין די הענט אַריין, ווייל זי האָט געוואָלט „נאָר אַ ליבע"; די דאָזיגע דערצעהלונג איז אַ מוסטער פון דער אומ־באַהאָלפענקייט פון די ערשטע אַרגענטינער בעלעט־ריסטען.

ווויקלונג פון די עלטסטע צייטשריפטען, האָט גע־פּרוואווט פאַרשטעלען דעם וועג פון די פּאַרפּיהרטע מיידלאַך. א טעמע וואָס איז לאַנג אין דער ארגענ־טינער בעלעטריסטיק שטארק עקספּלאָטירט געוואָ־רען. יוסף ליבערמאַן, א לייכטפעדערדיגער שפּאַני־שער שרייבער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען א פּאַרשער אין נאַטור ־ וויסענשאַפט און מחבר פון וויכטיגע שטודיעס, אין שפּאַניש, האָט געפּרואווט איבערצופלאַנצען אין אידיש די שפּאַנישע פּראַזעאַ־לאַגישקייט (257). און עס האָט געזוכט אַנזעהן יצחק פרידמאַן, א נאָוועליסט וואָס האָט צעהנדליגער יאָה־רען שטילערהייט געשריבען אין פּוילען נאָוועלען און אויף דער עלטער געפונען פּלאַץ צווישען איטשע מאיר וויסענבערג׳ס יונגע שרייבער, איז געקומען אין ב״א ארום 1929, האָט פאַרעפענטליכט א רייע נאָוועלען וועגען אָרימע מענשען, וואָס ארבייטען זיך שטילערהייט ארויף, און איז געשטאָרבען אין 1934, א פאַרשווייגענער. אין די לעצטע יאָרן שריי־בען: אסתר הדסה, ס׳רוב וועגען פרויען אין פאָרם אינטימען שמועס; נחמה מלמד, פאַרעפענטליכט א סך לידער, שטיף, גלאַט, וועגען עלענטע אר־בייטער־מיידעל, וואָס זוכט בעסערס. מאשע שטו־קער ברענגט ארוים אין איניגע לידער א לירישען, אייגענעם טאָן.

געוועזען אין ארגענטינע אזעלכע שרייבער, וועל־כע האָבען דאָ גערופען די אויפמערקזאַמקייט, אָבער ווען זיי זענען אוועקגעפאָהרען, זענען זיי אין זייע־רע נייע היימלענדער אַנטשוויגען געוואָרען. אבאַ קלינגער געהערט צו זיי — אויפן ערשטען פּלאַן. און דאָ קומט מ. פרומקין, איינער פון די ערשטע דיכטער, וואָס האָט באַשעהנט די פּיאָנערישע לי־טעראַריש ־ פּובליציסטישע צייטשריפטען, א לירי־קער (258), וועלכער האָט געשריבען לידער אויך וועגען צייט ־ געשעהענישען, ספּעציעל אויף נאַ־

(257 „אין יאָהר 50.000״, „ביכלאַך פאַר יעדען״, 24 זויי־טען, י. 1919.

(258 „לידער״, 96 זייטען, י. 1920.

ציאָנאַלע מאָטיוון (259). מיט א פּיינעם, לירישען, בערגעלסאָנ׳ישען טאָן אין דערצעהלונג, מיט קול־טור און אָפּגעשווינט אין באַצוג צום וואָרט, האָט זיך באַוויזען חיים גאָלדשטרייך, אַ אַרגענטינער מע־דיקער, וועלכער האָט זיך צוערשט אָפּגעטונקען אין דער חסיד׳ישער און אידישיסטישער ראָמאַנטיק. האָט אָנגעהויבען שילדערען דעם קאַמף, נאָר איז ראַשיג אריבער צו פּראָלעטאַרישער פּובליציסטיק און איז נאָכן פאַרלאָזען אַרגענטינע אַנטשוויגען געוואָ־רען (260). אינטעליגענטיש ־ קאָנצענטרירטע לי־דער האָט שעהן אָנגעהויבען חיים פוקס און פאַר־בענקט זיך נאָכן אידישען ליד אויך פון ארץ־ישראל (261). ווי עס ווייזט אויס, איז ניט פאַר איין שריי־בער מיט באַגאַבונג אַרגענטינע געווען גינסטיגער ווי אַן אַנדערע היים . . .

זעהר־גינסטיג איז געווען דער אַרגענטינער ישוב פאַר דער בעלעטריסטיק אין דעם פּעריאָד פון 1920 ־ 1930. די ווירקונג פון דער יונגער לי־טעראַטור אין אייראָפּע און אַמעריקע, מאַסען ־ איינוואַנדערונג און שנעל ־ אויפשטייגענדיגען לע־בען האָט אָנגערעגט דערצעהלער און דיכטער. די אַלגעמיינע ירידה ־ שטימונגען אין דער וועלט האָ־בען אָבער פריער ווי ערגעץ ־ אַנדערשוואו באַ־ווירקט דאָס יונגע וואָרט אין דעם נייעם ישוב. די בעלעטריסטען זענען אָדער אַריין אין זשורנאַליס־טיק אָדער אַריינגעפאַלען אין פּאַסיוויטעט. „אָנ־שטאָט ענטפּערען מיט נאָוועלען, דערצעהלונגען

259) מ. פרומקין איז אוועקגעפאָהרען קיין ארץ ־ ישראל. אבאַ קליגער וואוינט אין נאָרד־אַמעריקע.

260) דר. חיים גאָלדשטרייך איז אַריבערגעפאָהרען, בשעת דעם בירגער ־ קריג, קיין שפּאַניע, וואו ער האָט געדינט אַלס מעדיקער ביי די לאָיאַלע. נאָכ׳ן דורכ־פאַל פון בירגער־קריג אַוועק קיין מעקסיקע, וואו ער שרייבט אין אידיש וועגען געזונט־פראַגען.

261) חיים פוקס, וועלכער וואוינט אין ארץ ־ ישראל, דרוקט פון צייט צו צייט אידישע לידער — בלויז אין בוענאָס איירעס.

אָדער לידער ענטפּערען בעלעטריסטעז — מיט אַ שלעכטען זשורנאַליסטישען אַרטיקעל... די טאַלאַנ־טען זענען איינגעשלאָפען. דאָ און דאָרט פּראָוועט אַ דערצעהלער אָדער דיכטער ליטעראַטור ביחידות און „וואַגט" נאָך אַרויסצוקומען מיט אַ בוך. ס'איז אָבער געווען גענוג אַריינצוקוקען אין דער ליסטע פון די ניי־דערשינענע ביכער אין די יאָהרען 1939־1940, און מ'דערזעהט ווי עס וואַקסט — די ליטעראַרישע פּאַסיוויטעט" (262). די ירידה ־ שטימונגען פון היטלעריסטישען „בליץ ־ קריג" האָבען אומעטום אַריינגעבראַכט צעטומלונג און אַפּאַטיע, וואו ישו־בים זענען אינגאַנצען חרוב־געוואָרען און וואו זיי זענען בלויז מאָראַליש דערדריקט, און דאָס האָט זיך שנעל אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אַרגענטינער לי־טעראַרישען וואָרט. שווער צו געפינען רוה און קאָנ־צענטרירטקייט פאַר וואָרט ־ קונסט.

פון די געצעהלטע, וואָס האָבען זיך ניט גע־לאָזט באַהערשען פון דער ירידה, איז גאָלדע קרי־מער, וועלכע האָט אין משך פון אַ קורצער צייט פּרעזענטירט עטליכע ביכער. גאָלדע קרימער פאַר־בינדט דערצעהלערישקייט מיט רעפּאָרטאַזש, שיל־דערט די סביבה פון חולאים, וואָס זי האָט געזעהן. און קען מיט אַ לאַנגען אָטעם דערצעהלען ראָמאַנ־מעסיג דעראינערונגען, וואָס געהערען צו ברענענ־דיגער אַקטואַליטעט, ווי דאָס לעבען און ליידען אין דער רעאַקציאָנערער בעסאַראַביע, וואו די רו־מענער האָבען געשאָסען אויפ'ן פּאָלק פאַר יעדען חשד אין סימפּאַטיזירן מיט דער רעוואָלוציע (263).

דערפרייענדיג איז, וואָס בשעת דעם שטאַרק־קענטיגען אַראָפּגאַנג אין דער בעלעטריסטיק איז אויפגעקומען אַ פאַקטאָר, וואָס ווירקט געגען דער פּאַסיוויטעט און צייכענט אָן אַ נייעם וועג אין דעם אַרגענטינער אידישען געדרוקטען וואָרט. דער דאָ־זיגער פאַקטאָר איז — דער פופציג־יאָהריגער יובי־ליי פון ישוב.

262) „שאָ, עס שלאָפט די ליטעראַטור..."‚ ש. ר., „די אי־דישע צייטונג", 22 יולי 1940.

263) „צווישען קראַנקע", 127 זייטען י. 1937; „וואָס מיין פריינט האָט דערצעהלט", 98 זייטען, י. 1938; „בעסאַראַביע 1918", 269 זייטען י. 1940.

— XIII —

אויפֿן וועג צו וואָגיגער פּובליציסטיק און פֿאָרשונג

צוליבן יובל האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז צום אָרימסטען איז אין דעם אַרגענטינער געדרוקטען וואָרט די פֿאָרש - ליטעראַטור. די ערנסטע שרייבערייַ, וואָס שטיצט זיך אויף שטודיע און געשיכטע, אויף דאַטעס און ציפֿערען.

צום אָרימסטען איז אין אונזער וואָרט פֿאַרטראָטען די וויסענשאַפֿטליכע ליטעראַטור; אַזאַ איז ביזן יובל בכלל נישט געווען.

דער יובל האָט געצוואונגען צו מאַכען באַלאַנס פֿון אונזער לעבען. איז דאָס, וואָס איז פֿריער געווען נישט מעהר ווי אַ וואונש און „צוקונפֿט־מוזיק" (264), אין משך פֿון אַ קורצער צייט געוואָרען — פּראָגראַם, אַרבייט און אויפֿטו.

אויב עס' האָבען זיך פֿריער נישט איינגעגעבען אַלע רייד, צו פּרוּווען איינשטעלען אַ פֿאָרשערישען טאָן אין שרייבען — אויפֿן וועג צו ווי־סענשאַפֿט, תחילת צונויפֿזאַמלען מאַטעריאַלען פֿאַר פֿאָרש - ליטעראַטור (265) — האָט דער יובל געמאַכט דעם אָנהויב.

---

264) נאָך אין 1933 האָט דער „ייוואָ" אין בוענאָס־איירעס געפּלאַנט אַרויסצוגעבען אַ בוך שטודיעס וועגען ישוב; דער דאָזיגער פּלאַן ווערט פֿאַרווירקליכט ערשט אין 1941 מיט'ן אַרויסגעבען האַלב־יאָהריביכער, „אַרגענטינער ייוואָ־שריפֿטען".

265) די צענטראַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו ביים איוואָ אין בוענאָס־איירעס שטעלט איצטער איין די נויטיגע אַרכיוועו און לאַבאָראַטאָריע, וואו דער שרייבער זאָל לפּחות האָבען די מעגליכקייט זיך צוצוגרייטען פֿאַר פֿאָרשערישער אַרבייט.

די אַרגענטינער שוואַכקייט, צו דערמאָנען אויפטוער און אויפטועז דער'עיקר'שט ביי דער געלעגענהייט פון יובילייען, נעקראָלאָגען אָדער יאָהרצייטען, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויך אין דער באַציהונג צו דער ערנסטער פּובליציסטיק... מען האָט באַדאַרפט וואַרטען אַזש ביזן 50־סטען יאָהר פון ישוב, כדי צו איבערצייגען זיך, אַז עס פעהלט אונז און ס'איז אומגעהויער ־ נויטיג די פאָרש ־ ליטעראַטור (266).

אַ גרויסען אָנהויב אין דער ריכטונג האָט געמאַכט „די פּרעסע" צו איהר 20־יאָהריגען יובילײ (267), אַרויסגעבענדיג צו דער געלעגענהייט אַ גרוים זאַמעלבוך וועגען דעם פאָרשטעהענדיגען יובל פון ישוב (268), אַ זאַמעלבוך וואָס איז ביי דער גאַנצער נישט ־ עסטעטישקייט פון דער אויסגאַבע (269) און גרויסער צאָהל פון אומפאַרמיידליכע פעהלערען — אַ גרויסער ביישטייער פאַר דעם אידישען געדרוקטען וואָרט אין אַרגענטינע. צעהנדליגער שרייבער, די מעהרסטע פון זיי געוואוינט צו אייז־לענדיגער און אומגעדולדיגער טאָג ־ שרייבעריי, האָבען לאַנג און געדולדיג געאַרבייט, געזאַמעלט מאַטעריאַלען פאַר דער געשיכטע פון אידישען ישוב

---

266) „אַרגענטיניש", אַ זאַמעלבוך דערשינען אין 1933, האָט געוואָלט ווערען אַ טריבונע אויך פאַר פאָרשונגען. דאָרטען האָט דר. ל. זשיטניצקי געמאַכט אַ פּרואוו פאַר אַ שטודיע „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אידישען לעבען אין אַרגענטינע". דר. ל. זשיטניצקי האָט אין י. 1931 אַרויסגעגעבען אַ בוך „די פאַרלויפער פונם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם", וואָס האָט באַדאַרפט זיין איין בוך פון אַ סעריע, נאָר מעהר ווי „סען סימאָן" איז נישט דערשינען.

267) „אַרגענטינע, פופציג יאָהר אידישער אישעוו, צוואַנציג יאָהר „די פּרעסע", 690 זייטען, 1938.

268) דער 50־יאָהריגער יובילײ פון אַרגענטינער אידישען ישוב איז אויסגעפאַלען, נישט אין 1938, נאָר אין אויגוסט 1939.

269) דאָס זאַמעלבוך איז געדרוקט אויף צייטונגס־פּאַפּיר, איז דורכגעמישט מיט אַנאָנסען און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעלעפאָן־בוך.

און בייגעטראָגן פאַר דעם אָנהויב פון אידישער
פּאָרש ־ ליטעראַטור וועגן געזעלשאַפטליכען און
סאָציאַלען לעבען, וועגן ליטעראַטור און טעאַטער,
וועגן קאָלאָניזאַציע און איינוואַנדערונג, האַנדעל
און אינדוסטריע, קולטור און דערציהונג. דאָס בוך
„אַרגענטינע”, אַרויסגעגעבען פון „די פּרעסע”, איז
ביי אַלע אומווילינגע פּעהלערען און געוויסע טענדענ־
ציעזע אינפאָרמאַציעס אַ גרויס און וויכטיג האַנט־
בוך פאַר דער געשיכטע פון ישוב.

אַ וויכטיגע פאָרשונגס ־ אַרבייט איז דאָס זאַ־
מעלבוך געווידמעט בלויז דער אידישער קאָלאָניזאַ־
ציע אין אַרגענטינע (270), האָט אינספּירירט און
אַרויסגעגעבען די „דאַיאַ” („דעלעגאַציע פון אי־
דישע אינסטיטוציעס”) געזאָלט אַרויסגעבען גלייכ־
צייטיג איןביידע שפּראַכען, נאָר דערווייל איז אַרויס
בלויז דאָס בוך אין שפּאַניש (271) און פון אידי־
שען הערט מען נישט קיין גרוס . . .

סוף 1940 איז דערשינען דאָס „יובל־בוך”, אַי־
בערגעגעבען „די אידישע צייטונג” אַלס מתנה
צו איהר 25־יאָהריגען יובילייי און יובל פון ישוב.
אַ בוך אַרויסגעגעבען מיט די קאָלאָסאַלע מיטלען.
וואָס עס קען זיך פאַרגינען די פאַראייניגטע גע־
זעלשאַפט, וועלכע האָט געשאָנקען די מתנה אויף
דער איניציאַטיוו פון דער „איד. האַנדעלס־געזעל־
שאַפט” (ערשטע קאָאָפּעראַטיווע), וואָס פילט אַ
באַזונדערע דאַנקבאַרקייט צו „די אידישע צייטונג”,
ווייל איהר ווירקענדיגסטער רעדאַקטאָר, לוי מאָס,
האָט אינספּירירט, אַז די דאָזיגע פּאָפּולערע און
איינפלוסרייכע געזעלשאַפט זאָל געשאַפען ווערען.

---

270) „די קאָלאָניסטען, וואָס האָבען אַליין זייער ערד
באַאַרבייט, ווערען באַטראַכט ווי די אַריסטאָקראַ־
טען פון דעם אַרגענטינער ישוב. דאָס איז די אי־
דישע אַריסטאָקראַטיע פון אַרגענטינע, די אַריסטאָ־
קראַטיע פון דער ערד. זיי זענען דער שטאָלץ פון
גאַנצען דרום ־ אַמעריקאַנער אידענטום” — מאַרק
טורקאָוו: „אויף אידישע פעלדער” (אַ נסיעה איבער
די אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע), וואַרשע,
200 זייטען, י. 1939 — ז' 11.

271) “50 años de colonización judía en la
Argentina”, 330 págs. Bs. Aires, 1939.

דאס איז דער ערשטער פאל אין דער ארגענטינער אידישער געזעלשאפטליכקייט, וואס אנשטאט אויסגעבען געלט פאר א באעהרונג, „אויף א גראנדיעזען באנקעט", האבען הונדערטער אינסטיטוציעס בעסער פארוועגדעט זייער ביישטייער פאר א בוך, א פנקס, ארויסגעגעבען רחבות'דיג אין פארשיידענע הינזיכטען. דער געזעלשאפטליכער קאמיטעט האט געהאט פאר פרעזידענט דעם כלל־טוער חיים שווארץ און דאס בוך פאר דירעקטאר הירש טריוואקס, אויך א כלל־טוער. דאס „יובל־בוך" אנטהאלט בלויז אין דעם אידישען טייל 656 זייטען, ארטיקלען און עטליכע גרינטליכע מאנאגראפיעס, וואס איניגע פון זיי זענען פאר זיך אליין גרויסע ביכער, א רעזולטאט פון לאנגער ארבייט. דאס וויכטיגסטע פון „יובל־בוך" איז דאס, וואס אין די הויפט־ארבייטען איז מעהר ווי אויף דער כראניק געלייגט געווארען דער טראפ אויף דער איינשטעלונג, אויף דעם כאראקטער, אויף דעם אונטערציה. און אזוי ארום באקומט מען א בילד פון די וויכטיגסטע אידישע באוועגונגען און אויפטוהען אין לאנד. דאס „יובל־בוך" שטייגט אריבער אלע פארמעסטונגען ביז 1940 — פאר דער געשיכטע פון אידישען לעבען און שאפען אין ארגענטינע.

דער יובל פון ארגענטינער ישוב האט, אזוי ארום, געגעבען א שטויס צו דעם סאמע ־ עלענטסטען געביט פון אונזער געדרוקטעןווארט.

די אידישע קאלאניזאציע איז אין דער וואגיגער פובליציסטיק געוועזן די פריווילעגירטסטע. מיט ציפערען און דאטעס, אפערירענדיג מיט געשיכטע, האט מען אפערירט אין דער שרייבעריי כמעט בלויז איבער קאלאניזאציע. די זכרונות פון נח קאצאוויטש (272) און ישראל פינגערמאן (273), כאטש נישט ארויסגעגעבען אין ביכער, אנטהאלטען א שלל פון היסטארישען מאטעריאל און שטעלונגען, וואס ווי דיסקוטירבאר זיי זאלען זיין, צוליב זייער „צדדימ'דיגקייט", געהערען זיי צו דער ווא־

---

272) געדרוקט אין מאזעסווילער וואכענבלאט „די טריבונא", י. 1932.

273) געדרוקט אין „די אידישע צייטונג", י. 1927.

גיגער פובליציסטיק, וואס פארדינט צו ווערן פאר־פיקסירט אין ביכער. מיט געשיכטליכער דערפאה־רונג, ציפערן און דאטעס, אפערירט דער קאלא־ניסטישער טאנגעבער שמואל יואל הורוויץ (274). נחום קריטשמאר, מאיר בורסוק און אפילו אזעלכע נישט ־ פארשערישע ליבהאבער ־ זשורנאליסטן, ווי ברוך רעכאוויצקי (275), ב. שליפער, יונה קא־ווענסקי, ברוך הויכמאן, ב. רעזניק, האבן ביים שרייבן וועגן קאלאניזאציע זיך סומך ־ געווען אויף מאטעריאלן, נישט בלויז אויף פעליעטאנים־טישע מיינונגען, אויף וועלכע א סך זשורנאליסטן שטיצן זיך. דער פאפולערסטער און געלייענט־סטער פון די קאלאניסטישע זשורנאליסטן איז יצחק קאפלאן, א סך יארן רעדאקטאר פון „קא־לאניסט קאאפעראטאר", א שרייבער מיט א באלע־באטישן, פאמיליארן טאן, רוטינירט, אפט מיט א אידישן ווערטל, משל, פסוק, אין אלטן סטיל, זעהר א פראקטישער מענש, מיט פיינער אידישער שכל'דיגקייט.

אין בוענאס־איירעס האבן אבער שרייבער אר־בייטער ־ טוער נישט אזוי געשריבן וועגן זייער פראפעסיע און סינדיקאלן קאמף (276). דער קאמף

---

274) „קאלאניע לוסיענוויל", 37 יאהר אידישע קאלא־ניזאציע, 142 זייטן, י. 1932. ש. י. הורוויץ האט מיטגעארבייט אין ווילנער „ייווא־בלעטער".

275) ברוך רעכאוויצקי, געשטארבן אין 1931 אין על־טער פון 34 יאהר, איז פון מאזעסוויל ארויסגעוואק־סען ווי א פיהרער פון דער ראדיקאלער קאלאניס־טישער יוגענט. נאך זיין טויט האט „פראקאר" ארויס־געגעבן א „בארוך רעכאוויצקי בוך", 180 זייטן, יאהר 1932.

276) דער איינציגער פרואוו איז געמאכט געווארן אין א בראשור פון א. וועקסמאן, „דער אידישער שניי־דער־ארבייטער אין ארגענטינע", 22 זייטן, י. 1917. האלץ ־ אינדוסטריאל", א חודש ־ זשורנאל מיט א סך מאטעריאל וועגן פאבריקאטען, פאברי־קען און פאבריקאנטן, רעדאקטירט פון ג. סא־פאזשניקאוו. דאס איז כאראקטעריסטיש, ווייל נאך דער קליידער ־ אינדוסטריע איז די מעבעל־

פון די אידישע אַרבייטער אין זייערע אָרגאַנען איז ס'רוב אָנגעפיהרט געוואָרען פון פּאַרטיי־לייט, ווי חיים ראָזען, וו. דיקלער, י. צודיקער, וועלכע האָבען קיין שום פאַך נישט פאַרטיידיגט, אחוץ דעם פּאַרטיי־פאַך... דאָס איז די סיבה, וואָס די שטרעבונגען פון די טויזענטער שניידער, סטאָליערס און אַנדערע בעל־מלאכה'ס זענען קיינמאָל נישט אָפּגעשפּיגעלט געוואָרען אין געדרוקטען וואָרט דורך זאַכליכע, גרינטליכע באַהאַנדלונגען און האָבען בלויז געדינט פאַר די אַגיטאַטאָרען אַלס מאַטעריאַל פאַר אויפרופן, מיט פוסטע ווערטער, וואָס ווערן אָנגערופען אין דער שפּאַנישער זשורנאַליסטיק „ווערטער פון טיש"... געווען אין בוענאָס־איירעס אַ היי־מעל־מאַכער־באַוועגונג, נאָר אויסער די אַלגעמיינע, גאָרנישט ־ זאָגענדיגע אויפרופען ווייסט מען פון איהר גאָרנישט, ווי מ'קען זיך אין ערגעץ נישט באַקענען מיט דער געשיכטע פון דעם אידישען „שניידערטום" אין לאַנד, מיט די סטאָליער, מוליער און אַנדערע עהנליכע געביטען, וואָס האָבען פאַרנומען אַ גרויס פּלאַץ אין אידישען לעבען.

דאָס בעסטע מזל האָט געהאַט, נאָך דער קאָלאָניזאַציע, די ליטעראַרישע פּובליציסטיק, די קריטיק, די ליטעראַטור־ און טעאַטער ־ פּראָבלעמאַטיק, אָנגעפיהרט אין דער ערשטע עפּאָכע פון פּ. כ"ץ, י. מענדעלסאָן און אין דער צווייטער עפּאָכע פון י. באָטאָשאַנסקי, ל. מלאָך, ה. בלאָשטיין, דר. זשיטניצקי, ש. ראָזשאַנסקי און לעצטענס טראָגט ביי. ספּעציעל פאַר טעאַטער ־ פּובליציסטיק, דוד ליכט.

צו דער ליטעראַרישער פּובליציסטיק דערנעהענטערט זיך דער זשאַנר פון רייזע ־ באַשרייבונגען, צו וועלכער עס האָבען בייגעטראָגען, אויסער די שוין דערמאָנטע, אויך שרייבער פון זייערע געזעלשאַפטליכע טורען, ווי מ. רעגאַלסקי (277), דר. משה

אינדוסטריע דער אידישסטער פאַך אין בוענאָס־איירעס. הונדערטער אידישע סטאָליער־אַרבייטער זענען געוואָרען מעבעל־פאַבריקאַנטן, אייניגע פון זיי שטאַרק־אָנגעזעענע. „דער האָלץ־אינדוסטריאַל" האָט אָנגעהויבן דערשיינען סוף 1940.

(277 „וואָס איך האָב געזעהן אין ארץ־ישראל", 160 זייטען, פאַרלאַג „עבודה", י. 1936.

מערקין, משה שענדעריי, יוסף לוצקי (278), און עם האט זיך אויף דעם געביט אויסגעפּרואווט יעקב גאווינאַסער, וועלכער האט פריער געשריבען סענטימענטאַלע פּראָזע מיט שפּאַנישער פּראָזעלאָגישקייט (279), פּ. דונאַיעווסקי (280), און מעהר פון די אַלע האט גערופען די אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע רייזע - באַשרייבונגען, פון פּאַרוואָרפענע ווינקלען פון צענטראַל - אַמעריקאַנער לענדער, י. פּאַרישעווסקי, פּריצייטיג איינער פון די מעהרערע אַנטשווינענע שרייבער. פון די, וועלכע האָבען געשריבען אידיש און זענען נאָכדעם אַוועק אין גאַנצען צו שפּאַניש, איז דער איינציגער אַנגעזעהענער: שכנא רעזניק, אַ פּאַרדינסטפולער איבערזעצער פון אידישער ליטעראַטור און רעדאַקטאָר פון אַן איינגעפונדעוועטען חודש - זשורנאַל, „כודאַיקאַ״, וואו דאָס אידישע שאַפען פאַרנעהמט דעם אויבענאַן.

אַלגעמיינע פּובליציסטיק האָט אין אונזער גערדרוקטען וואָרט געהאַט ספּאָראַדישע אויפבליצען. מיטן פאַרלירען יעקב יאָסעלעוויטש'ן האָט די באַלעבאַטישע פּובליציסטיק פאַרלוירען איהר פאַנענטרעגער. יאָסעלעוויטש איז געווען דער ערשטער פון די אַרגענטינער זשורנאַליסטען, וועלכער איז אַוועק ווייטער פון זשורנאַליסטיק, האָט זיך מיושב'דיג פאַרטיפט אין צייט - פּראַגען און אַריינגעדרונגען אין פּראָבלעמען. די צייטונג - שרייבער ווערען צעברעקעלט אין די צייטונגען. און די, וועלכע ווערען נישט אַריינגעצויגען אין צייטונגען, האָבען ניט קיין אויסדויער. איז יאָסעלעוויטש געבליבען אַ יחיד־במינו.

בלויז דער בעלעטריסט האָט אין אַרגענטינע זיך דערוואָרבען דאָס רעכט צו „מעגען״ זיין „אַ פרייער פויגעל״ אומאָפּהענגיג פון צייטונגען. דער פּובליציסט האָט נישט געהאַט די דאָזיגע פּריווי־

---

278) יוסף לוצקי'ס בוך, 1938, איז אויך פון אַ רייזע איבער ארץ־ישראל; כאַראַקטעריסטיש, וואָס די רייזע־באַשרייבונגען פון א״י, ווי ש. פרייליאַכ'ס, מ. רעגאַלסקי'ס און לוצקי'ס, זענען גיכער און לייכטער ווי אַלע אַנדערע שריפטען דערשינען אין בוך־פאָרם.

279) „האַרייזאַנטן״, 100 זייטען, אַלבום־פאָרמאַט, י. 1927.

280) „פּאַריז, וואָס איך האָב געזעהן״, 72 זייטען. י. 1927

לעגיע. אין די באַדינגונגען פון ישוב האָט גע־
הערשט אין געדרוקטען וואָרט די איינשטעלונג:
„אַ ד ע ר דאָ, אַ ד ע ר דאָרטען”. און דעם
פובליציסט האָט געפעלט די עקשנות, דער אויס־
דויער. דאָס איז די סיבה, וואָס דער פעהיגער יש־
ראל מאַקראַנסקי, וועלכער האָט זיך אין ערגעץ ניט
צוגעטוליעט, „מעג זיין צופרידען”, ווען ער קריגט
אַן איבערזעצונגס־אַרבייט, כאָטש ער איז פעהיג
אויף עפּעס מעהר. אַן אויסנאַהם איז י. האָרן, אַ
זשורנאַליסט מיט ליטעראַרישען טאָן און קולטוריס־
טישער באַציהונג, מיט פרעפערענץ פאַר ליטעראַ־
טור־ און קולטור־פראַגען, מיט בענקשאַפט צו דער
שפע און קולטור־דאָרשט אין דער אַלטער היים,
מיט ראָמאַנטישער דביקות און וועהטאָג פאַר דער
קולטור־פאַרוואָרלאָזטקייט, אַנטקעגען וועלכער ער
רופט, מאָנט און איז צודרינגליך מיט טענות.

דאָס פעהלען פון אויסדויער איז די סיבה,
וואָס אַזעלכע אינטעליגענטע ציוניסטישע פיהרער
ווי נחמן געזאַנג (281) און דוד לאָמאָנאָסאָוו, וועל־
כע האָבען געשריבען געלעגענהייטליך אַ סך פובלי־
ציסטיק, האָבען פונדעסטוועגען נישט באַקומען קיין
אייגען אויסזעהן פון פובליציסטען. אין פאַרשיידענע
פראַקציעס פון ציוניסטישען לאַגער שרייבען אָפט
זשורנאַליסטיק: מרדכי ראַזאָווסקי (מיט לומדות),
יהודה גלאַזמאַן (פראָפּאַגאַנדירט פאַר׳ן קהילה־גע־
דאַנק), מ. קאָסטרינסקי (וועגען קולטור־פראַגען),
א. לוצקי, דר. י. דאָם, צבי שוואַרץ (וועגען פראָ־
דוקטיוויזאַציע), מרדכי מיידאַניק און די שליחים
דר. א. ש. יורים, א. מיבאַשאַן און י. העלמאַן.

עס פעהלט אויך אויסדויער אויף דעם געביט
פון איבערזעצונגען. געווען אַ סך איבערזעצער,
אָבער געצעהלטע האָבען עס באַטראַכט ווי אַ באַרוף,
ביי וואָס מ׳דאַרף בלייבען און מיט וואָס מ׳דאַרף זיך
עלטערען... אחוץ די פראָדוקטיווע צייטונגס־אי־
בערזעצער, ווי י. מענדעלסאָן, פ. כ״ץ, וועלכע פאַר־
דינען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט (282), האָ־

(281) „דער חובבי ציוניזם און דער פּאָליטישער ציוניזם”,
אר. „הנוער הציוני”, 46 זייטען, י. 1937.

(282) י. מענדעלסאָן האָט איבערגעזעצט אַלבערטאָ גער־
שונאָוו׳ס וויכטיגסטע ווערק, הגם אָהן גערשונאָוו׳ס
שפּילעוודיגקייט פון וואָרט; פ. כ״ץ האָט איבערגע־

בען אַ סך איבערגעזעצט יעקב סעגאַל און איבער־הויפּט יצחק איסאַקסאָן (283), און געווען אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבען איבערגעזעצט, נאָר קיין אויסדויער נישט אַרויסגעוויזען, פאַר אַ מיסיע דאָס ניט באַטראַכט. איבערקלייבעריש, מיט אַמביציע פאַר שפּאַנישער ליטעראַטור, האָט י. אַקסענצאָוו איבערגעזעצט עטליכע ביכער (284). יצחק גלאַזער, וועלכער האָט זיך אויסגעפּרואווט אין פּעליעטאָן (285), האָט איבערגעזעצט סענסאַציאָנעלע ווערק (286). צו די אַרבייטסזאַמסטע איבערזעצער האָט געהערט ה. קראַסילאָווסקי (287). פון די נייע זעצט איבער מיט ליבע חיים בראַקאַזש. נאָר דאָס בעס־טע מזל צום פאַרלאַנגס־וועזען האָבען געהאַט איבער־זעצונגען פון סאָציאַלער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבען פון ראַציאָנאַליסטען, צווישען וועלכע יונה גאָראָ־דיסקי, אַ פיינשמעקער, איז געווען דער טיכטיגס־טער איבערזעצער, באַגלייט פון י. בירנבוים און א.

זעצט פונדאַמענטאַלע ווערק פון דער אַרגענטינישׂ־שפּאַנישער ליטעראַטור; די דאָזיגע ווערק וואָלטען באַדאַרפט דערשיינען אין בוך־פאָרם.

283) איסאַקסאָן, שטאַרק אַריינגעלייענט אין נייע ביכער, מאַכט אַ סך איבערזעצונגען פון נישט־אידישע ליטעראַטורען. יצחק איסאַקסאָן איז דער מחבר פון גוט־אינפאָרמאַטיווען בוך „עסייען און קריטיק“, 205 זייטען, י. 1933, אַ בוך מיט אַ סך ידיעות וועגען אַ רייהע באַריהמטע ניט־אידישע קינסטלער.

284) (284 „גאַוטשאָס“, דערצעהלונגען און בילדער פון כאַוויער דע וויאַנאַ, 190 זייטען, י. 1925; „פּרעלו־דיעס פון קאַמף“ פון פ. פּי אי אַרסואַגאַ, 96 זייטען, י. 1928; „קורצע דערצעהלונגען“ פון ראַפאַעל באַר־רעט, 88 זייטען, י. 1929.

285) דער פּעליעטאָניסטישער זשאַנר איז געווען דער באַליבטסטער פאַר אַ רייע שרייבער, וועלכע האָבען געוויזען זייער וויזיט ־ קאַרטע און זיך צוריקגע־צויגען, ווי ה. זאַכאַק, י. לינקאָווסקי און אַנד.

286) האַנס דאָמיניק: „די מאַכט פון דריי“, 212 זייטען, י. 1926, אַר. „די איד. צ.“; מ. ע. ראַוואַזש: „די 5 פראַנקפורטער“, די געשיכטע פון דער פאַמיליע ראָטשילד, 272 זייטען, י. 1932, פּ׳ ג. קאַפּלאַנסקי.

287) אַ. עליאַשבערג: „דער רב און די געפאַלענע“, 200 זייטען, יידיש פון ה. קראַסילאָווסקי, י. 1935.

י. זאַקוסקי (288). פאַרטיי־גרופּעס, פאַר'עסק'טע אין געזעלשאַפטליכע אַקציעס, האָבען איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבען אין בוך־פאָרם פּאָליטישע און מעהרסטענס אויפקלעהרערישע פאַרטיי־ליטעראַטור, אָפט אויך איבערגעדרוקט פון אויסלענד. אויסגאַבעס (289). און, רעדענדיג וועגען שרייבער פון אויסלאַנד, איז גוט צו דערמאָנען, אַז כאָטש אין אַרגענטינע זענען נאָך לחלוטין נישטאָ קיין ליטעראַטור־פאַרלאַגען, זענען פונדעסטוועגען דערשינען אין בוענאָס־איירעס ביכער פון אויסלענדישע שרייבער, פון אַ. ש. יורים (290) און זלמן זילבערצווייג (291) אויפן ערשטען פּלאַן.

דאָס, וואָס די צייט האָט אָנגערעגט דעם געדאַנק, אַז מ'דאַרף אָנקניפּען קולטור ־ באַציהונגען

---

288) „די מאָדערנע שול" פון פראַנציסקאָ פעררער אי גוארדיא, 198 זייטען, י. 1929; „די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט און דער אַרבייטער־קלאַס" ז' 168, י. 1930. — אַרויסגעגעבען דורך דער „בוך־געמיינשאַפט ביי דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט און אַנדערע וויכטיגע ביכער, אַרויסגעגעבען פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

289) דאָס איז ספּעציעל שייך צו קאָמוניסטישער פּאָלעמיק אָדער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. אין אַלגעמיין ווערען אין די לינקע קרייזען לייכטער אַרויסגעגעבען ביכער מכל המינים ווי אין רעכטען לאַגער. אַזוי איז אין י. 1939 דערשינען אַ „מענדל פּשעפּיורקע־בוך", 134 זייטען. פּשעפּיורקע איז געווען דער באַגאַבטעסטער און אינטעליגענטסטער זשורנאַליסט פון קאָמוניסטישען לאַגער, וואו ער איז געווען אין 1923־1924 דער פיהרער. אַלס „אָפּגעשפּאָלטענער" האָט ער אָבער זיך פאַרלוירען אין פּראָלעטאַרישער פּראָזעאָלאָגיע, אַוועקגעבענדיג זיין טאַלאַנט אויף שרייבעריי אין גייסט פון אַ פּשוט'ען לאַנדסמאַנשאַפט־זשורנאַל... פּשעפּיורקע איז געשטאָרבען אין י. 1934 צו 39 יאָהר, אַ פאַרשוויגענער.

290) „פון שפּראַך־בבל צו שפּראַך ־ איינהייט", 103 זייטען, י. 1928, אַר. „קולטור־צענטער ח. נ. ביאַליק".

291) „אַברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ", 188 זייטען, י. 1936; „טעאַטער־פיגורען", 160 זייטען, יאָהר 1936.

מיט די שאַפונגען פון לאַנד, האָט אינספּירירט אַז
איניציאַטיוו, צו שאַפען אַ פאַרלאַג, וואָס זאָל אַרויס־
געבען שפּאַנישע ליטעראַטור אין אידיש און אידי־
שע ליטעראַטור אויף שפּאַניש. לשם קולטור ־ אויס־
בייט. דאָס געהערט אָבער נאָך צו דער סעריע פון
גוטע וואונשען. דאָס באַקענען זיך מיטן לאַנד, זיין
געשיכטע און קולטור געהערט ביז איצט צו דער אַר־
בייט, וואָס עס טוען שרייבער אין די צייטונגען, און
אין דער ריכטונג זענען לעצטענס געמאַכט געוואָרען
באַדייטענדיגע פאָרשריטען, געשטיצט אויף טיפע־
רער באַקענונג, אין וואָס עס מערקט זיך אַן אָנהויב
פון פאָרשונגס ־ אַרבייט. אויף דעם געביט טיילט
זיך אַרויס ב. לעווין, וועלכער האָט נאָך אַ קורצען
זיין אין לאַנד גענומען שרייבען אין שפּאַניש וועגען
דער געשיכטע פון די אידען אין די לאַטיין ־ אַמע־
ריקאַנער לענדער און טוט דאָס לעצטענס שוין אויך
אין אידיש, אַרויסווייזענדיג נישט אַזוי שעהן־שריי־
בערישקייט ווי בקיאות און אַ ווילען זיך צו שטי־
צען אויף דאָקומענטען.

אַחוץ די יובילייִ ־ געלעגענהייטען האָט דאָס
ערנסטע געדרוקטע וואָרט דערווייל נאָך קיין שום
אויסזיכט נישט אויף וואָס זיך צו שטיצען. קיין
ליטעראַרישע פּרעמיעס זענען נישטאָ; קיין פאַרלאַ־
גען אויך נישט; און נישטאָ דערווייל קיין ספּעציע־
לע זשורנאַלען אָדער זאַמעלביכער, וואָס זאָלען
דערמעגליכען, אַז ערנסטע שרייבערישע אַרבייט זאָל
האָבען אַן אָפּגאַנג. געוועזן אינטעליגענטען, געזעל־
שאַפטליכע טאָנגעבער, גלייכצייטיג אויך שרייבער,
ווי אינזשיניער י. אָקון (292), שפּעטער אינזש. י.
זיגער (293), וועלכע סטימולירען צו שאַפען סביבה

292) אַרום 1925 ־ 1927. געגרינדעט „בילדונג און אַר־
בייט", פאַר סאָציאַל ־ דעמאָקראַטישער פרישער אימי־
גראַציע. האָט רעדאַקטירט אַ צייטשריפט. געווירקט
אין „פאָלקס־טעאַטער".

293) ראַדיקאַלער זשורנאַליסט. גרינדעט פאַרלאַג „אַר־
גענטינע", וואָס גיט אַרויס פון 1940 דאָס וואָכענ־
בלאַט „די פאָלקס שטימע" און זאַגט צו אַרויסצוגע־
בען ביכער. די זשורנאַליסטען פון דעם דאָזיגען
לאַנער, איינציגע שרייבער לשמה, זענען: זיגער, דר.
דרוקאַראָוו, דר. מ. מייעראָוו, ש. זאַקס, אַ. מאַר־
גאָלין, ש. וואַסערמאַן, י. שמערקאָוויטש, י. פּישמאַן.

פאַר גייסטיגער אַרבייט. מיט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע זענען באַשעפטיגט אויך די קולטור ־ אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זוכען די בכורה איבערן שריפטשטעלער און בוך, ווי דער „איקוף“ און די „ציקאָ“, צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילען זיין קולטור־צענטראַלעס. (294). נאָר ווייטער פון לאָזונגען האָט דאָס אַלץ דערווייל נישט אָוועקגעפיהרט. אמת, אויך גוטע לאָזונגען זענען קיינמאָל נישט איבעריג. מיט לאָזונגען אַליין קען מען אָבער ווייניג וואָס דערגרייכען. נאָר גוט אויך אַן ערנסטע אַטמאָספערע. דאָס איז אַ הילף פאַר דעם געדרוקטן וואָרט. און אַ הילף איז געווים די שול־אַרבייט און אַרום איהר די פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור (295), וועלכע הויבט דעם אינטערעס פאַר'ן געדרוקטען וואָרט, פאַר'ן שרייבער און שאַפט קולטור־פּעריפעריע. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך אין צושטאַנד פון יוירען און אויספורעמען זיך.

---

294) „איקוף“ עקזיסטירט פון 1937, זאָגט־צו פארלאַגס־ארבייט, נאָר אין די ערשטע דריי יאָהר נישט געגאַנגען ווייטער פון סעקטאַרישער אַגיטאַציע אין 1940 אָנגעהויבען אַרויסגעבען „איקוף“-זשורנאַל. „ציקאָ“, געגרינדעט אינמיטען 1940, האָט אָנגעהויבען מיט אַ חודש'ניק, „ציקאָ־בלעטער“, די ערשטע נומערען זענען דערשינען רעגעלמעסיג, און „ציקאָ“ זאָגט-צו ראשית־כל צו פאַראייניגען פּראָגראַמען פון וועלטליכע שולען און אַרויסגעבען לאַרנביכער.

295) די ערשטע אידישע לערנביכער פאַר אָנפאַנג־גראַדען, און דאָס זענען די איינציגע ביכער, פאַר וועלכע בוכהענדלער האָבען באַצאָהלט בכבוד'יגען האָנאָראַר, האָבען פאַרפאַסט ב. העלער־ראָזע (י. טקאַטש), אביגדור שפּריצער און זלמן וואַסערצוג, י. גאָלדשטיין, און עס ווערען געגרייט, אונטער דער ווירקונג פון די נייע רעגירונגס ־ דעקרעטען, פאַרשיידענע לערנביכער פאַרן פּראָגראַם פון „פּאַטריאָטישע לעקציעס“. פאַר פּראָגראַמאַטישקייט אין שולוועזען, איז כדאי דאָ אָנצומערקען, האָבען אַ סך ביינעטראָגען: פריער טוביה טופּיאש, געשטאָרבען יונגערהייט אין אָוועזשאַנערא אין 1934, און לעצטענס דר. י. יאַנופּסקי אין דער שול־אָרגאַניזאַציע פון ענטרע־ריאָס.

— XIV —

פארמען און אויספורעמונג

אויסגעפורעמט איז שוין די אידישע זשורנאַליסטיק אין ארגענטינע. זי האט א קאנקרעטען ציל: שטארקען דאס געזעלשאפטליכע לעבען. זי זוכט צופרידענצושטעלען די געזעלשאפט מעהר ווי דעם לייענער. זי האט מעהר אמביציע אנצופיהרען מיט דער געזעלשאפט ווי מיטן לייענער. אזוי ווי די אידען טיילען זיך נישט ארוים אלס אידען אין דעם פאליטישען לעבען אין לאנד, זוכט נישט דאס צייטונגס־וועזען קיין ספעציעלע צוציהונגס־קראפט אין דער פאליטיק, נאר געפינט דעם גרעסטען אינטערעס — אין דער אידישער געזעלשאפטליכקייט. דורכן געזעץ פון קאמפענסאציע באקומט די געזעלשאפטליכקייט פון אלע געביטען און קאלירען דעם אויבענאן אין דעם אידישען געדרוקטען ווארט. די חשוב'סטע זשורנאליסטען ווערען דעריבער באטראכט ווי די חשוב'סטע געזעלשאפטליכע טוער. דאס ווארט געהט געארעמט מיט געזעלשאפטליכע מיסיעס. פון דעם נעהמט זיך, וואס די געזעלשאפטליכקייט פיהלט זיך ביים געדרוקטען ווארט אויף קעסט. און דערפאר האט מען פאראיבעל, ווען דאס געדרוקטע ווארט באציהט זיך א מאל צו־שטרענג צו דער געזעלשאפטליכקייט.

— „איהר קוילעט דאך אונז!“ — זאגט מען צו א שטרענגען קריטיקער.

אזעלכע טענות צום געדרוקטען ווארט האט אויך דאס טעאטער, ווייל דאס טעאטער באטראכט זיך פאר א טייל פון דער קהל'שער געזעלשאפטליכקייט.

אט דערפאר, ווייל מען באטראכט דאס טעאטער, און דאס טעאטער באטראכט זיך, פאר א טייל פון דער קהל'שער געזעלשאפטליכקייט, באציהט זיך אפטמאל דער שרייבער צו דער בינע און צום שוישפילער — מיט רחמנות — ווי צו א פילאנטראפישער אינסטיטוציע . . .

די זשורנאליסטיק — און בכלל דאס שרייבער־

טום פון די צייטונגען — פיהלט אויף זיך די מיסיע, צו אָריענטירען און העלפען וואקסען דאָס קאָלעקטיווע לעבען אויף אַלע געביטען, קודם־כל אויפן אָרט, דורך דער אידישער דערציהונג און דורך דער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, דורך עקאָנאָמישען לעבען אויפן קאַמף און אין שטאָדט, דורך דער ליטעראַטור, דורכן טעאַטער און אין אַלגעמיין, „פאַרן אידישען כבוד", אויב דאָס קען זיך אימפאָנירען אין די אויגען פון די אידען און קריסטען.

אַזא צילבאַוואוסטקייט האָט דאָס ליטעראַרישע וואָרט אין אַרגענטינע נאָך נישט דערגרייכט. דעם בעלעטריסט איז שווערער צו ווערען פאַרברידערט מיטן נייעם ישוב ווי דעם זשורנאַליסט. מיט דעם דערקלעהרט זיך, וואָס עס זענען געווען אין אַרגענטינע אַ לענגערע צייט טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען זיך געוואָלט פאַרברידערען מיטן נייעם היימלאַנד און האָבען נישט באַוויזען. ז. ברכות און ב. לאַפין פאַר דער נייער אימיגראַציע פון דער ערשטער מלחמה און משה אַלטמאַן אַרום 1930, וועלכע האָבען אין געדרוקטע וואָרט אין אַנדערע ישובים אָנגעצייכענט זייערע אייגענע טריט, זענען אין אַרגענטינע גיך פאַרגעסען געוואָרען. דער ליריקער משה אַלטמאַן האָט דאָ געשריבען אַ סך, נאָר נישט אַ סך'עדיג: ער האָט דעם ישוב נישט דערשפּירט און דער ישוב האָט איהם נישט דערשפּירט.

דאָך האָבען זיך דורך דעם ליטעראַרישען וואָרט אַרויסגעשיילט פאַרשיידענע שרייבער־קאָנטורען, אויך געשטאַלטען מיט אייגענעם כאַראַקטער, אין די ראַמען פון די נייע שטימונגען, מיליע, איבערלעבונגען, אומרוהען.

נאָך נישטאָ אַן אַרגענטינער אידישע ליטעראַטור, אויף וועלכער מ'זאָל קענען אָנווייזען, אַז זי שפּיגעלט אָפּ דאָס אַרגענטינער אידיש לעבען אין זיין גאַנצען אומפאַנג. עס איז אָבער שוין דאָ אידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע, אַ רייע אידישע שריפטשטעלער מיט אייגענעם אויסזעהן און צומאָל מיט אייגנאַרטיגען כאַראַקטער און טענדענ

צען, אויפן וועג צו פּערזענליכקייט.

נאָך נישטאָ קיין דעפינירטע ליטעראַרישע שולען אין דעם אַרגענטינער אידישען וואָרט. יעדער איינער האָט זיך פּאַרקוקט אויף זיין ליבלינג, אויף אַ שרייבער פון נעכטען אָדער היינט — „אַהינצו". אין אויסלאַנד. אויב ס'האָט באַהערשט אַ ריכטונג. אַרום 1927 - 1931, אונטער דער ווירקונג פון ראַטענלענדישער העגעמאָניע, איז אויך דאָס געווען אַ פאַרבייגעהענדיגע דערשיינונג. די אַרגענטינער בעלעטריסטען זענען אַלע געגויגט צו נעאָ - רעאַליזם. דער רוף פון דער ליטעראַרישער קריטיק, צו זעהן און שילדערען דאָס לאַנד און דאָס לעבען. וואָס אַרום זיך, האָט געפיהרט צו רעאַליזם. מיטאַרבייטענדיג אין צייטונגען, האָבען די שרייבער געזוכט צו זיין פאַר אַלעמען פאַרשטענדליך און פון דעם נעהמט זיך דער דראַנג צו קלאָהרקייט. און, אַזוי ווי אַלע שרייבער זענען גענייגט צו פּראָגרעסיווע אידייען — עס זענען פּראָגרעסיוו אין שרייבען אַפילו די דאָזיגע בעלעטריסטען, וועלכע זענען אין פּריוואַטען לעבען ווענינ וואָס פּראָגרעסיוו — איז שטאַרק קענטיג אַ קולטוריסטישע באַציהונג. אַפילו די נאָכלעסיגסטע אין שרייבען הערען זיך צו צום נייעם אידיש און באַמיהען זיך צו זיין אין אידיש וואָס - מאָדערנער. דער נאָרד - אַמעריקאַנער יונג - אידיש האָט געווירקט נישט ווענינער ווי דער אומרוהע פון דער פּוילישער דיכטונג און דער סאָוועטישער סאָציאַלער נוסח. נאָר שטאַרקער ווי אַלץ איז קענטיג דער אַרגענטינער סענטימענטאַליזם אינטערפּרעטירט דורך אימיגראַנטישער בענקשאַפט. די אַרגענטינער שרייבער האַלטען זיך פעסט ביי דער ערד, ביי דער שטוב, ביי דער פאַבריק און, אויב איינינע האָבען שוין סימנים פון פליגלען, האָבען זיי אָבער נאָך די פליגלען נישט צעעפענט . . .

הלוואי וואָלטען מיר שוין אַזוי געהאַלטן מיטן טעאַטער, ווי מען האַלט מיטן אידישען געדרוקטען וואָרט אין אַרגענטינע!

די אומאָפּהענגיגקייט פון געדרוקטען וואָרט און די אָפּהענגיגקייט פון טעאַטער

אַריינקוקענדיג אין אידישען טעאַטער אין איי־נעם פון זיינע דערפאָלגרייכע טעג, קען מען פאַר־בלענדעט ווערען.

ווייל אַז עמיץ איז אַריין אין בוענאָס־איירעס אין אַ שבת פון 1939 אָדער 1940, אין פיר פּראָ־פעסיאָנעלע טעאַטערס און אין אַ פינפטען, אַן אַמאַ־טאָרען ־ טעאַטער, און דערזעהן אַלע פינף זאַלען אָנגעפּולט, און אין דריי פאָרשטעלונגען פון אַ שבת און זונטאָג זענען דורכגעגאַנגען אַ צעהנדליג טוי־זענט אידען אין די טעאַטערס, האָט ער ווירקליך געקענט פאַר'שיכור'ט ווערען פון דעם כוח, וואָס אידיש טעאַטער האָט אין אַרגענטינע.

אָבער, ווען מ'קוקט אַריין אין תוך — ווען מען בלעטערט די געשיכטע פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע — ניכטערט מען זיך אויס פון דער שיכרות און מ'דערזעהט, אַז נאָך אַלע גרויסע געשעפטען לעבט דאָס אידישע טעאַטער אין בוע־נאָס־איירעס אַ גאַנץ לעבען — פון הלוואות . . .

און, אַז מען פאַרגלייכט דאָס אידישע געדרוק־טע וואָרט מיטן טעאַטער אין אַרגענטינע, דער־זעהט מען ערשט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער חילוק עס איז צווישען זיי ביידע און ווי שטאַרק דאָס טעאַטער איז הינטערשטעליג אַנטקעגען דעם גע־דרוקטען וואָרט.

ד אָ ס א י ד י ש ע ט ע אַ ט ע ר אין אַר־גענטינע, כאָטש עס איז באַריהמט זינט אַ סך יאָה־רען ווי אַ ש ט י י נ ר י י כ ע א י נ ס ט י ט ו־

ציע, וואָס ציהט צו צעהנדליגער טויזענטער אידען, אויך אַזעלכע, וואָס האָבען נישט קיין אינערליכע פאַרבינדונג מיטן אידישען לעבען, האָט פונדעסטוועגען נישט דאָס מזל פון דעם געדרוקטען וואָרט, כאָטש דאָס וואָרט זעהט נישט אויס צו זיין אַזאַ „אַטראַקציע" ווי דאָס טעאַטער.

אין דער צייט, וואָס שוין אין יאָהר 1920 איז אין בוענאָס־איירעס געווען געזיכערט די עקזיסטענץ פון צוויי טעגליכע אידישע צייטונגען, אָנגעוויזענע אויף לאָקאַלע שרייבער, איז ליידער נאָך אין 1940 נישטאָ דער מינדעסטער באַווייז, אַז עס זאָל קענען אין בוענאָס־איירעס זיך אויסהאַלטען מיט לאָקאַלע שוישפּילער כאָטש איין טעאַטער לפּחות עטליכע חדשים!...

אָט אין דעם — אין דער פראַגע פון אָפּהענגיגקייט און אומאָפּהענגיגקייט — געפינט זיך די פראַגע פון אַלע פראַגען אין דעם אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע.

דאָס צייטונגס־וועזען איז דורך און דורך אַן אַרגענטינער שאַפונג און אַ זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע. דאָס טעאַטער־וועזען, להיפּוך, געפינט זיך בלויז אין אַרגענטינע, אָבער איז נישט קיין אַרגענטינער זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע.

דאָס צייטונגס־וועזען האָט שטענדיג זיין פּלאַן, פּראָגראַם און אויסזעהן. דאָס טעאַטער־וועזען, להיפּוך, לעבט אָהן אַ פּלאַן, אָהן אַ פּראָגראַם און האָט צופעליג אַזאַ אויסזעהן, וואָס אַ צופעליגער גאַסטשפּילער קען איהם געבען אויף אַ צוויי־דריי חדשים.

דורך דער צופעליגקייט — ווייל דאָס גאַנצע סטאַבילע אידישע טעאַטער שטיצט זיך אויף גאַסטשפּילער און נישט אויף די, וואָס „מען" דאַרף האָבען, נאָר אויף די, וועלכע האָבען נישט ערגעץ־אַנדערש־וואו קיין בעסערע געשעפטען — איז איינע פון די אָפּסטע זאַכען, אַז אין אַלע טעאַטערס

זאָל מען גלייכצייטיג שפּילען בלויז אָפּערעטע אָדער מען זאָל גאָר אין אַלע טעאַטערס שפּילען בלויז מע־לאָדראַמע. און פּונקט ווי עס קען טרעפען, אַז מ׳זאָל אַ גאַנצען סעזאָן נישט זעהן אין קיין איין טעאַ־טער קיין בעסערע פּיעסע, אַזוי קען געמאָלט זיין, אַז עטליכע חדשים צייט זאָלען דריי טעאַטערס שפּי־לען בלויז דראַמע און איינס דאָס אַנדערע זאָל זיך וועלען אריבעריאָגען אין דער רעקלאַמע וועגען בע־סערען רעפּערטואַר. עס איז פון די געוועהנליכע זאַכען, אַז אין דעם זעלביגען טעאַטער, וואו מ׳האָט נעכטען געשפּילט שלום ־ עליכמ׳ען, זאָל היינט גע־שפּילט ווערען דער ערגסטער שונד, אָנגעזייפט מיט ניבול־פּה . . .

בעת אין געדרוקטען וואָרט וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר מעהר אַרוים די פיגורען פון די אָרטיגע שרייבער, וועלכע באַקומען אַלץ מעהר און מעהר אויטאָריטעט אין די אויגען פון די לייענער, איז אינם טעאַטער דער פּראָצעס גאָר אַ פּאַרקעהרטער.

אַלע בוענאָס־איירעס׳ער צייטונגען שטייגען צוזאַמען מיטן שטייגען פון די אָרטיגע שרייבער. די אויסלענדישע מיטאַרבייטונגען, וואָס ווערען גע־דרוקט אין די צייטונגען, זענען ראַזשינקעס אין דעם טייג, וואָס עס קנעטען אויס די לאָקאַלע שרייבער.

רעדענדיג אויף טעאַטער ־ לשון, באַנוצענדיג די טערמינען פון „סטאַרען״ און „טרופּעס״, קען מען זעהן אויף טריט און שריט, ווי די אַרגענטינער זשורנאַליסטיק האָט הן סטאַרען און הן זעלבסט־שטענדיגע טרופּעס. א. ל. שוסהיים, רעדענדיג מיט דער טעאַטער ־ שפּראַך, איז באַשטימט אַ „סטאַר״. דער דאָזיגער טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט מיט זיין פיינער איראָניע איז אין 1927 געווען פאַרן אַרגענ־טינער לייענער אַ פרעמדער, אָבער דורך יאָהרען שרייבען האָט זיין נאָמען זיך באַדעקט מיט דעם גלאַנץ, וואָס האָט דערצעהלט פון זיין סטאַזש און טעמפּעראַמענט. דער אָרטיגער, גוטער, טאַלאַנטיר־טער שרייבער, מיט קוראַזש, עקשנות, ביי אַלע פּעה־לערען און עבירות, רופט אַרוים די נייגיריגקייט אַפילו צווישען זיינע געגנער. אַזאַ „סטאַר״ איז יעקב באָטאָשאַנסקי. און עס זענען דאָ נאָך עטליכע „סטאַרען״ צווישען אָרטיגע שרייבער. און עס זע־

נען דא „אנסאמבעל ־ ארטיסטען" צווישען די ארגענטינער שרייבער, וועלכע לעבען זיך אוים אהן „סטארען". און, אז עס איז געגרינדעט געווארען א דריטע צייטונג, איז מען אויך אויסגעקומען מיט לאקאלע שרייבער און מען האט נישט באדארפט אנקומען צו „גאסטראליארען", אז זיי זאלען זיך שטעלען אין דער שפיץ פון דער צייטונג, און די אויסלענדישע שרייבער, די „גרויסע נעמען", זענען סערווירט געווארען בלויז ווי קאמפאט — אויף שבת אדער זונטאג . . .

שרייבער אין ארגענטינע, אויב זיי האבען נאר וואס צו זאגען, מעגען זייערע נעמען זיין קליין אין פארגלייך מיט די שרייבער־נעמען פון אויסלאנד. קריגען אלץ א גרעסערע חשיבות אין די אויגען פון לייענער, וואס־לענגער זיי דרוקען זיך. אין דעם ארגענטינער אידישען טעאטער זעהט מען, צום באדויערען, א פארקעהרטע דערשיינונג: וואס ־ לענגער אן אקטיאר שפילט, אלץ־ווייניגער האט ער פובליקום... און, אויב א שוישפילער בלייבט אינגאנצען אן איינגעזעסענער, הערט ער אינגאנצען אויף אין זיך צו גלויבען . . .

פארגלייכענדיג דאס געדרוקטע ווארט מיטן טעאטער, באקומט מען דעריבער דעם איינדרוק, ווי מען וואלט פאר זיך געזעהן א דערוואקסענעם. זעלבסטשטענדיגען מענשען אנטקעגען א קינד.

ארגענטינער שוישפילער, וועלכע ארגאניזירען טעאטערס זעלבסטשטענדיג, האבען צו דערצעהלען פון ביטערע אנטוישונגען אין זייערע פרואוון צו זיין זעלבסטשטענדיג. אלע פרואוון, וועלכע זענען געמאכט געווארען פון ארטיגע שוישפילער, צו שפילען אליין טעאטער, זענען דורכגעפאלען.

האבען די ארטיגע שוישפילער אויף זיך נישט געארבייט און נישט געמאכט די געהעריגע אנשטרענגונגען ?

האבען די ארטיגע שוישפילער נישט געמאכט די געהעריגע פרואוון, צו ווערען זעלבסטשטענדיג?

דאס זענען פראגען, וועלכע מ'קען נישט באענטפערען מיט א פעסטען „יא" אדער „ניין". זיי געהערען צו די דיסקוסיעס, אין וועלכע מ'קען האבען פארשיידענע מיינונגען. ס'וועט אבער זיין וויכ־

טיג אנצואווייזען אויף דעם פאקט, וועלכער פארלייכטערט די דיסקוסיעס: אז די פראוועז, וואס עס האבען געמאכט ארטיגע שוישפילער צו אויסהאלטען אליין א טעאטער, זענען געמאכט געווארען — אדער בין־הזמנים, אויסערן סעזאן; אדער בשעת־הדחק, ווען דאס טעאטער האט נישט געקענט קריגען קיין „סטאר" אויף אראפצוברענגען און מ'איז געווען געצוואונגען „איבערצושטופען א שטיקעל צייט" ביז עס וועט קענען קומען צו פאהרען „א סטאר"; אדער עמיץ פון דער טעאטער ־ משפחה האט געוואלט מאכען אן אקטריסע פאר א „סטאריכע", שענקענדיג איהר אויף א פאר וואכען דעם רעפלעקטאר, אז ער זאל פאלען נאר אויף איהר, נישט אויף די אנדערע . . .

עס איז א פאקט, אז הגם בוענאס ־ איירעס איז די היים פון אן אכציג שוישפילער, פון וועלכע מעהרערע האבען טאלאנט, סטאזש און רעכט צו פארנעהמען פלאץ אין די בעסטע אידישע טעאטער ־ אנסאמבלען פון דער וועלט, פונדעסטוועגען האט נאך לעצטענס קיין איין טרופע נישט באוויזען אויסדויער, צו קעמפען — מיט אלע מיטלען פון ש ו י ש פ י ל ע ר — כאטש א קורצע צייט אין אן אייגענעם טעאטער.

דא שווימען ארויף די שווערע באדינגונגען פון אידישען טעאטער אין בוענאס־איירעס, וואס האט נישט הינטער זיך קיין אקטיווע פראווינץ, וואו טרופעס זאלען קענען ארומפאהרען און זיך באשיצען אין א שווערער צייט. די ארגענטינער פראווינץ, וואו ס'איז צעשפרייט א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג אין לאנד, ווערט פון פראפעסיאנעלען טעאטער אלץ־וועניגער און וועניגער גענומען אין חשבון (296). אין די קאלאניעס זענען די אידישע ישובים געווארען קלענער; אין די שטעדטלאך אסימילירט זיך די יוגענט, „אקריאזשירט" זיך; און וויכטיגער פון אלץ איז דאס.

---

296) כאטש די באפעלקערונג איז פון 1925 שטארק געשטיגען אויך אויף דער פראווינץ, דאך איז אין 1940 א סך ערגער צו שפילען אויף דער פראווינץ, ווי אין 1925.

וואָס די פּראָווינץ האָט גענומען שטעלן זעהר גרויסע פאָדערונגען. די גאַסטשפּילען אויף דער פּראָווינץ האָבען קיינמאָל נישט געגעבען דאָס, וואָס מען האָט דעם עולם פריער צוגעזאָגט, און אויך די באַדינגונגען האָבען דאָס נישט דערלויבט. דער עולם פילט זיך דערפאַר אַן אָפּגענאַרטער און וויל נישט וויסען, וואָס די אידען אויף דער פּראָווינץ זענען שטאַרק צעשפּרייט איבער'ן לאַנד פון טויזענטער קילאָמעטער: אַז פון איין אָרט צום צווייטען, וואו מ'קען געבען איינע אָדער צוויי פאָרשטעלונגען, דאַרף מען פאָהרען לאַנגע שעה'ן; אַז עס זענען ריזיג די הוצאות און די מאַטערנישען; אַז דער עולם איז זעהר אַ „געמישטער" און, אַז עס טרעפט נאָך, און דאָס טרעפט זעהר־אָפט, אַ רעגען, וואָס מאַכט אַ תל פון אַ גאַנצען טור... און, וואָס שייך דער גרויסשטאָדט, וויל דער שטאָדטישער עולם כסדר זעהן „נייע פּנים'ער", געסט אויף אַ ווייל, און די אויסגעקלונגענסטע נעמען. די גרעסטע, די בעסטע, די שעהנסטע. דאָ שווימען אָבער אַרויף אויך די ירידה־שטימונגען פון די אָרטיגע אַקטיאָרען, וועלכע פאַרלאָזען זיך אינגאַנצען אויפן סטאַר און פאַרלאָזען זיך אַליין און דאָס גלויבען אין זיך.

— „אַז מ'קומט אין טעאַטער אויסשליסליך צוליבן סטאַר! — זאָגט מען — ווענען דאַרף דער עולם?".

די זעלביגע שוישפּילער ווייסען אָבער גאַנץ גוט, אַז ווען עס איז דאָ אין אַ טעאַטער אַ ווירקליך־גרויסער סטאַר, נאָר די טרופּע איז אַ שלעכטע, איז דער עולם אויך אַן אַנטוישטער.

— „אַז ס'איז דאָך נישטאָ — זאָגט מען — אויף ווען צו קוקען אַחוץ אויפן סטאַר!".

זענען די שוישפּילער פאַרלוירען ביז גאָר. זיי געפינען זיך טיילמאָל אין דער לאַגע פון אומבאַהאָלפענע קינדער. דער אַקטיאָר זעהט די שולד אינם עולם; דער עולם זעהט די שולד אינם טעאַטער: און ס'איז שווער צו אורטיילען, ווער עס האָט געשאַפען די לאַגע, פּונקט ווי ס'איז שווער צו וויכען, צי איז פריער באַשאַפען געוואָרען די הון אָדער די איי . . .

זייענדיג אזוי אפהענגיג פון גאסטשפילער, קומט אויס נישט איין מאל א טעאטער ממש זיך צו דערנידעריגען פאר אויסלענדישע גאסטראליארען, ווען עס געלינגט נישט צו באקומען דעם, וואס מען האט געוואלט: מען בעט זיך, דער'עיקר'שט אין טעלעגראמעס, ממש רחמים, אז דער אויסלענדישער פארמיטלער זאל „זעהן ראטעווען פון אן אומגליק". אזוי איז עס: דארפען שפילען עטליכע וואכען אליין איז פאר א טעאטער ממש „אן אומגליק" . . .

אין אזא לאגע געפינט זיך דאס אידישע טעאטער אין ארגענטינע נאך קנאפע פיר צעהנדליג יאהר פון עקזיסטענץ, נאך אומצעהליגע דערפאלגען, נאכדעם ווי עס פליסט אריין פאר בוענאס־איירעס'ער אידישע טעאטערס און קאנצערטען קרוב א האלבער מיליאן פעזעס אין א סעזאן (297).

קוקענדיג פון דעם שטאנדפונקט, איז ביים אריינדרינגען אין דער געשיכטע פון אידישען טעאטער אין ארגענטינע שווער צו זאגען, צי מיר האבען א א י ד י ש ט ע א ט ע ר, כאטש אידיש טעאטער ווערט געשפילט זינט 1926 אין אלע טעג פון דער גאנצער וואך, אין משך פון זיבען־אכט חדשים אין יאהר, און זינט 1929 נישט ווייניגער ווי אין דריי טעאטערס (298). אפילו דעמאלט ווען עס האבען געשפילט פינף אידישע טעאטערס אין ב"א, האט מען געקענט שטעלען ערנסט א פראגע, צי האבען מיר א א י ד י ש ט ע א ט ע ר...

---

297) אזא באלאנס איז געווען אין 1939, ביי פיר פראפעסיאנעלע טעאטערס, אין א פינפטען האבען עטליכע מאל א וואך געשפילט ליבהאבער, און געווען א רייע קאנצערטיסטען. אין איין טעאטער איז אריינגעקומען העכער 180 טויזענט פעזעס.

298) בארים טאמאשעווסקי איז געווען דער, וועלכער האט מיט זיינע גאסטשפילען, אין 1926, דעפיניטיוו דערוויזען, אז ס'איז דא אין בוענאס־איירעס עולם פאר שפילען יעדען טאג טעאטער. „עקסעלסיאר", וואו בארים טאמאשעווסקי האט געשפילט, איז טאקע געווארען דאס ערשטע סטאבילע אידישע טעאטער אין בוענאס־איירעס.

בעת אין געדרוקטען ווארט זענען דא, אי „סטא־רען“, אי זעלבסטשטענדיגע „טרופעס“, איז אין טעאטער נישטא אפילו קיין איין זעלבסטשטענדיגע טרופע, אפילו ווען זי איז א „חברים־טרופע“ (299).

---

299) די סיסטעם פון „חברים - טרופעס“ איז אן אלט־פראקטיצירטע; אמאל א צופעליגע איינטיילונג אויף „מארקעס“ און אן אנדער מאל — א פשרה מיט א געלט־מענש, וועלכער וויל נישט נעמען די אחריות פון עמפרעסאר. ערשט מיט דער סטאביליזירונג פון טעאטערס, פון 1926, האבן זיך באוויזן עמפרע־סארען, דירעקט אדער פארטראטען דורך טעאטער־לייט, צווישען וועלכע דעם אויבענאן האבן פארנו־מען אדאלף מידע, אין „אלימפא“ און „אמבו“, און יצחק נוגער אין „עקסעלסיאר“, אין דער עמפרעסע פון דר. ריקארדא קאנעפא. יצחק נוגער האט געמאכט א גרויסע פארמעסטונג אלס עמפרעסאר, האלטענדיג אין 1931 דעם גרויסען און פרעכטיגען צענטער־טעאטער „נועווא“ - „קאריענטעס“, וואוהין ער האט אראפגעבראכט יעקב בן עמי'ן מיט יעקב מעסטעל און די שטראמער - טרופע. אדאלף מידע, אן עמ־פרעסאר מיט אוואנטוריסטישען קוראזש און פאר־נעהם, האט אויסקאמבינירט קורצע סעזאנען, אין פרעכטיגע טעאטערס, „קאליסעא“, „פאליטעאמא“. האט צוויי מאל אראפגעבראכט מארים שווארצ'ן, האט געהאט וויסטע צייטען, אבער איז לסוף געווארען א פעסטער עמפרעסאר אין געגענט - טעאטער „מיט־רע“, אין 1939־1940. אין יאהר 1940 איז ארויפ־געקומען גאר א נייער עמפרעסאר, פון א נייעם מין, דער נארד־ אמעריקאנער דר. טשארל גראל, א מענש מיט טאקט און דיפלאמאטישען חוש, וועלכער האט באפעסטיגט א נייעם, גרויסען טעאטער, מאדערני־זירט, אין אידישען צענטער, דעם „סאלעיל“. נאך יאהרען פון אנטוישונגען פאר עמפרעסארען, ווען געלט - מענשען האבן זיך אפגערוקט פון טעאטער, צווישען 1934 - 1938, און שוישפילער האבן בא־דארפט אליין זארגען פארן טעאטער, האבן זיך צוריק באוויזן עמפרעסארען. אין דער צייט האט זיך אבער באפעסטיגט א גרויסע „חברים - טרופע“, אין עקסעלסיאר“.

לויטן טאַלאַנט זענען צווישען די אָרטיגע שוי־שפּילער פאַראַן איינציגע, וועלכע שטייגען אַריבער געוויסע גאַסטשפּילער, וואָס האָבען דאָ גאַסטראָ־לירט און אויף וועלכע ס'איז אַרויפגעפאַלען, הן די גאַנצע פּרנסה פון טעאַטער, הן דער רעפּלעק־טאָר. „וואָס קען מען זיך אָבער העלפען, אז דער עולם וויל אין טעאַטער כסדר זעהן געסט?" — זאָגען די טעאַטער־עמפּרעסעס און אַזוי רע־דען אויך די בעסטע „חברים־טרופּעס". און אפילו די „חברים־טרופּעס", וועלכע וואָל־טען באַדאַרפט על־פּי שכל זוכען פאַר זיך אַליין „אַ שאַנס", ברענגען אָפטמאָל אַראָפּ אַפילו די מיטעל־מעסיגסטע אקטיאָרען פון אויסלאַנד — „ווייל דער עולם וויל אַ ניי פּנים", זאָל זיין „אַ דראָנג", אַבי אַ נייער . . .

געפינט זיך דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענ־טינע אין אומגליקליכע באַדינגונגען און אוודאי מעגען די שוישפּילער קוקען מיט באַוואונדערונג און קנאה אויף אונזער געדרוקטען וואָרט.

— XVI —

די געזעלשאַפטליכע ראָלע פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע

די געשיכטע פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע, אויב זי איז אין דעם קינסטלערישען זין אַן אָפּשפּיגלונג, ווי די בינע איז כסדר געווען אָנגעוויזען און אָפּהענגיג פון „געסט אויף אַ ווייל" און דורכדעם איז זי שטענדיג געווען „אַן אויסלענדיש אַרטיקעל", וואָס איז דאָ נישט אויסגעאַרבייט געוואָרען, איז זי אָבער אין געזעלשאַפטליכען זין אַרגענטיניש דורך און דורך.

אין קיין שום אידישען צענטער אויף דער וועלט איז נישט פאָרגעקומען אַזאַ געזעלשאַפטליכער געראַנגעל ווי אין דעם אידישען טעאַטער אין בוענאָס־איירעס.

אין בוענאָס־איירעס איז דער גורל פון אידישען טעאַטער געשטעלט געוואָרען אין די סאַלאָנען, צווישען פּובליקום, מעהר ווי אויף דער בינע, צווישען די אַקטיאָרען . . .

דער קאַמף צווישען „די סאַמע ־ ערשטע אידען"—פון וועלכע עס הויבט זיך ניט אָן רעכענען די געשיכטע פון די אידען אין אַרגענטינע, ווייל זיי ווערן געשטעלט מחוץ־למחנה—און די נייע אימיגראַנטען האָט געפונען אין טעאַטער דאָס בעסטע שלאַכטפעלד.

די פרויענהענדלער און זייערע ווייסע שקלאַפינס, וועלכע האַלטען דווקא זעהר ־ שטאַרק פון יאָהרצייט־ליכט און אידישע לידלאַך, זענען פריער געקומען קיין אַרגענטינע און האָבען פריער ווי די איינגעוואַנדערטע „יאָלדען" געקענט „אַרויסוואַרפען" אַ טאָלער, צו הערען זינגען אַ אידיש לידעל

און זעהן אַ מאָראַלישע סצענע . . .

„יענע", וועלכע זענען פריער געקומען אין לאַנד און האָבען גיכער זיך „אויסגעגרינט", האַלטענדיג פון כלל, אז זיי זענען אין ערגעץ נישט קיין „גרינע", האָבען די ערשטע אריינגעכאַפּט דאָס אידיש טעאַטער און עס געהאַלטען פאַר אייגענס. קליין איז דעמאָלט געווען דער ישוב, כאָטש אין די אויגען פון די איינגעזעסענע האָט ער אויסגעזעהן גרויס — אין יאָהר 1900 איז געווען אין בוענאָס־איירעס „אַ גרויסע יודישע קהלה, אומגעפעהר 1500 משפחות" (300). פאַר אזא באַשרענקטער צאָהל איז בכלל שווער אויסצוהאַלטען אַ טעאַטער. נאָר „יענע", כאָטש זייער צאָהל איז געווען אַ סך קלענער, האָבען געקענט מעהר געלט אריינברענגען אין טעאַטער. ביי „זיי" איז געווען „אַ טאָלער אַ ממזר". צוליב דעם האָבען אויך אין די שפּעטערדיגע יאָהרען אַ סך פון טעאַטער נישט געקענט ביישטעהן דעם יצר־הרע און האָבען צומאָל באַהאַלטענערהייט געזוכט „יענע" קליענטען (301). די סיסטעם פון „בילעטיאָרען", וועלכע פלעגען געהן איבער די הייזער און פאַרזאָרגען מיט בילעטען, אַ סיסטעם וואָס האָט אָנגעהאַלטען אין בוענאָס־ איירעס'ער אידישען טעאַטער אַ פערטעל יאָהרהונדערט און איז מיט ספּעציעלער אייפערדיגקייט פּראַקטיצירט געוואָרן פאַר „יענע" (302), איז אפשר געפלעגט געוואָרן, ניט אַזוי ווייל אַנדערש איז מען נישט געווען געוואוינט צו קומען אין טעאַטער, ווי צוליב דעם פאַרדינסט, וואָס אזא ארבייט

---

300) יעקב ש. ליאַכאָוויצקי: קאָרעספּאָנדענץ פון אַרגענטינע, „דער יוד", קראָקויא, 31 יאַנואַר 1901.

301) „יענע", האָבען געהאַט אַ כוח צו געבען טרינקגעלט אַ פינפער פּעזע פאַר אַ בילעט אָדער געבען „אַ פאַר טאָלער" אויף הוצאות . . .

302) די סיסטעם פון „בילעטיאָרען" האָט אָפּגעשאַפט באָרים טאָמאַשעווסקי, און דאָ איז נויטיג אונטערצושטרייכען, גראָד דער, וועלכער איז אין בוענאָס־איירעס אויסגעשטאַנען אַ סקאַנדאַל, אַז צו איהם אין טעאַטער זענען געגאַנגען מאַסענווייז פרויענהענדלער מיט זייער „סחורה".

האָט געגעבען אין די ערשטע יאָהרען און וואָס איז נאָכדעם אַ שטיק צייט אַריין אין די הענט פון קאַסירער ביי די טעאַטער־פענסטערלאַך. אַפילו נאָכדעם, ווי עס זענען שוין געהאַנגען איבער די טעאַטערס די אויפשריפטען „פאַר טמאים איינטריט פאַרבאָטען”, וואָס דאָס איז געווען די דערגרייכונג פון טעאַטער ־ סקאַנדאַל אין 1926־טען יאָהר (303). פלעגט מען נישט איין מאָל, איבערהויפט אין דער שלעכטער צייט, אַריינטעלעפאָנירען צו „יענע”, אַז מ'לעגט פאַר זיי אָפּ בילעטען, „די בעסטע בילעטען”... און „יענע” האָבען פיין באַלוינט פאַר דעם כבוד, וואָס מ'האָט זיי אָנגעטון. איז „ער” פאַרשוואונדען, איז געבליבען „זי”, אַזאַ איינע, וואָס פילט זיך פאַר אַ גאַנצע יחסנ'טע, כאָטש מען שעמט זיך מיט איהר, און אַזאַ „זי” האָט נאָך ביז נישט לאַנג צוריק אַריינגעשיקט די שעהנסטע מתנה דעם אַקטיאָר צו זיין בענעפיס.... שטילערהייט, שאַ, אָהן טומעל, כאָטש נישט איינער פון די שטאַמגעסט אין טעאַטער האָט געטייטעלט מיט די פינגער — „איהר זעהט?” . . .

די געזעצען פון לאַנד, פאַרשאַרפטע דורך די דעקרעטען פון דער רעגירונג אין 1930 ־ 1932, האָבען אויסגעראַמט דעפיניטיוו די טמאים פון דער עפענטליכקייט, און די, וואָס זענען געבליבען, באַהאַלטען זיך אויס ווי די מייז. ביז 1926 האָבען זיי אָבער, אויף דער אידישער גאַס, נאָך געהאַט אַן אָרט, וואו זיי האָבען זיך געקענט טרעפען מיט דער אָנשטענדיגער געזעלשאַפט פלייצע ביי פלייצע, און דאָס איז געווען אין טעאַטער. און, אַזוי ווי אין דער אנשטענדיגער געזעלשאַפט איז פון לאַנג געווען איינגעוואָרצעלט די מורא פאַרן טייטלען מיט די פינגער — „איהר זעהט?” — ווי אין דער שטוב פון אַ געהאַנגענעם, וואו מ'טאָר ניט זאָגען „הענג אויף דעם האַנטוך”, האָט מען זיך פאַרנומען, זיי צו פאַרטרייבען אויך פון זייער לעצטען טויער... „זאָלען זיי געהן צו די גויים, וואו קיינער שטערט

303) אין עטליכע יאָהר אַרום איז די אויפשריפט „פאַר טמאים איינטריט פאַרבאָטען” אַראָפּגענומען געוואָרען פון אַלע טעאַטערס.

זיי נישט!". ביי זיי האָבען אָבער „יענע" זיך ניט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ביי זיי האָבען זיי געמוזט „ליגן איינגעלייגט" אין טעאַטער און שוויי־גען. דאַגעגען אין אידישען טעאַטער האָבען זיי זיך געפילט פריי און פלעגען זיך אַפילו פאַרגינען הויך דורכצושמועסען וועגען זייערע „געשעפטען", ווער עס „אַרבייט" גוט און ווער עס „אַרבייט" שלעכט... איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַן אַנשטענדיגע פאַמיליע פלעגט ביי אַזעלכע דיבורים רויט ווערען פון בושה און וועהטאָג.

די בוענאָס ־ איירעס'ער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געזוכט אַרויסצושטויסען פון אומעטום „יענע", האָט דעריבער מיטן זעלביגען אייפער געזוכט דורכ־צוזעצען דעם קאַמף אויך אין טעאַטער. אין טעאַ־טער איז דאָס אָבער געווען שווערער, צוליב די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און קליינעם ישוב.

— ס'הייסט — האָבען אַקטיאָרען געזאָגט — מיר ווילען דען ניט שפילען טעאַטער פאַר אַ שעה־נעם עולם? וועלכער אַקטיאָר וויל דאָס ניט שפי־לען בעסער טעאַטער? שעהנער טעאַטער איז דאָך לייכטער צו שפילען און זיין צווישען פיינע מענ־שען איז דאָך אַ כבוד, וואָס יעדער וויל...

די פראַגע איז געווען, ווי אויסצוהאַלטען דאָס טעאַטער. און, אַזוי לאַנג ווי דער ישוב איז נישט געווען קיין צאָהלרייכער און „יענע" האָבען געהאַט גרויסע עקאָנאָמישע מיטלען, צו שטיצען דאָס טעאַ־טער, האָבען זיך אַקטיאָרען געראַנגעלט צווישען „זיין אָדער ניט זיין" . . .

איז אינם טעאַטער פאַרגעקומען די מלחמה, וואָס איז געווען אַ לעבענס ־ פראַגע פאַר דער ניי־ער אידישער איינוואַנדערונג, וועלכע האָט געוואָלט דעמאָנסטרירען פאַר אַלעמען, אַז די אַרגענטי־נער געזעלשאַפט געהערט צו די ריינסטע אין דער וועלט. „מען מוז איבערציינגען אַרגענטיניען — האָט שוין געשריבען טעאָדאָר הערצל — אַז די נייע יודענאיינוואַנדערונג אונטערשיידט זיך איינ־גאַנצען פון דער אַלטער" (304). אַזאַ פאַרלאַנג, צו

304) „אויסגעוועהלטע ציוניסטישע שריפטען", אידיש פון א. ריקלים, באַנד 1, ז. 39.

איבערצייגען די וועלט, איז געווען שטאַרק קענטיג נאָך אין די ערשטע יאָהרען פון יאָהרהונדערט. דאָס האָט געפיהרט צו עפענטליכע סקאַנדאַלען און געשלעגען אין טעאַטער. איינער פון די גרעסטע סקאַנדאַלען פון דעם מין איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס אויף פאַני עפשטיינ׳ס אויפפיהרונג פון פּרץ הירשביינ׳ס דראַמע „מרים״ (305). דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע געשעהעניש: ראשית האָט די פאָרשטעלונג געמאַכט אַ גרויסען רושם אויפ׳ן אינטעליגענטען עולם און צווייטענס האָבען די „גרינע״ פאַרפיהרט אַ גרויסען געשלעג מיט די „חברה־לייט״ און זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזען דאָס טעאַטער. פאַר אַזעלכע סקאַנדאַלען האָט מען זיך נישט געשראָקען ביי די אַלע געלעגענהייטען. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי א מלחמת־מצוה. צו־ ליב דעם איז די געזעלשאַפט געוואָרען גוואַלדיג צודרינגליך צום טעאַטער און געווען גרייט מגזם־צו־ זיין אויסערגעוועהנליך, און דורכדעם איז מעגליך־ געווען אויך צו פאַרפיהרען שרייבערישע קריגערייען אין טעאַטער אונטערן מאַנטעל פון „קאַמף געגען די פרויענהענדלער״. אין דער דאָזיגער אטמאָספע־ רע פון מורא און אויפגערעגטקייט איז אויך מעגליך־ געווען צו שאַפען די טעאָריע, וואָס איז צוויי צעהנדליג יאָהר פאָרשפּרייט געוואָרען אין אַרגענ־ טינע, אַז מיטן פאַרטרייבען די פרויענהענדלער און זייערע „נקבה׳ס״ וועט דאָס טעאַטער זיך אַוועק־ שטעלען אויף אַ העכערען קולטור־ניוואָ און וועט ווערען ליטעראַריש און קינסטלעריש טעאַטער. עס איז פאַר דעם כאַראַקטעריסטיש די מיינונג פון דער אידישער אינטעליגענץ אין בוענאָס־איירעס נאָך דעם טעאַטער־סקאַנדאַל אין 1908. „ערשט גאָר נית לאַנג — איז געווען געשריבען אין איינעם פון די פיאָנערישע ליטעראַרישע זשורנאַלען וועגן „די אידישע ביהנע אין בוענאָס־איירעס״ — האָט דער אידישער טהעאַטער נית געהאַט קיין אינטערעס צו דערהויבען עטוואָס מעהר דאָס פובליקום, וואָס האָט נית געהאַט קיין אַרטיסטישע ערציהונג און וואָס האָט, דורכשניטליך, נית קיינע קענטניסע,

---

305) דעם 5־טען אָקטאָבער 1908.

האט געשטעלט דעם טאָן דעם אידישען טהעאַטער. וועלכער האָט דערפאַר טאַקע אַלץ געגעבען נאָר אַזוינע ווערק, וואָס האָבען אין קיין פאַל קיינעם ניט געקענט ענטוויקלען אָדער לערנען. מ'האָט אַלץ געשטעלט אויף דער ביהנע זאַנגאַנטע „דראַמען" און „אָפּערעטאַס" וועמענס אויטאָרען האָבען זיך נאָר אַנגעשטרענגט צו קיצלען דעם עולם, און דער גרויסער עולם, דאָס „ליעבע פּובליקום", האָט דערפאַר גוט באַצאָהלט. שולדיג אין דעם איז געווען ניט נאָר דאָס פּובליקום, נאָר אויך דאָס, וואָס די גרעסטע צאָהל טעאַטער בעזוכער זענען ביז יעצט געווען רופּיאַנען. דאָס האָט נאָך מעהר מיטגעהאָלפען צו דער פריהערדיגער עקזיסטענץ פון איד. טהעאַטער, א זאַך, וואָס מיר זענען פאַרזיכערט, וועט זיך שוין מעהר ניט ווידערהאָלען. געוועהנליך, אַז רופּיאַנען זענען די הויפּט-בעזוכער פון טעאַטער, איז לאַגיש צו ערוואַרטען אַזעלכע רעזולטאַטען. אַזוינע בעשעפּענישען האָבען ניט קיין שום בעגריף וועגען קונסט א. ז. וו. אַזעלכע געהען נאָר אין טהעאַטער אום צו קענען לאַכען, און די אַרטיסטען האָבען זיי געגעבען דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט. אָבער, ס'איז נאָר געווען גענוג, אַז דורך דער איניציאַטיווע פון דער גרופּע „פּועלי-ציון" זאָל אויפגעפיהרט ווערען די דראַמע „מרים" פון פּ. הירשביין, אום איבערצובייטען מיט אַמאָל דעם גאַנצען ביזהעריגען כאַראַקטער פון אידישער טעאַטער. און יעצט זעהט מען שוין אויף דער היגער ביהנע נאָר גוטע, קינסטלערישע ווערק פון די מאָדערנע אידישע שרייבער" (306).

די מיינונג, אַז מיטן פאַרטרייבען די פּרויענהענדלער וועט דאָס אידישע טעאַטער אין בוענאָס-איירעס זיך אויפהויבען אויף א העכערען ניוואָ, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א טעאָריע, וואָס איז געוואָרען ספּעציעל פּאָפּולער בשעת די גרעס-

306) „לעבען און פרייהייט", נומער 3, נאָוועמבער 1908. ז. 11, כראַניקער.

טע סקאַנדאַלען, וועלכע האָבן דאָ אויסגעבראָכען.
כיי אין 1908, ווען ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַז
„יעצט זעהט מען שוין אויף דער היגער ביהנע נאָר
גוטע, קינסטלערישע ווערק פון די מאָדערנע אידי־
שע שרייבער", סיי בעת דעם סקאַנדאַל אין 1926,
ווען נישט איינער פון די אומצעהליגע טעאַטער־
חסידים האָט געדענקט, אַז אָט איז געשאַפען גע־
וואָרען דאָס „פאָלקס־טעאַטער", און בוענאָס־איי־
רעס וועט שוין האָבן פּערמאַנענט בעסער, ליטע־
ראַריש, קינסטלעריש אידיש טעאַטער — — —

דאָס, וואָס איז געקומען נאָך די טעאַטער־
סקאַנדאַלען, האָט אָבער דערוויזען, אַז דער קאַמף
געגען די פרויענהענדלער, אויף אַרויסצושטויסען
זיי פון טעאַטער, איז געווען אַ ריין ־ געזעלשאַפט־
ליך ־ פאַמיליאַרער קאַמף, וואָס האָט מיט קונסט
נישט געהאַט קיין אָרגאַנישע שייכות, נאָר איז בלויז
געווען — אַ דערמוטיגונג אין קאַמף פאַר טהרת־
המשפחה.

דער קאַמף, צו באַזייטיגען „יענע לייט" פון
טעאַטער, האָט געהאַט אין גרונט נאָר אַלגעמיינע
געזעלשאַפטליכע, סאָציאַלע צילען, פאַר וועלכע די
לאָזונגען וועגען דערהויבענדיגער ביהנע ־ קונסט
זענען געווען גוטע מיטלען פאַר פּראָפּאַגאַנדע.

אין זכות פון קאַמף געגען דער „רופיאַנישער
אידעאָלאָגיע" אין 1926 איז געשאַפען געוואָרען
דאָס „פאָלקס ־ טעאַטער". און כדאַי דאָ אונטער־
צושטרייכען, אַז דווקא דער זעלביגער רודאָלף זאַס־
לאַווסקי, וועלכער איז פריער באַשולדיגט געוואָרען
אין נישט לאָזען אויסראָטען די „רופיאַנישע אידעאָ־
לאָגיע" פון טעאַטער און איז דערפאַר באַקעמפט
געוואָרען, איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון „פאָלקס
טעאַטער". נאָר אַזוי שנעל ווי מ'האָט געהאַט די
זיכערקייט, אַז די „חברה־לייט" וועלען זיך מעהר
נישט פיהלען באַקוועהם אין אידישען טעאַטער און,
אויב זיי וועלען זיך אַריינ'גנב'ענען, וועלען זיי דאַר־
פען „ליגען איינגעלייגט", האָט דאָס „פאָלקס טעאַ־
טער" אָנגעוואוירען די שטיצע אין דער מאַסע און
מ'האָט גענומען אויף דעם קוקען ווי אויף אַ וועל־

כער ס'איז אונטערנעהמונג, כאָטש דאָס „פאָלקס־טעאַטער” האָט אויסדריקליך געשפּילט בעסערע רעפּערטואַר און מיט באַציהונג.

אויף וויפיל דער קאַמף געגען די פרויענהענד־לער אין טעאַטער איז נישט געווען אָריענטירט פון ווירקליכע שטרעבונגען פאַר ב י נ ע ־ קולטור און ט ע אַ ט ע ר ־ ק ו נ ס ט, נאָר די קונסט איז דערביי געווען בלויז אַ קינסטליכער מאָטיוו, איי־לוסטרירט דער פאקט, וואָס דער גרעסטער דערפאָלג פון אַ פיינער דראַמאַטישער פאָרשטעלונג אין אַר־גענטינע איז פאַרצייכענט געוואָרען גראָד אין יע־נער צייט, ווען די טמאים זענען נאָך געגאַנגען גע־דיכט אין טעאַטער — אין 1925 — נאָך פאַר דעם באַריהמטען טעאַטער ־ סקאַנדאַל. שלום עליכם'ס „טביה דער מילכיגער”, געשפּילט פון רודאָלף זאַס־לאַווסקי'ן, איז געווען אַ קינסטלערישע דעראייגע־ניש נישט בלויז פאַרן יאָהר 1925, נאָר איז פאַר־בליבען אין געדעכעניש אויף יאָהרען און יאָהרען ווי אַ קולטור ־ מאַניפעסטאַציע פאַרן בעסערען אידישען טעאַטער. ביז דעמאָלט איז נאָך נישט גע־הערט געוואָרען, און אויך אין די שפּעטערדיגע 15 יאָהר האָט מען עס געהערט זעהר און זעהר־זעל־טען, אַז א פאָרשטעלונג זאָל געשפּילט ווערען אין בוענאָס־איירעס אַ חודש צייט אָהן איבעררייס און כמעט בסדר פאַר איבערגעפּאַקטע הייזער. „טביה דער מילכיגער” מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי'ן איז גע־ווען שטורמיש ־ דערפאָלגרייך נישט בלויז אין „אָמ־בו”, נאָר אויך איבער דער גאַנצער אַרגענטינער פראָווינץ, וואו שלום־עליכם איז אויפגעשטיגען אין די אויגען פון טויזענטער אידען און וואו קיין שום אידישער ספּעקטאַקל האָט נישט אַזוי אויפגערו־דערט און מיטגעריסען, ווי „טביה דער מילכיגער”. און די דאָזיגע עפּאָכע ־ מאַכענדיגע פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרען, ווען די טמאים זענען נאָך פראַנק און פריי געגאַנגען אין טעאַטער. בעת נאָכ־דעם, ווי עס זענען שוין אַ לאַנגע צייט געהאָנגען די שילדלאַך „פאַר טמאים איינטריט פארבאָטען”. איז דער גרעסטער דערפאָלג אין טעאַטער פאַרציי־כענט געוואָרן דווקא מיט נעלי קעסמאַנ'ס „חזנ'דל”, וואָס איז געווען גראָב אָנגעשטאָפּט מיט ניבול־פה

און וואו איינער פון די טיפּישסטע נומערן איז געווען דאָס קופּלעטעל מיט דער געהעריגער מימיק און זשעסטיקולאַציע פון „עס שאָקעלט זיך" (307).

אין 1927, ווען עס זענען שוין געווען צוויי סטאַבילע אידישע טעאַטערס אין בוענאָס־איירעס, פלעגט יעדע וואָך אויפגעפיהרט ווערען אַ נייע פּיעסע, ווייל מעהר ווי אַ וואָך האָט אַ פּיעסע אין ב. איירעס נישט אריינגעבראַכט גענוג איינאַהמעס. אין 1940 געהט אַ פּיעסע דורכשניטליך צוויי וואָכען און, אַז זי ווערט געשפּילט דריי וואָכען ביי שעהנע איינאַהמעס, באַווייזט דאָס, אַז זי האָט אַ גרויסען דערפאָלג. „יאָשע קאַלב" איז געגאַנגען איז אַ ריזיגער טעאַטער ארום אַ חודש; דאַרף מען אָבער וויסען, אַז ארום מאָריס שוואַרצ'ן, וועלכער איז געקומען מיט דער פּיעסע פון י. י. זינגער פון זיין קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, איז געווען אַ גוואַלדיגע שפּאַנונג, און דער ספּעקטאַקעל, געבויט אויף אַ טאָפּעלטער טרופּע, איז געווען פון אויסערגעוועהנליכען פּאַרנעהם, און עס האָבען געזונגען לויב־געזאַנגען צייטונגען אין פאַרשיידענע לשונות. דאָס איז געווען אין 1933 אינ'ם טעאַטער „קאָליסעאָ". י. שטיינבערג'ס „חזנ'דעל", שונד דורך און דורך, איז אָבער שוין נאָך דער טמאים־ריינ̇יגונג, אין 1929, אינ'ם „אַרכענטינאַ", געשפּילט געוואָרען אַ חודש צייט פאַר געפּאַקטע הייזער.

אין דער צייט, ווען די טמאים האָבען זיך גע־פיהלט אין טעאַטער ווי ביים טאַטען אין וויינגאָר־טען, האָט אויך געשפּילט אין בוענאָס־איירעס — אין 1913 און 1915 — אַזאַ ערשט־קלאַסיגער קינסטלער פון פיינסטען און אינטעליגענטישסטען שניט ווי מאָריס מאָשקאָוויטש, בעת נאָכדעם ווי די טמאים האָבען נישט געטאָרט אַריבערטרעטען די שוועל פון טעאַטער האָט מען אויך געקענט זעהן אָפטמאָל טומא'דיגע שלאָפּצימער־סצענעס אויף דער בינע און בכלל שונד־פּיעסען, וואָס אויב עס

307) אין י. 1929, איז „אַרכענטינאַ", אַ טעאַטער וואָס מ'האָט אין אַנדערע סעזאָנען באַטראַכט פאַר „ניט צו דער האַנט" און דערמיט פאַרענטפערט געוויסע דורכפאַלען אין טעאַטער...

איז אין זיי נישטאָ קיין ניבול־פּה, באַטראַכט דאָס די טעאַטער־קריטיק פאַר אַ דערגרייכונג, וואָס פאַר־דינט אונטערגעשטראָכען צו ווערען.... און עס קו־מען אַראָפּ גאַסטראָליאָרען, וועלכע דערווייזען די קולטור ־ וועקערישע קריטיקער, אַז דאָס זאָגען אַ גראָבען וויץ אָדער זינגען אַ שמוציג לידעל איז אַן אַטראַקציע, אַז „דער עולם האָט דאָס ליב", והא ראיה, דער עולם פולט אָן אַזעלכע טעאַטערס, בעת ערגעץ־אַנדערש־וואו, אַז מען שפּילט דראַמע אויף אַ סאָלידען אופן, דאַרף מען „אַראָפּברענגען גאָט אַליין", אויב מ'וויל נישט, אַז ס'זאָל זיין קאַלט צו זיצען אין טעאַטער... אַז מאָרים שוואַרץ, יעקב בן עמי און בולאָוו ־ קאַדיסאָן קענען אין בוענאָס־איירעס אויך נישט גאַסטראָלירען מעהר ווי עט־ליכע חדשים, אויב זיי ווילען האָבען „גרויסע סבאָ־רען"!

דאָס טעאַטער איז, אַזוי אַרום, אויסגערייניגט געוואָרען פון די טמאים, אָבער דורכדעם אַליין איז נאָך דאָס טעאַטער נישט געוואָרען קיין מקום־קדוש.

דער פייערדיגער געזעלשאַפטליכער קאַמף אין טעאַטער האָט ניט געפיהרט וויטער פון די אַלגע־מיינע קהל'שע צילען אין די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. דער ענין פון קולטור און קונסט אין טעאַטער איז איבערגעלאָזט געוואָרען פאַרן שוישפילער, שרייבער און קרייז אינטעליגענטען, וועלכע פאַרשטעהען, אַז דער געזעלשאַפטליכער קאַמף אין טעאַטער דאַרף זיך ערשט אָנהויבען.

נאָר אַז עס קומט צו די אייגענטליכע טעאַ־טער ־ צילען, באַגעגענט מען זיך מיט אַ פּרימיטי־ווער טעאַטער ־ מאַסע, אָהן אונטערשייד, צי זי קומט צופוס און זעצט זיך אַוועק אויף דער גאַלע־ריע, צי זי קומט צו פאָהרען אין אייגענע אויטאָ־מאָבילען און זיצט אין די פאָדערשטע רייען. . .

די געזעלשאַפט דערהערט נישט די אייגענט־ליכע געזעלשאַפטליכע רופען פון טעאַטער.

יעדע נייעס טרעפט אָן אַ ווידערשטאַנד פון אומצוטרוי.

בעסער טעאַטער דאַרף איינגעוויקעלט ווערען. פונקט ווי שונד ־ טעאַטער, אין פאַרטויבענדיגער רעקלאַמע — אַז „אַזוינס האָט מען נאָך אין אַר־גענטינער נישט געזעהן" . . . .

— „דער גרעסטער ספעקטאַקעל".
— „דער קעניג פון דער אידישער בינע".
— „די פרינצעסין פון אידישען טעאַטער".
— „בראַוואָ! — לייענט מען אויף אַן אַפיש פון אידישען טעאַטער — בראַוואָ! חורבן ירו־שלים"...

דאָס אידיש טעאַטער מוז זיך באַהענגען מיט דער שרייענדיגסטער ציהרונג פון קעניגען און פרינ־צעסינס... מ'פאַרלירט דעם קאָפּ אין דער רעקלאַמע.

די פויק און דער באַראַבאַן אַרבייט אין אי־דישען טעאַטער מעשים. אַפילו דאָס צאַרטע פידע־לע „דאַרף" אין אידישען טעאַטער פאַרקלאַפּט ווע־רען פון דער פויק און באַראַבאַן . . .

שאַבלאָן.

שלאָגט זיך דאָס טעאַטער מיטן שאַבלאָן. פּרואווט זיך באַפרייען און מאַכט אָנשטרענגונגען. אָבער ווערט צוריקגעשטויסען — ווייל „עס מוזען זיין" די בענגאַלישע פייערען, אַ סך עפעקטען, אַ סך מוזיק, אַ סך געזאַנג, אַ סך קאָמיזם, אַ סך מאַ־סען־קאָמבינאַציעס, א סך, א סך, אַ סך . . .

און, היות „ערליך לעבען איז שווערליך לע־בען", ווערט דער גראַנגעל פאַר בעסערן טעאַ־טער, געפיהרט לטובת דעם ברייטען עולם, נישט באַ־טראַכט ווי אַ געזעלשאַפטליכע זאַך, כאָטש די ראָ־לע פון אידישען טעאַטער איז קולטורעל און קינסט־לעריש פון גרויסער וויכטיגקייט, סיי פאַרן אייגע־נעם געברויך, סיי פאַר די צוועקען פון נאַציאָנאַ־לער רעפּרעזענטאַנץ.

נאַציאָנאַלע ביישטראָגען פון אידישען טעאַטער

ביי אַלע פעהלערען, וואָס עס האָט דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענטינע — און דער גרעסטער פעהלער זיינער איז די אָפּהענטיגקייט, וואָס ער קען ניט עקזיסטירען (אַזוי מיינט מען) אָהן גאַסטשפּילער און ווערט פאַרפּלייצט פון שונד — איז די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע אַ קאָלאָסאַלע.

אויב קינסטלערישע אויפשטייגען געהערען בלויז צו רגע'דיגע אויפבליצען, דאַרף מען אָבער אָנערקענען, אַז אַפּילו דאָס שונד־טעאַטער אַנטהאַלט אויך געוויסע עלעמענטען, וועלכע ברענגען נוצען דעם אידישען לעבען.

אומעטום איז טעאַטער ביי אידען אַ גרעסערער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר ווי ביי די אומות־העולם, וועלכע האָבען נאַציאָנאַל לעבען דורך טעריטאָריע, מלוכה'שאַפט און אַזוי ווייטער. באַזונדער גרויס איז אָבער די באַדייטונג פון אידישען טעאַטער אין אַ ישוב, ווי עס איז דער פאַל מיט אַרגענטינע, וואו אידישער שטייגער איז צעפּיצעלט און טראַדיציע איז נאָך נישט איינגעוואָרצעלט. אין דעם זין איז דאָס אידישע טעאַטער אַן אינסטיטוציע, וואָס שטייערט־מיט אָהן אַ שיער פאַר דעם נאַציאָנאַלען לעבען פון ישוב.

דורכדעם, וואָס די בינע איז די גרעסטע אַטראַקציע פאַר דער ברייטער מאַסע, איז דאָס אידישע טעאַטער געוואָרען — „אַ שול פון אידישקייט" — אַ שול, אין וועלכער עס געהען צעהנדליגער טויזענטער מענשען.

עס איז געווים נישט מעהר ווי א פאראדאקס. אז „אין בוענאס־איירעס קומען אין טעאטער מעהר אידישע קינדער ווי אין די אידישע שולען", נאר עס איז געווים ריכטיג, אז אין אידישען טעאטער קומען א סך קינדער, וועלכע געהען נישט אין קיין אידישע שולען.

פאראן טויזענטער אידישע מיידלאך און בחורים, וועלכע קענען נישט די צורה פון אלף־בית. אבער, באזוכענדיג אידיש טעאטער, האבען זיי פון דארטען ארויסגעטראגען א אידיש ווערטל, א ניגון. האבען זיך צום ערשטען מאל אין זייער לעבען דערוואוסט פון חסידים און זמירות, פון בית־המקדש און כהנים, פון גארדינ'ען און פון גאלד־פאדענ'ען, פון אידישען שטייגער און אידישע טענץ. אויך פון שלום עליכמ'ען, פרצ'ן, לייוויק'ן, אלץ וואס עס קומט אויס צו זעהן אין אידישען טעאטער אדער הערען פון א קינסטלער אויף א קאנצערט. פון אלצדינג — ווי אין יעדען גרויסען געשעפט, וואו מ'קען געפינען פון אלע מינים סחורות . . .

כאראקטעריסטיש ביז גאר איז דאס, וואס אין טעאטער באווייזען זיך אפטמאל אזעלכע אידען, וועלכע זענען פולשטענדיג אפגעריסען פון אידישען לעבען און וועלכע פארנעהמען אין דער נישט־אידישער וועלט גרויסע פאזיציעס, נאר אין אידישען טעאטער האבען זיי גראד מעהר הנאה פון די פיעסען, וואס הייסען ביי אונז „טשאלענט־פיעסן". איידער פון ליטעראטור (308). די „פינטעלע איד"־מאכערייקעס דערמאנען אסימילירטע אידען זייער קינדהייט, די אידישע שטוב, טאטע־מאמע, די שבתים און ימים־טובים, די שטימונגען פון די קליינע שטעדטלאך, די קלאנגען פון אידישע און

---

(308) געוועזן א באריהמטער אידישער פראפעסאר פון בוענאס־איירעס'ער אוניווערסיטעט, וועלכער האט אויף די עלטערע יאהרען גענומען אפט באזוכן דאס אידישע טעאטער, כאטש קיין אידיש האט ער ניט געקענט, און איהם זענען אלעמאל בעסער געפעלען געווארען די „טשאלענט־פיעסען", די מאכערייקעס, איידער די גראנדיעזע אידישע קינסטלערישע ספעקטאקלען. דאס איז העכסט־כאראקטעריסטיש.

רוסישע לידלאך — עקזאָטישע זכרונות פון דער אַלטער היים. און, אַז עס קומט אוים די אַסימי־לירטע אידען צו הערען אַז אמת'ען פאָלקס־זינגער, ווי עס איז געווען יצחק דייטש (309), וועלכער האָט דעם כוח צו שפּילען אויף די פאָלקס־כטרונעס און לאָזט אויך טיילמאָל הערען אַ פּאָעטיש פאָלקס־ליד (310), שטויבט זיך אָפּ פון אַזעלכע אַסימילירטע אידען דער שטויב פון אַסימילאַציע און עס דערוואַרימט זיך אינם האַרצען דער אָפּגעפרוירענער סענטימענט, „דאָס פּינטעלע איד". און זיי פאַרבענקען זיך נאָך דעם אידישען לעבען מיט דער בענקשאַפט פון ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטען ביים הערען „כל נדרי" . . .

דאָס אידישע טעאַטער און בכלל דער אידישער קאָנצערטיסט ווערט אָפּטמאָל אויפגענומען פון אַ סך אַזעלכע אידען, צו וועלכע עס דערגרייכט נישט דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט. די אידישע ראַדיאָ־שעה'ן, וועלכע שטיצען זיך אויף פּראָגראַמען פון אַקטיאָרען, זינגער און רעציטאַטאָרען — עלעמענטן פון טעאַטער און קאָנצערט — קינסטלער פון בינע און עסטראַדע — צעשפּרייטען דאָס אידישע וואָרט איבער טויזענטער היימען, וואו שוישפּילער און אַנדערע קינסטלער ווערען אויסגע־

309) געקומען אין ב. א. צום ערשטען מאָל אין 1925, אין „אָלימפּאָ", אוועק און צוריקגעקומען, געפינענדיג זיין תיקון אין 1931, עפּענענדיג צוזאַמען מיט אסתר פּערעלמאַן דעם „אמבו", אַן אָפּערעטיש פאָלקסטימליך טעאַטער, וואו ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ שעהנער פּרוואו צו אָרגאַניזירען מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, פון וועלכע די ערשטע, „גוט יום־טוב, טאַטע!", איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ האַרציגע פאָרשטעלונג. יצחק דייטש איז געשטאָרבען אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, דעם 22־סטען אויגוסט 1934, אין עלטער פון 50 יאָהר.

310) יצחק דייטש, אַ לירישער טענאָר, האָט צווישען אַנדערע פּאָפּולאַריזירט פּרצ'עס און וואַרשאַווסקי'ס לידער, וועלכע זענען, אדאַנק זיין מתיקות און פאָלקסטימליכקייט, איינגעבאַקען געוואָרען אין האַרצען פון ברייטען עולם.

הערט אויך פון אזעלכע, וואָס לייענען קיינמאָל ניט קיין אידישע צייטונג, זשורנאַל אָדער בוך, און האַלטען אָן זייער פאַרבינדונג מיטן אידישען לעבען ס'רוב דורכן טעאַטער. ט. בערעלעכים און שמואל גלאַזערמאַן, וועלכע פיהרען אָן אַ רייהע יאָהרען אידישע ראַדיאָ־שעה'ן, נוצען אוים דאָס טעאַטער ביז'ן מאַקסימום. היות די אידישע ראַדיאָ־שעה'ן אין בוענאָס־איירעס זענען נאָך ווייט פון דער עשירות, אַז זיי זאָלען אַליין קענען אַראָפּברענגען שווישפּילערישע אַטראַקציעס, האָבען זיי צו פאַרדאַנקען דעם טעאַטער און די קאָנצערטען, צוליב וועלכע עס קומען אַראָפּ קינסטלער. און דאָ איז די נאַציאָנאַלע ראָלע פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע.

אין דער הינזיכט איז אין דעם רעפּערטואַר פאַראַן אַ בלויז: עס פעהלט אַרגענטינע אין דעם אַרגענטינער אידישען טעאַטער. מען שפּילט אין בוענאָס־איירעס'ער טעאַטער פּיעסען פון דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט פון אַרגענטינע, נישט פון אידישע און נישט פון שפּאַנישע מחברים. דאָס, וואָס די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין בוענאָס־איירעס, „ווערמאָנט אויף דער קאַטרע” (311), איז געווען פון שטאַרק־לאָקאַלען כאַראַקטער (312), איז אַבסאָלוט נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ווייטערדיגען גאַנג פון אָרטיגען אידישען טעאַטער. די מיינונג, אַז „דער געשיכטע־שרייבער פון אידישען טעאַטער אין אַרגענטינע וועט זיך מוזען רעכענען דערמיט אַלס פאַקט, אַז דאָס אידישע טעאַטער

311) אַ פּאַמפלעט אויף דעם רעדאַקטאָר פון „דיא פאָלקס שטיממע”, וועלכער איז פאַרגעשטעלט געוואָרען, ווי ער פלעגט שלאָפען אויף אַ ברודיגען אויפלייג־בעטעל און איז געווען נישט ווייניגער עלענט ווי ברודיג . . .

312) דער רעדאַקטאָר פון „דער פּאוק”, ז. לעווין, האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, א. ווערמאָנט. לעווין האָט זיך נישט באַנוגענט מיט זיין ערשטען פּאַמפלעט רעווי און האָט אָנגעשריבען נאָך אַ צווייטע פּיעסע, „ווערמאָנט אויפן הימעל”.

האָט זיך אין אַרגענטינע אָנגעהויבן אויפן זשור־נאַליסטישען געביט" (313), איז נישט ריכטיג. צו־פעליג, נישט מעהר ווי צופעליג, ס'רוב אַדאַנק בע־נעפיס־אונטערנעהמונגען לכבוד די אויטאָרען, האָט מען אין בוענאָס־איירעס געשפּילט אַ פּיעסע פון אַן אַרגענטינער מחבר. דאָס, וואָס אַקטיאָרען האָבען אין 1910 געשפּילט אַהרן בראַדסקי'ס „קינדער פון פאָלק", איז ביז היינט אַ חידוש. „דאָס אויפפיהרען אַ פּיעסע פון אַן אַרגענטינער אידישען שרייבער — האָט געשריבען פּ. וואַלד, אַן עד־ראיה, „מיט פינפאונצוואַנציג יאָהר צוריק" — איז נאָך היינט אַ געשעהעניש אין'ם אַרגענטינער אידישען טעאַ־טער־וועלט. מיט זעלטענע אויסנאַמען דאַרף זיין אַ יובילייַ אָדער אַן איבערקערעניש, אַז אַ זאַך פון אַ היגען שרייבער, געשריבען פאַר טעאַטער, זאָל קומען צום אויסדרוק". און דערפאַר איז עס באַ־טראַכט געוואָרען פאַר אַן אויסערגעוועהנליכע סענ־סאַציע, ווען שוישפּילער אין בוענאָס־איירעס, צוליב ספּאָנטאַנער אַמביציע און קאָנקורענץ, האָבען גע־שפּילט מיט 25 יאָהר צוריק אַ היגע פּיעסע. „אַר־טיסטען האָבען אָנגעהויבען הונגערן. אין יענעם מאָמענט האָט די טרופּע מיט פּאַני עפּשטיין, אַרי־בער פון פּאַרוואָרפענעם סאַלאָן אויף טשאַקאַבוקאַ אין נאַר־וואָס אויפגעבויטן „גאַריבאַלדי", גענומען צום שפּילען אַהרן בראַדסקי'ס פּיעסע „קינדער פון פאָלק". דאָס איז געווען די ערשטע פּיעסע פון אַן אַרגענטינער אידישען שרייבער, וואָס איז צום ערשטען מאָל גענומען געוואָרען צום אויפפירן פון אַרגענטינער אידישן טעאַטער" (314). בלויז דאָס „פאָלקס־טעאַטער", אין 1926, האָט בכבוד־גדול אויפגעפיהרט מרדכי אַלפּערסאָנ'ס דראַמע „גלות". אייב סאַמועל גאָלדענבורג האָט אין 1931 געשפּילט ש. גלאַזערמאַנ'ס דראַמע „זיסיע גוי", ווי מ'שפּילט יעדע פּיעסע אין אַלע טעג פון דער וואָך, נישט בלויז פאַר אַן אָוועגט, וואָס עס אַראַנזשירט אַ קאָ־מיטעט צום דערשיינען פון אַ בוך אָדער אַ יובילייַ. איז עס אויך געווען מיט גרויסע זכות־אבות. די

(313) פּ. כ"ץ: „צו דער געשיכטע", ז' 68.
(314) נ' 12 „טעאַטער" מערץ־אַפּריל 1935.

וויליאם סינגעל׳ס און ל. פריימאַנ׳ס, ווי פריהער די זאַלאַטאַרעווסקי׳ס און לאַטיינער׳ס, האָבען קיין זכיה נישט באַדאַרפט האָבען. עס איז אַ פאַקט, אַז ווען אַ טעאַטער נעהמט אַריין אַפילו אַ לידעל, וואָס עס האָט אָנגעשריבען אַן אַרגענטינער שרייבער, איז עס גיכער „צוליב" הינטער־קוליסען־כוונות.
מען שפילט ערגערע זאכען פון אויסלאַנד — אַבי פון אויסלאַנד — פונקט ווי עס שפילען אָפטמאָל גאַסטשפילער, און מאַכען געלט, כאָטש זיי האָבען ווייניגער טאַלאַנט פון די אָרטיגע אַקטיאָרען. אין דעם אידישען רעפערטואַר, סיי גוטען, סיי שלעכטען, פעהלט אַזוי אַרום פולשטענדיג דער קאָלאָריט פון אַרגענטינער לעבען. להיפוך צו דער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור, וואָס זוכען זיך צו קלאַמערען אין לאָקאַלען אידישען לעבען, האָט דאָס טעאַטער מורא אַריינצונעהמען אַרגענטינער טעמעס און ממילא אַרגענטינער פיעסען, אַפילו ווען מען ברענגט צו זיי אַזעלכע, און אַוודאי האָט נאָך קיינמאָל קיין טעאַטער נישט באַשטעלט ביי אַן אָרטיגען שרייבער, ער זאָל אָנשרייבען אַ פיעסע.
דאָס טעאַטער האָט אָבער יאָ גענומען זיך באַפרייען אין אַ געוויסער הינזיכט פון אויסלענדישען כאַראַקטער, איבערהויפט אין פיעסען פון ערגערען מין, און דאָס איז אין דער הינזיכט פון לשון אידיש. די קריטיק האָט יאָהרענלאַנג געזוכט מיט אַלע מיטלען צו באַווירקען די טעאַטער־דעהזאָגער, אַז עס זאָל ראשית־כל אויסגעראָטען ווערען דער ענגליש פון די אַמעריקאַנער פיעסן (315), אַז גערמאַניזמען אָדער דייטשמערישקייטען זאָלען פאַרביטען ווערען אויף פשוט׳ן, ריינעם אידיש, און — וואָס דאָס איז שוין דאָס שווערסטע — אַז דער

---

315) אזוי ווי זינט 1928 קומט דער גרעסטער טייל גאסטשפילער פון נארד־אמעריקע און ממילא זענען די מעהרסטע פיעסען נארד־אמעריקאנער, איז אין זיי פאראן א גרויסע צאהל ענגלישע ווערטער און וואס ווייטער איז די צאהל ענגלישע ווערטער — אלץ מעהר. דער ערשטער אויסנאהם איז אין דער הינזיכט דער רעפערטואר פון מארים שווארצ׳ס קונסט־טעאטער, וואו קיין ענגליש ווערט נישט גערעדט.

לשון זאָל ניט זיין קיין קוידערוועלש (316). און נאָך יאָהרען מעגען די שוישפּילער ווירקליך זיך באַריהמען, אַז „מיר, היגע אידישע אַקטיאָרען, רעכענען זיך נישט דערמיט, וואָס אַ גרויסער טייל פון אונזער טעאַטער־עולם מישט אריין אין זיין טאָגטעגליכער אידישער שפּראַך אַ סך שפּאַנישע ווערטער: מיר שפּילען אידיש און טאַקע אַ גאַנץ־ריינעם אידיש: מיר האָבען דאָ אַפילו געוואַגט אויף כוח צו אימפּאָנירען זיך אויף אונזערע „סטאַרס" און גאַסטראָליאָרען, אַז זיי זאָלען בייטען די ענגלישע ווערטער אויף אידישע און דער עולם ווייזט אונז טאַקע אַרויס דאַנקבאַרקייט" (317). יאָ, די אַקטיאָרען, אַפילו די קנאַפּע למדנים אין אידיש, האָבען אין אַרגענטינע זיך צוגעהערט צום רוף פון ריינעם אידיש און האָבען אַ סך פאַר דעם בייגעשטייערט. און מ'שפּילט דערפאַר אויף דער בוענאָס־איירעסער בינע אַ ריינערען אידיש ווי אין אַנדערע צענטערס, וועלכע האָבען גרעסערע קולטור־פּרעטענזיעס. אין דעם זין איז דאָס טעאַטער אַוועקגעאָרעמט מיטן געדרוקטען וואָרט — אויף איין וועג.

אַרום אידיש און וואָרט ־ קונסט האָט דאָס בוענאָס־איירעס'ער טעאַטער געמאַכט אויך מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זענען דאָ אין זכרון פון עולם און וועלכע האָבען איבערגעלאָזט נאַציאָנאַלע פונקען אין הערצער. די גרעסטע מאַניפעסטאַציע איז געווען יעקב בן־עמי'ס (318) אויפפיהרונג פון ה. לייוויק'ס פּאָעטישער דראַמע „דער פּאָעט איז בלינד

---

316) פון די מחברים, וועלכע ווערען דורכשניטליך געשפּילט אין אידישען טעאַטער, איז שווער צו פאַרלאַנגען אַ פיינעם אידיש, ווייל זיי קענען נישט.

317) נתן קלינגער: „מען רעדט שוין אידיש אויף דער איד. בינע", „טעאַטער", נ' 12, מערץ־אַפּריל 1935.

318) אין 1936 איז בן עמי געווען צום צווייטען מאָל אין אַרגענטינע, דאָס מאָל צוזאַמען מיט בערטא גערסטין און י. מעסטעל, האָט דעמאָלט אויפגעפיהרט, פון די נייעסטע פּיעסען, מאַקסים גאָרקי'ס „יעגאָר בוליטשעוו" צו די שלושים נאָך גאָרקי'ס טויט, איגנאַסיאָ סילאָנע'ס „פּאָנטאַמאַרא" („דער ביטערער שטראָם"), פרידריך וואָלפ'ס „געלע לאַטע".

געוואָרען", בשעת ה. לייוויק איז געווען אין בוע־
נאָס־איירעס אַלס דעלעגאַט פון אידישען „פ.ע.נ.־
קלוב אויפן אַלוועלטליכען „פ.ע.נ."־קאָנגרעס. אונ־
זער ווייזיאָנער פון דער „גאולה־קאָמעדיע" האָט
דעמאָלט אויפגערודערט מיט זיין אַרויסטריט אויף
דער טריבונע פון די גרעסטע שריפטשטעלער, וואו
ער האָט געהאַט קוראַזש צו זאָגען אין דער אַנ־
וועזענהייט פון איטאַליע'ס דעלעגאַטען — אין
דער צייט, ווען איטאַליע האָט פאַרגאָסען דאָס
אומשולדיג בלוט פון אַביסיניער — אַז **בלוט
איז הייליג, מעג דאָס זיין בלוט
פון אַן אַביסיניער!** די גרעסטע
שפּאַנישע צייטונגען האָבען דעמאָלט געשאָנקען
**דאָס חשוב'סטע פּלאַץ פאַר דעם
פאָרשטעהער פון דער אידישער
ליטעראַטור.** וואָס איז פאַר אַ סך געווען אַ
קאָלאָסאַלע אַנטפּלעקונג, ווייל געווען באַוואוסטע
מענשען, וועלכע האָבען זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט,
אַז אין דער אידישער ליטעראַטור איז דאָ אַזוי פיל
פערזענליכקייט. און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער
ברייטסטער אידישער עולם, אַפילו יענער, וואָס האָט
ניט טועם־טעם־געווען פון אידישער ליטעראַטור,
זאָל מיטאַמאָל דערשפירען אַ גוואַלדיג געפיהל פון
שטאָלץ — „אהא, איהר זעהט, וואָס מיר האָבען"!
און, אַז אין יענע טעג איז אויפגעפיהרט געוואָרען
ה. לייוויק'ס „דער פאָעט איז בלינד געוואָרן" (319)
וואָס איז אַלס דראַמע שוואַך ־ טעאַטראַליש, אָבער
זעהר־שטאַרק אידייאיש ווי אַן אַרויסטריט געגען
אָרימאַנסקער, ווערדעלאָזער באַציהונג צום אידישן
לשון, קולטור און אומה, איז די דאָזיגע פאָרשטע־
לונג אין טעאַטער „אַרגענטינע" פאַרוואַנדעלט גע־
וואָרען אין אַן אומבאַשרייבליך ־ ענטוזיאַסטישער,
פאַטעטיש־יום־טוב'דיגער קולטור ־ דעמאָנסטראַ־

---

(319) כדאי צו פאַרצייכענען די דאַטע: דעם 4־טען סעפּ־
טעמבער 1936. צו לייוויק'ס אָנקומען האָט „ה. לייוויק־
קאָמיטעט" ביים ליטעראַטען און זשורנאַליסטען־
פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג אַרטיקלען, „ה.
לייוויק, צו זיין קומען קיין אַרגענטינע", 67 זיי־
טען, 1936.

ציע (320). דער דראַמאַטיקער (321) איז אויפ־ געשטיגען אין די אויגען פון ברייטען עולם ווי אַ פאָלקס־פיהרער, נישט ווי אַ דיכטער פאַר יחידים. דאָס יאָהר 1936, פון לייוויק'ס זיין אין אַרגענטינע, פאַרבלייבט אַ וויכטיגע אידישע קולטור ־ דאַטע.

דאָס אידישע טעאַטער האָט געהאַט די זכיה צו מאַכען קולטור ־ דעמאָנסטראַציעס פאַר דער נישט־אידישער וועלט. אַז מאָרים מאָשקאָוויטש האָט געשפּילט טאָלסטאָי'ס „לעבעדיגער מת" און סטרינדבערג'ס „פאָטער" — נאָך אין 1913 — האָבען זיך באַוויזען שפּאַנישע אינטעליגענטען אינם אידישען טעאַטער און שפּאַנישע צייטונגען האָבען גענומען דערצעהלען פאַר זייערע הונדער־ טער טויזענטער לייענער, אַז אידען (322) האָבען אַזאַ קינסטלער און אַזאַ טעאַטער, ביי וועלכען די נישט־אידען מעגען זיך געהן לערנען. דאַ איז נוי־ טיג צו זאָגען, אַז דאָס שפּאַנישע טעאַטער איז ביז אַרום 1930 געווען אָרים אין קינסטלערישע ספּעק־ טאַקלען פון ווערטפולע ליטעראַרישע ווערק, ווייל

---

320) דאַרנפעלד, דער העלד פון דער דראַמע, איז מאָ־ רים ראָזענפעלד. געגען זיין פּעסימיזם האָט לייוויק געלאָזט דער מוזע זינגען דעם פּאָעט — ווען ער איז געלעגען אויפן טויטען־בעט — דאָס געזאַנג פון אידישען קלאַסישען אָפּטימיזם:

„איך ברען און איך ברען
און איך ווער נישט פאַרברענט".

321) לייוויק'ס דראַמעס זענען געשפּילט געוואָרען אין בוענאָס־איירעס אין פאַרשיידענע יאָהרען: אברהם מאָרעווסקי אין 1928, אין „אַמבו", די „שמאַטעס", וואָס איז אויך פריער געשפּילט געוואָרען; יוסף בולאָוו, אין 1932, „קייטען", געשפּילט אויך אונטער אַ פּאַרטייאישער „רעדאַקציע", אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט, דורכן „איפט", אין 1939; דוד ליכט האָט אויך אויפגעפיהרט לייוויק'ס „גולם" און „אָרי־ מע מלוכה", אין „איפט" („אידיש פאָלקס ־ טעאַ־ טער"), אין 1939 — 1940.

322) אין שפּאַנישע צייטונגען פלעגט מען אויך ביז דעמאָלט שרייבען אָפט וועגען אידען, נאָר ס'רוב וועגען אידישע פרויענהענדלער...

די בעסטע שפאנישע אקטיארען זענען אריינגע־ שלעפט געווארען אין „סאינעטעס", אין וואדעוויל־ רעפערטואר, און טאלאנטען מיט קינסטלערישער פערזענליכקייט פלעגען זיך אויסשמירען אין בור־ לעסק, אויב זיי האבען געוואלט האבען — קא־ סע (323). די דאזיגע לאגע האט באגינסטיגט דאס איד. קינסטלערישע טעאטער, וואס האט אזוי ארום געקענט בעסער גלאנצן מיט א ספעקטאקל. אין יא־ רען ארום, ווען דאס שפאנישע טעאטער אין בוע־ נאס־איירעס האט שוין געהאט צו באווייזען א גרוי־ סע צאהל אייגענע וויכטיגע קינסטלער און קינסט־ לערישע ספאראדישע אויפטוען, האט אויך דאס אידישע טעאטער באוויזען דורכצופיהרען אזא גראנדיעזע אידישע מאניפעסטאציע פאר דער ניט־ אידישער וועלט, ווי דאס האט נישט באוויזען דורכ־ צופיהרען קיין שום — קאמיטעט געגען אנטיסע־ מיטיזם... די נאכט, אין וועלכער בן עמי האט צום ערשטען מאל געגעבען א ספעקטאקעל (פון עטליכע פארשיידענע אקטן), שפילענדיג פון האלב צוויי ביז האלב פינף אזייגער פארטאג, פאר א מאסע פון פיר טויזענט צושויער, אין א טעאטער וואו מ'האט זיך געהאנגען בוכשטעבליך אויף די ווענט, אין „נועווא". וואו עס זענען באשטימט געווען א דריי טויזענט שפאנישע אקטיארען, שריפטשטעלער, צייי־ טונגס־לייט, מאלער, סקולפטארען, צייכנער, פרא־ פעסארען, דאקטוירים, סטודענטען (324), און די אוואציעס זענען געווען אזעלכע, אז מ'האט געקאנט פאר'שיכור'ט און פארטויבט ווערען — און אויפן

---

323 דער בעסטער שפאנישער כאראקטער - שוישפילער אויף פארשיידנארטיגע ראסען-טיפען, אויך אלס „על כודיא" (דער איד), ראבערטא קאסא, האט גע־ מוזט זיך ארראפלאזען צום זשאנר צו וואלוועלע איינ־ אקטערס פאר די פאפולער־געווארענע „סעקציעס" (פון א שעה צייט אויף „אריינצוכאפן" זיך אין טעאטער).

324) צום לויב דארף דא דערמאנט ווערען דער עמפרע־ סאר פון „נועווא", יצחק נוגער, וועלכער האט גע־ לעגט גרויס אכט, אז די קינסטלערישע גאסטראלען זאלען דערהערט ווערען פון דער קריסטליכער שע־ פערישער אינטעליגענץ.

אנדערען טאג זענען אפגעדרוקט געווארען אין אלע שפאנישע ציימונגען פון בוענאס ־ איירעס גרעניצלאזע לויבגעזאנגען פאר דער אידישער קונסט, פאר אידען אין אלגעמיין און פאר דער קולטור ־ פארברידערונג פון ראסען און פעלקער — אט־א־די דעמאנסטראציע פון אידישען טעאטער אין ארגענטינע דערצעהלט וועגען דער גוואלדיגער נאציאנאלער ראלע, וואס אונזער בינע קומט אוים א י ן פ א ר ש י י ד ע נ ע מ א מ ע נ ט ע ן צו שפילען, אפילו ווען זי איז נישט קיין זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע.

אייגענארטיג איז געווען די ראלע און צוציהונגס־קראפט, וואס עס האבען געהאט די גאסטשפילען פון מארים שווארץ, איבערהויפט אין זיין צווייטען באזוך. בעת זיין ערשטען באזוך, אין 1931, האט שווארץ געשפילט פיעסען, וואו דער עיקר איז געווען אין דער אינטערפרעטאציע פון ווארט, ווי אין שלום עליכמ׳ס „טביה דער מילכיגער", „שווער צו זיין א איד", יונה ראזענפעלד׳ס „קאנקורענטען", פויכטוואנגער׳ס „איד זוס" (325), פרץ הירשביינ׳ס „דעם שמיד׳ס טעכטער" און אן אויסנאהם איז געווען בלויז די טעאטראליזירונג פון שלום אש׳ס „קידוש השם". אין 1933 האט אבער שווארץ געשטעלט איבערהויפט ספעקטאקלען, פיעסען אין וועלכע א סך עפיזאדען ווערען פארבונדען דורך בליץ־שנעלען, עפעקטרייכען אויפשפיל, מיט א סך

325) ארום „איד זוס" האט אין בוענאס־איירעס אויפגעשפילט די אמביציע צווישען צוויי קינסטלער, ווייל מארים שווארץ און סאמועל גאלדענבורג האבען די פיעסע אויפגעפיהרט אין איין וואך — אין צוויי פארשיידענע טעאטערס... כאטש גאלדענבורג האט געהאט דערפאלג אין זיין אויפפיהרונג אין „עקסעלסיאר", פונדעסטוועגען איז ער נאך דער פארשטעלונג אוועק פון דעם מין רעפערטואר און געשפילט פיעסן פון ה. קאלמאנאוויטש, פארענדיגענדיג אפילו מיט זאלאטארעווסקי׳ן.

דעקאָראַציעס. מיט מאַסען ־ סצענעס, קאָלעקטיווע טענץ, מיט בילדער וואָס מאַכען דעם איינדרוק פון פילם ־ בילדער. אַזוי איז געווען י. י. זינגער׳ס „יאָשע קאַלב" און אויך די מאָדערניזירטע אויפפיהרינג פון יעקב גאָרדינ׳ס „גאָט, מענש און טייוועל" און צומאַל שלום אַש׳ס „אָנקעל מאָזעס". די דאָזיגע ספּעקטאַקלען, וועלכע זוכען צו דערנעהענטערען זיך וואָס מעהר צו די אומבאַגרענ־יצטע מעגליכקייטען פון דעם קינאָמאַטאָגראַף, האָבען געהאט אַ רייץ ניט בלויז פאַר אידען, וועלכע פאַרשטעהען וואָס מ׳רעדט אין טעאַטער, נאָר אויך פאַר אַ מאַסע אַזעלכע, וואָס פאַרשטעהען ניט דאָס וואָרט. מאָרים שוואַרצ׳ס ספּעקטאַקלען פלעגען אַזוי ארום צוציהען אויך סך קריסטען, און ניט דווקא פון דער שפּערישער אינטעליגענץ, און די ספּעקטאַקלען פלעגען באַגייסטערען און זענען אויך גוט פארשטאַנען געוואָרען, ווייל די מאַסען ־ סצענעס, טענץ, מוזיק, פילם־מימיק, זשעסטיקולאַציע, מיזאַנסצענעס פלעגען דערקלעהרען דאָס, וואָס איז נישט פארשטאַנען געוואָרען דורכן וואָרט. מאָרים שוואַרץ האָט אויך אַלס קינסטלער דערגרייכט דאָס, וואָס קיין שום אַנדערער שוישפּילער פאַר איהם האָט פּערזענליך נישט דערגרייכט: ער איז אויפגעטראָטען אויף אַן עהרען־אָווענט פאַר אַ פאַרדינסט־פולען שפּאַנישען שוישפּילער, אין אַן איבערגעפּאַקטען טעאַטער מיט קריסטען, פאַר וועלכע עס זענען אויפגעטראָטען די גרעסטע שפּאַנישע קינסטלער, און ער האָט מיט דער רעציטאַציע פון „האמערס" אין אידיש אַזוי איבערגעראשט דעם עולם, וואָס האָט פון דער מימיק און זשעסטיקולאַציע דערשפּירט ד י מ י ס י ע פון „האמערס", אַז די ווערטער זענען שוין ממילא געווען פארשטענדליך — מאָרים שוואַרץ איז געווען, נישט בלויז דער שטורעם פון יענעם קאָנצערט, נאָר אויך אויף אַ לאַנגע צייט אַ טעמע צווישען קריסטען ו ע ג ע ן דעם גרויסען קינסטלער ד ע ם א י ד ע ן.

און, אַריבערגעהענדיג פון דער גרויסקונסט. וועלכער מ׳שטעלט הויכע טעאַטראַלישע און ליטע־

ראַרישע פאָדערונגען, צו דער פאַרווײלונגס־קונסט. וואָס מ'שטעלט נישט פאַר אַזאַ האַרבען משפט, שווימט אַרויף דער נאָמען חבל כ"ץ, אַ קלײנקונסט־אַרטיסט, וועלכער איז אויפגעשטיגען אין אַרגענטינע און געוואָרען אַן אמת'ער ליבלינג אין אַ סך טויזענטער אידישע הײמען, מיט זײן געזאַנג, מיט זײנע מאָטיוען, מיט זײן משדך־זײן די אידישע און די שפּאַנישע גאַס. חבל כ"ץ (326) איז געווען דער אײנציגער אידישער אַרטיסט אין אַרגענטינע, וועלכער האָט באַוויזען צו זײן אומאָפּהענגיג, דער אײנציגער, וואָס איז געוואָרען אַלץ־מעהר באַליבט. וואָס־לענגער ער איז געווען אין לאַנד, פּונקט להיפּוך צו אַלע אַנדערע שוישפּילער. דאָס איז געווען דער אײנציגער אַ ר ג ע נ ט י נ ע ר „סטאַר", אַן אמת'ער שטערן אויפן געביט פון קופּלעט, וואָס ער האָט אַלײן געשריבען, אַלײן צו דעם צוגעפּאַסט מוזיק, צו אַ סך אַדאָפּטירט פּאָפּולערע אַרגענטינער מוזיק און אין די ווערטער אַרײנגעגעבען דעם אַרגענטינער קאָלאָריט, מיט אַ סך שפּאַנישע ווערטער, מיט אַלע חנ'דלאך און מײנדלאך, סאַטירע

---

(326) געקומען אין בוענאָס־אײרעס אין 1930 פון ווילנע, וואו ער האָט געהערט צו דער קינסטלער־גרופּע פון „יונג־ווילנע", און געשטאָרבען אין ב"א, פון אַ האַלז־אָפּעראַציע, פון אַ „שפּילעכל", פון מאַנדלען, דעם 8־טען מערץ 1940. חבל כ"צ'ס טויט האָט דער־שיטערט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג און אַזאַ לויה איז נאָך אין אַרגענטינע נישט געווען: דרײ־סיג טויזענט מענשען האָבען זיך אין איהר באַטײ־ליגט און געווען אַזעלכע האַרצרײסענדיגע סצענעס, ווי ס'וואָלט בײ טויזענטער מענשען אַ ב ר ו ד ע ר געשטאָרבען... דעם 20־סטען מאַי 1940, צופעליג אין דער נאַכט, ווען ס'איז געוואָרען צעהן יאָהר, זינט חבל כ"ץ איז געקומען אין לאַנד, זענען פאַרגעקו־מען טרויער־אַקטען אין צוויי טעאַטערס פּאַראַמאַל, אין אַוועניט, און בײדע גרויסע טעאַטערס, „סאַ־לעיל" און „עקסעלסיאָר", זענען געווען געפּאַקט. דאָס דערצעהלט פון דער ליבשאַפט, וואָס חבל כ"ץ האָט זיך דערוואָרבען אין די צעהן יאָהר פון זײן געפינען זיך אין אַרגענטינע. אַלט געווען 36 יאָהר,

און הומאָר פון דער נייער סביבה. ער האָט געקוי־
בעצט, חבל כ"ץ, די גאַנצע וועלט, געוויזען די לע־
בערליכקייט פון די שמענדריקעס און יאַכנעס, וואָס
מאַכען אַ תל פון שפּאַניש; דעם צעקראַכענעם סענ־
טימענטאַליזם און דאָס זוכען פרייד ווי מיט ליכט:
די דאגות פון די עלטערן און דעם עלענט פון
עמיגראַנט, וואָס זוכט פּרנסה און וויל וואָס־גיכער
אַראָפּברענגען די פאַמיליע; די אַסימילאַציע פון
דער יוגענט אויפ'ן קאַמף און דאָס אַנטלויפען פון
די קאָלאָניסטען פון די פעלדער; די אומבאַהאָל־
פענקייט פון אַקטיאָרען און די קהל'שע רייסערייען:
די באַנקעטען מיט די אומענדליכע רעדעס און די
בייסענישען צווישען שרייבער; די „סטאַרען" מיט
זייערע שוואַכקייטען און — דאָס אַלץ אין קרומען
ליכט, מיט ווילנערישען קולטוריזם, מיט הומאָר פון
אַ פרעהליכען ליטוואַק, מיט לעבענסלוסט, מיט מו־
זיקאַלישקייט, וואָס ער האָט אינטערפּרעטירט מיט
גאַלאַנ'ישער געפּוצטקייט, אַ לאַכעדיגער, באַגליי־
טענדיג זיך אַליין אויף פאַרשיידענע אינסטרומענ־
טען און אַנשטעקענדיג אַלעמען מיט זיין פרעהליכ־
קייט. חבל כ"ץ האָט אויף זיך זעהר אַ סך געאַר־
בייט, איז אוועק צו אייגענע לידער מיט טעאַ־
טער־עפעקטען, האָט אימיטירט אַקטיאָרען און עמך,
האָט באַנוצט קאָסטיומען פאַר כאַראַקטעריזאַציעס,
אויך גרים, פּאַרוקען, ווי אַ קינסטלער אַ טראַנס־
פאָרמאַטאָר, מיט אַ קול, וואָס האָט נאָכגעמאַכט
אַלע מינים זינגער. ער איז געוואָרען די גרעסטע
קאָנצערטען־אַטראַקציע אין אַרגענטינע (327), האָט
אַרויסגערופען אַנטציקונג ביי יונג און אַלט, „גרי־
נע" און „געלע", און איז פּשוט פאַרגעטערט געוואָ־
רען פון קינדער, פאַר וועלכע ער האָט טאַקע גע־
שאַפען אַ רייע עפעקטפולע נומערען אין דעם ריי־
כען רעפּערטואַר, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט אין די
צעהן יאָהר — אַרום פינפהונדערט קופּלעטען, פּאַ־

(327) „אַרגענטינער גליקען", פּאַראַדיעס און קופּלעטען, 16 זייטען, אַלבום־פאָרמאַט, דערשינען אין 1933, איז די איינציגע אויסגאַבע פון חבל כ"ץ. פון 1939 האָט „די אידישע צייטונג" געדרוקט, יעדען פרייטאָג, „אַזוי זינגט חבל כ"ץ", טעקסט מיט נאָטען.

ראַדיעס, סאַטירעס, הומאָריסטישע מעשה׳לעך און לייכטע לירישע לידער, מאָטיוון, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך ליטעראַרישע פּערזן מיט פיינער שטימונג, צומאָל אַזעלכע, וואָס קענען פאַררעכענט ווערן צום אָנהויב פון אַרגענטינער פאָלקס־פּאָעזיע. חבל כ״ץ איז געווען אַ בריק פון עמך צו דער אַסימילירבאַרער יוגענט. אויך ניט־אידען, וואָס האָבן איהם געהערט און געזעהן, זענען פון איהם אַנטציקט געוואָרען (328). חבל כ״ץ איז געווען אַן איינציגער אין זיין מין, האָט זיך געשאַפען חסידים אויך צווישען די גרעסטע קינסטלער, וועלכע זענען געווען אין אַרגענטינע אויף גאַסטראָלען, און קיינער פאַרנעהמט נישט זיין לידיג־געוואָרען אָרט. כאָטש איינינע אַרטיסטען האָבען עס געפּרואווט און נעהמען זינגען זיינע לידער.

אין די לעצטע יאָהרען, זינט 1938, האָט מען אָנגעהויבען אימפּאָרטירען קיין בוענאָס־איירעס אויך די בעסטע אידישע רעדעוודיגע פילמען, וואָס פאַרגרעסערען נאָך די ווירקונגען פון טעאַטער. די ערשטע אידישע פילמען אַפּעלירען שטאַרק צו אידישער טראַדיציע, פאָלקלאָר און אידישען סענטימענט. איינינע לידלאַך, געזונגענע אין אידישע פילמען, זענען גיך אַריבער צום עולם, אַריינגעדרונגען אין אַ סך אידישע היימען, און ס׳איז ספּעציעל־אינטערעסאַנט אונטערצושרייבען, אַז זיי ווע־

328) עטליכע שפּאַנישע אַקטיאָרען, נתפּעל פון חבל כ״צ׳ס זשאַנר, האָבען איהם גענומען נאָכמאַכען. „חבל׳ע״ — ווי מ׳פלעגט איהם רופען פאַרצויגען, און געררופען האָט איהם אַזוי אויך דער ברייטער עולם — האָט אויסגעאַרבייט גאַנצע דעקלאַמאַציעס, ווי „טוקומאַן״, וואו ער האָט אימיטירט אַ רייזע אין אַן אַרגענטינער באַהן, שילדערענדיג די פּאַסאַזשירען מיט זייערע דאגות און שוואַכקייטען. „טוקומאַן״, געזונגען אויף ראַדיאָ׳ס, פלעגט באַצויבערען. — איינינע קופּלעטען פון חבל כ״ץ, איבערהויפּט „אבינו מלכנו״, ווערען געזונגען אויף עמך־דיגע צוזאַמענקונפטען. חבל כ״ץ האָט בעסערע לידלאַך, אַלץ אויף אַרגענטינער טעמעס, וואָס קענען אַריינדרינגען אין עולם און געזונגען ווערען.

רען אויך געזונגען פון אזעלכע קינדער, וועלכע זע־נען שטומפיג אין אידיש.

לויט זיין קאנסטרוקציע איז דער אידישער פילם אין די ערשטע פופצעהן יאהר פון זיין אנט־וויקלונג אן אויסגעשפראכענע פארם פון אידישען טעאטער (329).

דער אידישער קינא איז מעהר טעאטער ווי קינא.

דאס אידישע טעאטער און די עסטראדע האט, אזוי ארום, געשפילט זעהר א וויכטיגע ראלע אין דער געשיכטע פון דעם אידישען לעבען אין אר־גענטינע, האט געשטארקט ד א ס א י ד י ש ע און כסדר געגענגעווירקט דער אסימילאציע. דינענ־דיג גלייכצייטיג פאר נאציאנאלער רעפרעזענטאנץ, ניט בלויז פאר אידען, נאר אויך פאר ניט־אידען, הויבענדיג דעם אידישען נאמען און אינספירירענ־דיג דרך־ארץ און ליבשאפט.

---

329) דער נארד־אמעריקאנער דר. טשארל גראל איז געווען דער, וואס האט אין 1939 דער ערשטער אראפגענומען די בעסטע אידישע פילמען, געגעבען אין „מיטרע״; אין 1940 האט א סוחר און כלל־טו־ער, ישראל קארפעס, גענומען א ניי קינא־טעאטער. „סינע קאריענטעס״, פאר די נייסטע איד. פילמען. „א בריוועלע דער מאמע׳ן״ מיט לוסי גערמאן און מאקס באזשיק און די פריהערדיגע פילמען, „אידעל מיט׳ן פידעל״ מיט מאלי פיקאן און „יאנקעל דער שמיד״ מיט משה אוישער און דר. פאול באראטאוו, האבען געמאכט א רושם פון און פאר טעאטער.

— XVIII —

אַ געשיכטע פון גאסטראָלען און פון שטענדיגען אָנהויב

ליבשאפט רופען ארויס א סך מאמענטען פון דער אידישער טעאטער - געשיכטע אין ארגענטינע. דערפאר איז וועהטאגליך, הלמאי נאך אזוי פיל כעזאנישע דערפאלגען, וואס די בינע האט פארצייכענט אינם לויף פון א פערציג יאהר, זינט איהר אפיציעלער עקזיסטענץ (330), נאך אזוי פיל גלאנץ און באמת־ווערטפולע קינסטלערישע פארשטעלונגען, שטעהט מען נאך אלץ — ביים אנהויב.

בערנארדא וויסמאן (331) האט אין ערשטען אידישען טעאטער, „דאריא" (332), אין דעם יאהר

---

330) מען זאגט, אז אידיש טעאטער איז געשפילט געווארען אין בוענאס־איירעס נאך איידער עס איז אנגעקומען די נייע אימיגראציע פון 1889, פון וועלכער עס הויבט זיך אן רעכענען די געשיכטע פון ישוב. זאל עס זיין אמת, אז נאך אין 1886 האבען אקטיארען אין ב"א געשפילט טעאטער? א דילעטאנטישע פארשטעלונג, וואס מ'געדענקט, נאך פארן פראפעסיאנעלען טעאטער, אויך אין 1901, איז געווען „ווערמאנט אויף דער קאטרע". אין דעם זעלביגען יאהר האט בערנארדא וויסמאן ארגאניזירט זיינע ערשטע פארשטעלונגען.

331) בערנארדא וויסמאן איז געקומען אהער, אין 1901 און געשטארבען דעם 17־טען יוני 1934, אין בוענאס־איירעס, וואו ער האט די לעצטע יאהרען, טיילווייז א פאראליזירטער, נישט געשפילט מעהר קיין טעאטער, זיך אויסגעהאלטען פון בענעפיסען און פון דיריזשירען כארען אין שוהלען צו ימים־נוראים.

332) „דאריא" האט שפעטער געביטען דעם נאמען אויף „מארקאני". קיין אידיש טעאטער שפילט מען שוין נישט דארטען א סך יאהרען, כאטש עס געפינט זיך בלויז עטליכע קווארדרעס אין א זייט פון אידישען צענטער. א גרויס און שעהן טעאטער, נאר מ'האט געווארפען אויף איהם אן אומ'חן — ווייל מ'שפילט דארטען שפאניש טעאטער פאר ביליגע פרייזען און די „מארקע" פון טעאטער איז א נידעריגע.

1901 זיך פרעזענטירט מיט א טרופע אין גרויס־
אוועקגעשטעלטע ספעקטאקלען, פון דעם בעסטען
אידישען אפערעטע ־ שעפער, פון דעם „פאטער פון
אידישען טעאטער", אברהם גאלדפאדען. אין טעא־
טער „דאריא", וואו עס זענען ארגאניזירט גע־
ווארען די ערשטע אידישע ספעקטאקלען פון פרא־
פעסיאנעלע אקטיארן (333), האט בערנארדא ווייס־
מאן אויפגעפיהרט די פיעסען, וואס האבען שפע־
טער געקראגען א שם אלס די קלאסישע ווערק פון

---

333) כאראקטעריסטיש, וואס בעת אין די ערשטע יאה־
רען האט מען געשפילט אידיש אין „דאריא", „אר־
פעאן גאזשעגא פרימיטיווא" (אויף טשאקאבוקא),
„ארפעאן עספאניאל" (פיעדראס), „טעאטרא נאסיא־
נאל דעל נארטע", „באטאגליא" (היינטיגער „גראן
ספלענדיד"), אין טעאטער ־ סאלאנען, וועלכע זענען
נישט דווקא געלעגען אונטער דער האנט פון די דע־
מאלטיגע „אידישע גאסן"; בעת ארום די יארן 1930־
1936 האט מען, כדי צו קריגען שעהנע און גרוי־
סע טעאטערס, געשפילט גאנצע סעזאנען אין „קאלי־
סעא", „נועווא", „ארכענטינא", וואס ליגען איננאנ־
צען מחוץ פון אידישען צענטער; האט מען אין די
לעצטע יאהרען דווקא גענומען „ציען", אין טעא־
טערס פון „געטא", אין „עקסעלסיאר", „סאלעיל".
איןביידע געהען אריין צו טויזענט מענשען לערך,
„מיטרע" פון דער געגענט וויזשא קרעספא", אין
פשוט'ען „אמבו" און פעריאדיש אין „לאסאל", אלץ
טעאטערס פון אונזער „געטא", כאטש זיי זענען ניט
אזעלכע פאראדנע ווי די פון דעם שפאנישן צענטער,
כאטש דאס פובליקום איז היינט רייכער ווי דאס אמא־
ליגע, כאטש צו פאהרען אין א צווייטער געגענט
זענען היינט דא גרעסערע באקוועהמליכקייטען ווי
אמאל און כאטש דאס אידישע פובליקום זוכט היינט
מעהר לוקסוס ווי אמאל. אויף קאריענטעס, צווי־
שען דער געדיכטער אידישער
באפעלקערונג, ווילען היינט זיין אלע
אידישע טעאטערס. אידען וואוינען וואו זיי ווילען,
נאר זייער טעאטער געהט צוריק אין „געטא", כאטש
די בינע דארף האבען אלץ־גרעסערע באקוועהמליכ־
קייטען.

אונזער טעאטער־רעפערטואר, „שולמית", „קוני לעמעל (334), „שמענדריק". און זיי זענען אויפגעפיהרט געווארען נישט אבי ווי, נאר מיט פארנעהם: אין איינעם פון די ערשטע פראגראמען ווערט אנגעגעבען, אז אין „קוני לעמעל" איז אויפגעטראטען א כאר פון 35 פערזאן (335), און דער ארקעסטער איז באשטאנען פון 20 מוזיקער, דיריזשירט פון ענריקע אסטענגא (336). איז, ווי פארזיכטיג מיר זאלען זיך פארהאלטען צו דער רעקלאמע פון טעאטער־אפישען און פראגראמען און וועלען עפעם „אראפלאזען", באקומט זיך אלץ א בילד פון ספעקטאקלען מיט גרויסען פארנעהם. וואס פאר אן אפערעטע־רעפערטואר שפילט מען אבער אין בועַנאס־איירעס'ער טעאטער מיט 39 יאהר שפעטער? ס'רוב פון וויליאם סיגעל... וואס פאר א פארגלייך

---

334) גאלדפאדענ'ס „קוני לעמעל" איז געווען די ערשטע טעאטער־פארשטעלונג אין בוענאס־איירעס, דעם 21־סטען אויגוסט 1901. קיין פראגראמען אדער אפישען פון יענער פארשטעלונג זענען, ווייזט אויס, נישט פארבליבען. די איינציגע ידיעות וועגען דעם געפינען זיך אין בערנארדא ווייסמאנ'ס זכרונות וועגען זיין ארגאניזירען די ערשטע פארשטעלונגען. — „די פרעסע", 20 יולי 1928.

335) קריסטליכע זינגער זענען באנוצט געווארען פאר די ערשטע פארשטעלונגען. אזוי ווי אין אידישען טעאטער זענען נישטא קיין כאריסטען באזונדער און טענצער באזונדער, נאר די כאריסטען מאכען אויך „באלעט", ארבייטען עד־היום קריסטען אין די בעסערע באלעט־כארען.

336) אויב עס זענען פאר די ערשטע אידישע זשורנאלען באנוצט געווארען קריסטליכע זעצער צו זעצען אידיש, איז שוין גאר קיין חידוש נישט, וואס אסטענגא, אן איטאליענער, האט דיריזשירט דעם ערשטען ארקעסטער, אין 1901. אויך מיט 35 יאהר שפעטער, ווען אידיש טעאטער איז געווארען א גרויסע און רייכע אינסטיטוציע, און עס זענען דא אידישע דיריגענטען און קאמפאזיטארען, איז געווען א רעוויו־טעאטער אין „פאליטעאמא", אונטער דער לייטונג פון שמואל גלאזערמאן, וואו עס האט אויך דיריזשירט א קריסט.

איז פון א וויליאם סיגעל אנטקעגן א, להבדיל, אברהם גאָלדפאַדען? אָבער, אַזוי איז די לאַגע. אָנ־געהויבן האָט מען אין 1901 מיט גאָלדפאַדען'ען און אין 1940 שפּילט מען ס'רוב די סיגעל'ס — —

בערנאַרדאָ ווייסמאַן, דער גרינדער פון אידי־שען טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, איז געווען אליין אַ שוואַכער אַקטיאָר (337). פון די אַנטיילנעהמער אין זיינע ערשטע ספּעקטאַקלען זענען בלויז צוויי געווען באַקאַנט אַלס אַקטיאָרען, אַ. בלאַנק און ס. פינקעל. נאָר געצויגען האָט זיי דווקא צום בעסטען. וואָס דאָס אידישע טעאַטער האָט דעמאָלט פאַר־מאָגט. געזעלשאַפטליך — כאָטש אליין אַן אַי־ניציאַטאָר פון אַראָפּברענגען שוישפּילער פון איי־ראָפּע און סעקרעטאַר פון ערשטען אידישען אַקטיאָ־רען־פאַראיין אין נייעם לאַנד, אין 1906־1907, וואָס ער האָט געגרינדעט (338) — איז ווייסמאַן געווען

337) ווייסמאַן האָט פאַרשטאַנען און געקענט מעהר פון אַנדערע שוישפּילער. נאָר אַז קיין הויכען ניוואָ האָט ער נישט פּרעזענטירט — קען מען זיך אויסמאָהלען פון זיין ליד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין 1906, „נאָך דעם מרחץ", קאָמישעס ליד פאַרפאַסט מיט מוזיק פאָן אַרטיסט בערנהאַרד ווייססמאַנן". דאָס „קאָמישעס ליעד" הויבט זיך אַן אַזוי:

„אַז נאָך דעם מרחץ איז מען פרעהליך,
דאָס ווייסט אפילו אַ קינד.
דאָס וואַבאַלע זיצט אין ווינקט מיט די עיגליך,
לוסטיג זיין זאָגט זיא איז קיין זינד".

338) דעמאָלט איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרען איזידאָר צור־קערמאַן און ער איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ „סטאַר", כאָטש דאָס דאָזיגע וואָרט איז דעמאָלט נאָך נישט באַנוצט געוואָרען. אַ. ניימאַן, אַן אַקטיאָר און זינגער, איז דעמאָלט געווען שטאַרק רעקלאַ־מירט. אגב: אונטער די פליגלען פון יענער „אַק־טיאָרען־אוניאָן", וואָס האָט באַלד פון אָנהויב געהאַט אַ שטרייק, האָט געקראָגען אַ נאָמען דאָס מיידעל מ. לעווין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען די באַ־וואוסטע אידיש־שפּאַנישע אַקטריסע מאַרסעלאַ וויים, די ע'ר ש ט ע א ר ג ע נ ט י נ ע ר א י ד י ש ע א ק ט ר י ס ע.

נישט אנטשיידנע, ווי כמעט אַלע פון דער פּראָפע־
סיע. ער, ווען מ'האָט פאַרגעוואָרפן דאָס שפּי־

אַן אַפיש פון דער ערשטער שטרייקענדיגער אידישער טרופּע
אין בוענאָס־איירעס, פון ערשטן אַקטיאָרען־פאַראיין, אין
1907, וועלכע האָט בעת'ן שטרייק אויפגעפיהרט לאַטיינער'ס
פּיעסע „חורבן ירושלים"

לען טעאטער פאר „יענע", האט אין 1907 געשפילט אין גארדינס „מירעלע אפרת" מיט דער רעקלאמע אויפן אפיש, אז מ'שפילט אין א טעאטער „וואו אנשטענדיגע פאמיליעס קענען זיך אונטערהאלטען און גוט אמיזירען אהנע אין ריזיקע צו זיין באליידיגט צו ווערען". דער זעלביגער ווייסמאן האט אבער געהערט אין 17 יאהר ארום צום „נייעם אידישען אקטיארען פאראיין אין ארגענטינא", וואו עס איז געוועזן א פונקט, נומער 3, אז „די טהירען פונם אידישען טעאטער פונם נייעם געגרינדעטען פאראיין זענען אפען (און דא שטרייך איך אונטער — ש. ר.) **פאר אלע אידען אהן אונטערשייד** (339). דורכן לויף פון קנאפע 17 יאהר זענען די פראבלעמען פון בוענאס־איירעס'ער אידישען טעאטער פארבליבען די זעלביגע. סיי אין באצוג צו טמאים, סיי אין פרט פון רעפערטואר, פונקט ווי פארן קענען זיין זעלבסטשטענדיג און נישט דארפען אנקומען צו גאסטראליארען.

דורך די אקטיארען ־ פאראיינען, וועלכע זענען אין פארשיידענע פעריאדען געגרינדעט געווארען אין בוענאס־איירעס, האבען זיך דער'עיקר'שט אפגעשפיגעלט די פרנסה ־ פראגען און דאס פראבלעם פון „טהרה". א גרויסער פרואוו, צו קאנצענטרירען אין אזא פאראיין אלע פראגען פון שוישפילער, איינגעשלאסען די זארג פאר א בעסערען טעאטער, איז געמאכט געווארען אין 1922 אונטער דער ווירקונג פון ה. ד. נאמבערג אלס גאסט. דער שטרייק איז פאר אקטיארען געוועזן א גוטע געלעגענהייט צו רעדען וועגען בעסערען טעאטער, ווייל אין זכות פון קולטור איז לייכטער געוועזן צו געבען דעם עולם צו פארשטעהן, אז דאס טעאטער איז א נויטיגע קהל'שע אינסטיטוציע, פאר וועלכער די געזעלשאפט איז מחויב צו זארגען. דער שטרייק, וואס איז אונטער נאמבערג'ס פראטעקציע געפיהרט גע־

(339 אין דעם אנארכיסטישען זשורנאל „לעבען און פרייהייט", פון 1908, אין נומער 2, האט א טעאטער באזוכער געגעבען „א פראקטישערען פארשלאג, און דאס איז: זאל דער טהעאטער מיטוואך שפיעלען פיר אלע און זונטאג נור פיר פאמיליעס".

וואָרען אין 1922 געגען טעאַטער „אָלימפּאָ" איבער באַראַצ'ן (340), וואו מאַקס מאַריענהאָף האָט געהאט די דעה (341), איז געשטיצט געוואָרען דורך

---

340) דער פאַל מיטן באָיקאָט אויף דוד באַראַצ'ן האָט דערוויזען, וואָס פאַר א כוח עס האָט די געזעלשאַפטליכקייט. באַראַץ האָט פון דעם באָיקאָט געליטען אויך אין נאָרד־אַמעריקע א רייע יאָהרען. געשטאָרבען איז באַראַץ אין ניו־יאָרק אין 1931 בעת'ן שפּילען אויף דער בינע. דאָס פּובליקום האָט געמיינט, אז דאָס „שפּילט" באַראַץ דעם טויט און, ווען ער איז געפאַלען, האָט דאָס פּובליקום אויסגעררופען: „בראַוואָ, באַראַץ, גוט געשפּילט!" . . .

341) מאַקס מאַריענהאָף האָט געשפּילט איינע פון די וויכטיגסטע ראָלען אין דער אָרגאַניזירונג פון אידישען טעאַטער אין ארגענטינע, וואוהין ער איז געקומען אין 1907, אַליין געשפּילט בראש פון טרופּעס, האָט אראָפּגעבראַכט מאַשקאָוויטש'ן, קלמן יוועליר און בינע אבראַמאָוויטש, אין 1912 ־ 1913. מאַריענהאָף האָט דורכגעבראַכען די קריזיס ־ צייט, וואָס עס האָט געשאַפען דאָס „פּאַלאַסיאָס ־ געזעץ" געגען פרויענהענדלער, ווייל אַזאַ טעאַטער ווי „בישו", אויף סאַרמיענטאַ אין די 12־הונדערטער, וואוהין ס'איז אראָפּגעבראַכט געוואָרען א גאַנצע טרופּע מיט וואַקסמאַנ'ען, מ'האָט זי גערופען „די וואַקסמאַן־טרופּע", וואָס האָט געשפּילט כמעט פאַר בלויז רופיאַנעס, האָט געמוזט געשלאָסען ווערען, ווען די פרויענהענדלער האָבען מורא ־ געקראָגען זיך צו באַווייזען. מאַריענהאָף, זעהר־אַמביציעז, זעהענדיג ווי קאָנקורענטען אין „אָלימפּאָ" האָבען אראָפּגעבראַכט סאַראַ סילוויאַ, לאַבעל, שערמאַן און גאָלדענבורג, האָט אריבערגענומען סאַמועל גאָלדענבורג'ן, אין 1914, אין טעאַטער „גאַריבאַלדי", כדי צו קאָנקורירען מיט מאַשקאָוויטש'ן, ביי וועמען ג. האָט פריהער געשפּילט, און ער האָט געשאַפען א באַוואוסטע מארקע פון „ט ע אַ ט ע ר פ אַ ר 60 א ו ן 40", ווייל גאָלדענבורג האָט געשפּילט פאַר 60 און 40 סענט. מאַריענהאָף, אין לעצטען יאָהר דערווייטערט פון טעאַטער, איז געשטאָרבען דעם 30־סטען סעפּטעמבער 1928.

אַ רייע אידישע אַרבייטער־ און קולטור ־ פאַראיי־נען און האָט ממילא געפיהרט צו הויבען דעם קול־טור ־ ניוואָ אין טעאַטער. אויך אין דעם צווייטען סקאַנדאַל, אַרום „די רופיאַנישע אידעאָלאָגיע", וואו דער אַקטיאָרען ־ פאַראיין איז באַקעמפט געוואָרען פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווייל זיי זענען גע־שטאַנען אויף דער זייט פון „פאָלקס ־ טעאַטער" ־ צד, אין 1926, האָט דער אַקטיאָרען ־ פאַראיין גע־זוכט צו שטייגען אין די אויגען פון עולם דורכן באַ־וועגען זיינע טעאַטערס צו שפּילען בעסער און שעהנער, האָט אָרגאַניזירט אַ גראַנדיעזע גאָלדפאַ־דען ־ פייערונג און דער טעאַטער „עקסעלסיאָר". וואו עס האָט גאַסטראָלירט מישאַ עפּעלבוים, האָט אויפגעפיהרט די שעהנסטע אָפּערעטעס פון וועלט־רעפּערטואַר, אַזעלכע וואָס מ'פאַרגינט זיך איין מאָל אין אַ שמיטה אויפצופיהרען אין אידישען טעאַטער און אפשר אויך זעלטענער, ווי „טשאַר־דאַש־פירשטין" און „באַיאַדעראַ". דער לעצטער און שטאַרקסטער אידישער אַקטיאָרען ־ פאַראיין (342) האָט אויסער דעם פּרואוו צו שאַפען אַ טעאַטער־שול (343), נישט בלויז איינגעשטעלט אַ סאָלידען געזעלשאַפטליכן טאָן פאַר דער עפענטליכקייט, פאַר־היטענדיג טעאַטערס און אַקטיאָרען פון עפענטליכע סקאַנדאַלען און וואַכענדיג איבער די פּראָפעסיאָ־נעלע אינטערעסען פון זיינע שוישפּילער ־ מיטגלי־דער, נאָר אויך ו ו ע נ י ג ס ט ע נ ס זיך אַליין געטאַדעלט ביי אומצעהליגע געלעגענהייטען פאַר שפּילען שלעכטען רעפּערטואַר. „אוי, דלות, דלות! — שרייבט אַרטיסט ז. הירשפעלד ביי דער געלעגענ־הייט פון „25 יאָהר נאָך יעקב גאָרדינ'ס טויט" —

---

342) דער „אידישער אַקטיאָרען ־ פאַראיין" איז געגרינ־דעט געוואָרען דעם 21־סטען מערץ 1932 מיט 48 איינגעלאַדענע און צום סוף סעזאָן זענען געווען 69 אַקטיאָרען, דיריזשאָרען און סופליאָרען.

343) אין 1934 א"נ „יצחק דייטש שול"; עקזיסטירט אַ יאָהר; לערער זענען געווען: ז. הירשפעלד, אַ. לע־ווין, ש. וואַסערמאַן, נ. צוקער, ל. זשיטניצקי, מ. שוואַרץ און ש. ראָזשאַנסקי.

יעקב גאָרדין האָט דעם אידישען טעאַטער איבער־
געבויט פון אַ באַלאַגאַן אין אַ קונסט־טעמפּל, און
מיר, זיינע יורשים, האָבען איהם צוריק פאַרוואַנ־
דעלט אין אַ באַלאַגאַן. לאָמיר זשע ווענדען אונ־
זערע בליקען צו אונזערע אידישע שרייבער אָן
גענזענפיסלאַך; לאָמיר זיי מקרב־זיין צום אידישן
טעאַטער, וועלן זיי דאַן שרייבן פּיעסן, וועלכע וועלן
נישט נאָר זיין ליטעראַריש, נאָר אויך ליטעראַריש
ווי יעקב גאָרדינ׳ס פּיעסן זיינען געווען" (344).
אָט אַזוי איז זיך מתוודה דער בעסערער אידישער
שוישפּילער, שלאָגט זיך על חטא און רופט די
געזעלשאַפט, אַז אויך זי זאָל זיך אָפּגעבען רעכנונג
פון איהר שולד, וואָס איז געווים גרעסער ווי די
שולד פון די אַקטיאָרען, ווייל ווען דער עולם געהט
נישט אין שלעכטען טעאַטער, וואָלט דאָס טעאַ־
טער געווען געצוואונגען צו זיין בעסער. דער שוי־
שפּילער איז אריין אין דער געזעלשאַפט און ער
וואָלט מסתמא נאָך־חשוב׳ער געווען ווי ער איז.
ווען ער זאָל נישט דורכפירען די מינים „ערען־אווענ־
טען", וואָס פאַרשאַפען דעם אַקטיאָר אַנשטאָט ערע
— אום׳כבוד (345). דער אַקטיאָרען־פאַראיין
קען אָבער נישט ענדערען ראַדיקאַל די לאַגע, ווייל
ביי די אַלע אוצרות, וואָס פלימען אריין אין אידי־
שען טעאַטער, בלייבט דער אָרעמער שוישפּילער
זעהר־אָפט אַ מחוסר־לחם. נישט איינמאָל איז די
אַנגעזעהענסטע אַרגענטינער אַקטיאָרען אויסגעקו־

(344 „טעאַטער", אויגוסט 1934.

(345 יעקב פערלמאַן, גערופען „דער בייזער טאַטע" (ער
איז געשטאָרבען, אַלס איינער פון די עלטסטע אַק־
טיאָרען אין אַרגענטינע, אין 1939) פלעגט רופען
די ערען־אווענטען „שנאָרער־אווענטען", ווייל אַק־
טיאָרען געהען אַליין אַרום זיך איינבעטען, אַז מען
זאָל ביי זיי „נעהמען אַ בילעט", צי מ׳וויל יאָ געהן
אָדער נישט געהן. אין 1940 האָט דער אַקטיאָרען־
פאַראיין מיט דער שטיצע פון די עמפּרעסאַרען איינ־
געפיהרט אַ העכערונג פון 5 סענט אויפן בילעט ספּע־
ציעל פאַרן „פאָנד פון נויטליידענדיגע אַקטיאָרען",
וואָס וועט אפשר מיט דער צייט באַזייטיגען די
„שנאָרער־אווענטען".

מען צו הונגערן. די אוצרות רינען אריין אין די
גאסטשפילען, אין די שיפסקארטען, טעלעגראמעס.
טראנזיט־וויזעס און איבערהויפט אין די ברוטא־
פּראצענטער. געווען אַן אומגעהויער ־ דערפאלגרייך
טעאטער, וואס האט געהאט הכנסה ארום פערציג
טויזענט פעזעס א חודש, אבער די דירעקציע פון
טעאטער איז געזונקען אין חובות, ווייל זי האט
געהאט קנאפע 110 פּראצענט הוצאות . . .

די גאסטשפילען האבן טאקע געבראכט ניי־
עס (346). ארגענטינע האבן שוין באזוכט די גרעס־
טע שוישפילער פון אויסלאנד און עס זענען דא
געווען די פּראמינענטסטע קינסטלער פון דער אי־
דישער בינע, פון אלע זשאנרען און מדרגות. זינט
עס איז געמאכט געווארען אין בוענאס־איירעס דער
ערשטער גאסטשפיל מיט יעקב זילבערט'ן אין 1902
זענען דא איבערגעווען, ס'רוב צו דריי חדשים, אזוי
לאנג ווי א שוישפילער קען „זיך דערלויבן" צו בלייַ־
בען ביז עס קומט דער סעזאן אין ניו־יארק (347).
אלע מינים „נעמען" פון אקטיארען, וועלכע מ'האט
געהאלטען פאר אן אטראקציע אדער מ'האט גע־
דענקט צו מאכען פאר אן אטראקציע, ווען עס זע־
נען קיין אנדערע, מעהר־באריהמטע, אקטיארען ניט
געווען פריי. האבען מיר דא געזעהן די גרעסטע
ארטיסטען פון דער אידישער בינע — פון אלע
זשאנרען — דעם פּאטעטישען יעקב בן עמי און דעם

346) איבער דעם, וואס ס'איז שוין כמעט נישטא וועמען אראפּצונעהמען, אז ער זאל זיין „א נייער",
דערוואַרט דאס אידישע טעאטער אין ארגענטינע
— אדער, אדער... ווייל אז די ארגענטינער רעגי־
רונג וועט ניט לאזען קומען און עס זאל ניט זיין
קיין נייעס, וועט זיך דערפאר שליסען דאס אידי־
שע טעאטער אין ארגענטינע?

347) אין די לעצטע 15 יאהר איז דער רוב גאסטשפּי־
לער פון נארד־אמעריקע. קאניעווסקי ־ טרופּע, זייַ־
דערמאן־לערנער, רעגינא צוקער ־ צימבאליסט, זע־
נען געווען פון די געצעהלטע אפּערעטע ־ עלעמענ־
טען פון פּוילען, וואס האבען גאסטראלירט אין ב"א.
פון דראמע זענען געקומען די בעסטע: מארעווסקי,
סאמבערג, ז. טורקאוו, מנחם רובין.

פאַרבענרייכען מאָרים שוואַרץ, דעם מאַיעסטעטישן מאָרים מאָשקאָוויטש און דעם טעמפּעראַמענטפּיי־נעם סאַמועל גאָלדענבורג, דעם גייסטרייכען דר. פּאָול באַראַטאָוו און דעם שפּילעוודיגען יוסף בו־לאָוו, דעם פילאָזאָפירענדיגען אַברהם מאָרעווסקי און דעם לירישען רודאָלף זאַסלאַווסקי, די גראַציע־שפּרייטענדיגע מאָלי פּיקאָן און די שטימונגספולע בערטאַ גערסטין, דעם אויפגלאַנצענדיגען לודוויג זאַץ און דעם פאָלקסזאָגערישען אייזיק סאַמבערג, דעם שאַרפצונגיגען זיגמונט טורקאָוו און די ליטע־ראַרישע ליובאַ קאַדיסאָן, דעם פאָלקסטימליכן אהרן לעבעדיעוו און די אויפקאָכענדיגע דזשעני גאָלד־שטיין, דעם עולם־הזה׳דיגען באָרים טאָמאַשעווסקי און די ברענשטיפערישע קלאַראַ יאָנג, די שטור־מישמעלאָדראַמאַטישע דאָראַ וויסמאַן און די מאַ־מישע לוסי גערמאַן, דעם עמך׳־דיגען אהרן לאַגער און די וואָדעווילישע נעלי קעסמאַן, דעם געדיכט־כאַראַקטערדיגען איזידאָר קעשיר און דעם שפּיל־פעדערדיגען הײמי דזשייקאָבסאָן, דעם דזשעזחסי־דישען משה אוישער און דעם פּאָזעאָפּערעטישען מיכאַל מיכאַלעסקאָ, דעם אידטשאַפּלינישען מנשה סקולניק און דעם לאַכפאַבריקאַנטישן איציק פעלד. די יונגפרימאַדאָנעדיגע מרים קרעסין און דעם בופ־קאָרעקטען יוליוס נאַטאַנסאָן, דעם „פּראָדאָקשאָן”־מאַכענדיגען הערמאַן יאַבלאָקאָוו און די ציגיינערי־שע פאַני עפּשטיין, די סענטימענטאַלע מאַלווינאַ לאָבעל און דעם גאַלאַנישען וויליאַם שוואַרץ, דעם עפעקטזינגערישען מנחם רובין און דעם פּערפעקט־אַרבייטענדיגען יאָזעף שיינגאָלד, נישט אויסרעכע־נענדיג נאָך און נאָך שוישפּילער — מיט אייגענעם פּנים, כאַראַקטער און רעפּערטואַר — וועלכע האָ־בען דורכגעשפּאַצירט, ווער לענגער און ווער קיר־צער, אויף די בוענאָס־איירעסער אידישע ביהנעס.

און געשפּילט האָט מען אויסגעשפּילט — כמעט דעם גאַנצען טעאַטער־רעפּערטואַר אין אי־דיש, אויך אַ סך פון וועלט־רעפּערטואַר.

וואָס האָט מען דען נישט געשפּילט?

גוטס און שלעכטס.

דאס ערגסטע און אויך פונ'ם בעסטען.

גענוג צו זאגען, אז עס זענען געווען סעזאנען, אין וועלכע עס זענען אפגעשפילט געווארען הונדערט פיעסען אין איין יאהר!

און געווען פיין־ליטערארישע, פאעטישע ספעקטאקלען. יוסף בולאוו'ס אויפפיהרונג פון ב. רעסלער'ס „זעכציג טויזענט גיבורים" און מענדעלע'ס „מסעות בנימין השלישי" זענען געווען טעאטער־דערגרייכונגען אין בוענאס איירעס.

וואלטען דאס נישט געווען אזעלכע פארביילויפענדיגע דערגרייכונגען — — —

פּרוּאוּוען און דערוואָרבענע פּאָזיציעס

צוויי שוישפּילער אין אַרגענטינע, געקומענע פון אייראָפּע, האָבן אַוועקגעלייגט אַן אַרבייט, איינצושטעלן טעאַטער מיט אָרטיגע כוחות: פריהער קאַרל גוטענטאַג און שפּעטער אַהרן לאַגער, וועלכע האָבען די גרעסטע פאַרדינסטען פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון לאָקאַלען טעאַטער. קאַרל גוטענטאַג (348) האָט געהאַט אַ גרויסען אָנהאַלט אין דער טעמפּעראַמענטפולער יונגער אַקטריסע בערטאַ גוטענטאַג, אַ טאָכטער פון אַקטיאָרען, די אַקסעלראָד׳ס. און זיי האָבען צוזאַמען אָנגעהויבען דערוועקען אויף דער פּראָווינץ אַ ליבשאַפט צו אידיש טעאַטער און, אגב, דאָ אויפגעהויבען די פאָהן פון גאָרדיניזם, שפּילענדיג זיינע ווערטפולסטע דראַמעס און געפינענדיג טאַלאַנט אין צוזאַמענשפּיל מיט די יונגע ענריקע כייקאָווסקי און פאַני ברענער. אַהרן לאַגער, אַליין אַ באַריהמטער אַקטיאָר און רעזשיסאָר אין רוסלאַנד, האָט פאָרגעזעצט און פאַרענדיגט זיין אַרטיסטישע קאַריערע (349). לאַגער, אַ קאָמיקער מיט אימפּעט, אין די

348) קאַרל גוטענטאַג איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1904 און אין דעם זעלביגען יאָהר האָט ער געשפּילט מיט בערטאַ׳ן, באָרים אויערבאַד א. אנד., פאַרבלייבענדיג אין לאַנד 18 יאָהר. אין 1929 געקומען אויף גאַסטראָלען, אָבער — שוין אַנדערע צייטען געווען. ער איז אַלט געוואָרען און דאָס טעאַטער איז אַ סך אינגער געוואָרען... שוין געקומען אַ צייט פון „סטאַרען“!

349 אַהרן לאַגער, געקומען אין בוענאָס־איירעס אין 1912, אַראָפּגעבראַכט אַלס סטאַר, שפּילענדיג צוזאַמען מיט דער פרוי לאַגער; איז געשטאָרבען דעם 28־סטען מאַי 1940 אין עלטער פון 71 יאָהר.

יינגע יאָהרען איינער פון די שטאַרקסטע טענצער. אויך אַ פּאָפּולערער זינגער פאַרן ברייטען פאָלק, האָט פון 1912 זינט ער איז געקומען, געשפּילט אין אַ סך געלעגענהייטען אַליין אין דער שפּיץ פון טרופּעס, האָט „אַריינגעכאַפּט", הייסט עס, ביז ער האָט דערפילט, אַז ער האַלט ביים ווערען אַ „בע־נעפים־אַקטיאָר" — האָט ער זיך צוריקגעצויגען (350). אהרן לאַגער האָט זיין רייכע טעאַטער־דער־פאַהרונג פאַרפיקסירט אין אַ לאַנגער סעריע זכרו־נות, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט אַן עפּאָכע פון אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד און שכנות'־דיגע לענדער, וואו ער האָט געשפּילט, ווי אויך די איבערלעבונגען אין אידישען טעאַטער אין אַרגענ־טינע (351).

אַ שעהנעם פרואוו צו אַרגענטיניזירען דאַס אידישע טעאַטער האָט געמאַכט קאַרל גוטענטאַג אין 1917, אויפפיהרענדיג פּיעסען פון אייראָפּע־אישע און אַרגענטינער שרייבער. איבערגעזעצטע פון פּ. כ"ץ און שמואל גלאַזערמאַן, ווי אייזשען סיו'ס „דער אייביגער איד", גאַנסאַלעז קאַסטיזשאַ'ס „הגר'ס זוהן", פלאָרענסיאָ סאַנטשעס'עס „באַרג־אַראַפּ", און אין 1918 האָבען טעאַטער־מענשען, י. נוגער און קאַרל פידעלמאַן, געהאַט דערפאָלג מיט אַ ספּעציעל־צוגעשניטענער פּיעסע, „די לעצטע טעג

---

350) אין 1926. אין 1939 האָט איהם דער א"פ באַשטימט אַלס דעם ערשטען עהרן־מיטגליד פון פאַראיין און געמאַכט אַ באַנקעט, אויף וועלכן כמעט אַלע אָרטיגע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען איהם באַגריסם, האָבען באַוואונדערט זיין פּרעכטיגען איינפאַל, צו פאַרלאָ־זען די בינע באַצייטענס; אַנדערע האָבען איהם מקנא־געווען, וואָס ער האָט זיך בכלל אָפּגעלאָזט פון טעאַטער...

351) אין „די אידישע צייטונג", אָנגעהויבען דרוקען 1 יאַנואַר 1930 און פאַרענדיגט דעם 16־טען יאַנואַר 1931. די זכרונות זענען געווען באַאַרבייט פון ש. ראָזשאַנסקי. דער שוישפּילער בן ציון פּאָלעפּאָדע האָט נאָכדעם געפּרואווט נאָכפאָלגען דעם דערפאָלג, דרוקענדיג זכרונות אין אַ רייע אַרטיקלען אין „די פּרעסע".

פון ניקאָלאַי דעם צווייטען", וואָס איז דעמאָלט געווען די טעמע פון טאָג. קיין טראַדיציע פאַר אַר־גענטינער פּיעסען איז אָבער נישט געשאַפען גע־וואָרען: ווי מיט'ן טעאַטער, אַזוי מיטן רעפּערטואַר.

וואָס־ווייטער זענען די קליינע ספּאָראַדישע פּרוּוון אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער צו זיין אומ־אָפּהענגיג אָלץ־וועניגער געבענטשט מיט דערפאָלג. לעאָניד סאָקאָלאָוו, וועלכער איז עטליכע מאָל גע־ווען אַ גאַסטשפּילער, האָט זיך באַזעצט און גע־וואָלט שטעהן אין דער שפּיץ פון אַ דראַמאַטישען טעאַטער, אָבער אָהן דערפאָלג. רודאָלף זאַסלאַווס־קי, וועלכער האָט אין 1925 ־ 1926 אויפגעשטור־רעמט מיט זיין „טביה דער מילכיגער", האָט אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבען, נאָכן ווידער־קו־מען, אין 1937, זיך פאַרמאָסטען צוזאַמען מיט סאָ־קאָלאָוו'ן, אַז עס זאָל ווערען אַ „נייער אידישער פאָלקס ־ טעאַטער", האָט אויפגעפיהרט מענדעלע מוכר ספרים'ס „די קליאַטשע", ספּעקטאַקליש, אָבער אויסגעהאַלטען אין גרויסער נויט קוים אַ קורצע צייט. און דער בית־עולם פון בוענאָס־איירעס איז באַרייכערט געוואָרען מיט אַ קבר — פון אַ גרויסען שוישפּילער (352). גד זשעליאַזאַ, פּרעטענציעז, האָט געפּרוּווט שאַפען אַן אַנסאַמבעל־טעאַטער מיט בע־סערען רעפּערטואַר, אין 1935, שפּילענדיג דער/־עיקר'שט אַנטי ־ מלחמה ־ ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. נאָר בלויז אַ פּרוּוו. און אין 1940 האָט חבל בוזגאַן געפּרוּווט אין „אַמבו" איינשטעלען אַן אַנסאַמבעל־טעאַטער מיט'ן רעפּערטואַר פון דער וואַרשעווער „נאַציאָנאַלער ביהנע", אָבער מיט וועניג דערפאָלג.

דאָ מוז אָבער געזאָגט ווערען, אַז די שוישפּי־לער, וועלכע קומען זיך דאָ באַזעצען און איינשטע־לען אַ פּערמאַנענט אָרטיג טעאַטער, נישט געשטיצט אויף גאַסטשפּילען, קומען ס'רוב אויף דער עלטער, ווען זיי האָבען שוין זייער יוגענט־טאַלאַנט ערגעץ אַנדערש־וואו אַוועקגעגעבען פאַרן טעאַטער און דאָ קומען זיי אַלס וועטעראַנען אָדער אויפ'ן וועג פון

352) זאַסלאַווסקי איז געשטאָרבען אין בוענאָס־איירעס דעם 19־טען סעפּטעמבער 1937, צו 51 יאָהר.

וועטעראַנען... און די יונגע ווילען צופיל „סטאַרע־ווען" . . .

ראַטעוועט זיך דאָס טעאַטער מיט געסט.

קומען געסט — פאָהרען געסט.

געסט, געסט, געסט.

דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענטינע איז אַ האָטעל מיט אַ גרויסער ביוראָ פאַר טראַנזיט־וויזעס . . .

אמת, אויסלענדישע שוישפּילער זענען מעהר פּריווילעגירט ווי שרייבער.

בעת צומאָל קליינע אַקטיאָרען באַווייזען צו קומען פון אויסלאַנד אומאויפהערליך, האָבען אַפילו באַריהמטע שריפטשטעלער נישט די מעגליכקייט צו קומען אויף אַן איינלאַדונג. דער איינציגער שריפט־שטעלער, וועלכער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרען קיין אַרגענטינע אויף אַן איינלאַדונג, איז געווען שמואל ניגער (353), בעת אַלע אַנדערע זענען גע־קומען, אָדער אויף אייגענע הוצאות, אָדער צו ניט־אידען (354).

אויך אין פּרט פון געמיינשאַפטליכקייט איז דעם שוישפּילער אַ סך פּרעהליכער ווי אַנדערע קינסטלער און — איבערהויפּט נאָכן טויט...

איז געווען אין אַרגענטינע דער וועלט־באַ־ריהמטער מאָלער מאָריץ מינקאָווסקי, דער קלאַ־סישער מאָלער פון דער אידישער נויט, און אַז ער איז געשטאָרבען אין בוענאָס־איירעס (355), איז

(353) געקומען אין 1934 אויף דער איינלאַדונג פון דער „געזעלשאַפט פאַר אידיש - וועלטליכע שולען אין אַרגענטינע" אויף אַ קאָנפערענצען - טור.

(354) ה. לייוויק איז געקומען אין 1936 דורכן אַלוועלט־ליכען „פּען"־קלוב - קאָנגרעס".

(355) מינקאָווסקי איז געשטאָרבען אין בוענאָס־איירעס, דורך אַן אויטאָמאָביל - אַקצידענט, דעם 24־סטען נאָוועמבער 1930. געקומען איז ער קיין אַרגענטינע אין 1929, מיטברענגענדיג אַ ריזיג קונסט־פאַרמע־גען, וואָס איז געווען עקספּאָנירט אויף אויסשטע־לונגען, נאָר וואָס איז געוואָרען לסוף צעטרענצעלט און טיילווייז פאַרזעצט אין פאַרשיידענע הענט — נאָך גוט, וואָס „איוואָ" האָט אין 1941 געמאַכט די איניציאַטיווע פאַר אַ מינקאָווסקי־מוזיי.

עד־היום נאך ניטאָ קיין מצבה, נאָר ס׳איז פון דער נויט געמאַכט געוואָרען אַ טוגענט: מינקאָווסקי׳ס מצבה רופט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט דורך דער באַשיידענקייט... בעת זאַסלאַווסקי׳ס קבר האָט איי־נע פון די שעהנסטע מצבות און אַקטיאָרען טוהען שווין, אַז מ׳זאָל אין זאַסלאַווסקי׳ן זיך דערמאָנען...

ביים לעבען זענען אָבער די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער כסדר אַפּהענגיג פון אַלעמען, נאָר — אַזוי מיינען זיי — נישט פון זיך.

די, וועלכע האָבען אויף זייער קרעדיט אַזאַ ריזיגע טעאַטער־אָרגאַניזאַציע, זענען פאַר זיך אַליין אומבאַהאָלפען.

אויב זלמן זילבערצווייג׳ס קומען אין אַרגענ־טינע, אין דער מיסיע פון זיין טעאַטער־לעקסי־קאָן, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַרגענ־טינער אויפטו, איז כדאי דאָ אָנצואווייזען, אַז נישט די אַרגענטינער האָבען דאָס געמאַכט, נאָר ער אַליין, דער עקשנות׳דיגער זילבערצווייג, וועלכער האָט, אין 1936, געמאַכט אַ סך אויפקלעהרונג און שטי־מונג פאַר טעאַטער.

וואו איז אָבער די זעלבסטשטענדיגקייט פון אונזער טעאַטער־משפחה?

אין בינע־אונטערנעמונגען האָבען ניט די אַר־טיגע שוישפּילער קיין קוראַזש צו גלויבען זיך.

נאָר ליבהאָבער האָבען נאָך דעם מוט — פון צייט צו צייט — אויפצושטייגען מיט גלויבען, אַז זיי וועט געלינגען אוועקצושטעלען אַ שטענדיג טעאַטער מיט אייגענע כוחות.

אַמאַטאָרען־טעאַטער איז פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אַרגענטינע און פאַראַן ערטער, וואו עס האָט אויך פאַרצייכענט דערפאָלגען. דער ליבהאָבער־קרייז פון דער מאָזעסוויל׳ער „קדימה״ האָט גע־האַט אויף זיין קרעדיט צעהנדליגער אויפגעפיהרטע פּיעסען פון בעסערען רעפּערטואַר, וואו עס האָבען זיך אויך באַוויזען אייניגע טאַלאַנטירטע שפּילער, וועלכע זענען אָבער צום פּראָפעסיאָנעלען טעאַטער נישט אריבער. דוד ווייסענבערג, דער רעזשיסאָר פון רוב ספּעקטאַקלען, וואָס אין אַ סך פון זיי האָט ער אויך געשפּילט, האָט דעם גרעסטען חלק אין דעם ערנסטען צוגאַנג. די דאָזיגע ספּעקטאַקלען האָ־

בען געהאט אויף מאַזעסוויל אזא ווירקונג, אז א סך יאָהרען האָט דאָרטען שונד־טעאַטער פון פּראָפּע־סיאָנעלע אקטיאָרען נישט געהאט קיין שום דער־פאָלג.

אין בוענאָס־איירעס איז ליבהאָבער־טעאטער קול־טיווירט געווארען נישט מיט אזא ברייטקייט ווי אויף דער פּראָווינץ. קלובען, ביבליאָטעקען און לאנדסלייט־פאַראיינען האָבען געהאט אויך דראמ־קרייזען צווישן זייערע פאַרשיידענע אַקטיוויטעטען. אָבער די טעאטער־פּראָגראמען זענען דאָרטען גע־ווען באשרענקט. היות די גרויסשטאָדט האָט גרויסע טעאַטערס, האָבען די דראמקרייזען נישט געקענט פּרעטענדירען צו מאכען גרויסע הוצאות אויף א פאָרשטעלונג, וואס מ׳האָט אויף דער פּראָווינץ יאָ געמאכט, ווייל אויף דער פּראָווינץ איז געווען גרינג ארויסצונעהמען דאָס געלט מיט גרויסען פּראָפיט. כמעט אלע אמאטאָרען־ספּעקטאקלען אויף דער פּראָווינץ זענען טאקע געמאכט געווארען און ווערען עד־היום געמאכט אויסשליסליך מיט דער כוונה צו קריגען א פּראָפיט פאר דער אידישער שול, פאר׳ן נאַציאָנאַל־פאָנד אָדער פאַרן איד. שפּיטאָל וכדומה. אין בוענאָס־איירעס איז אבער נישטאָ די מעגליכ־קייט צו פארדינען ביי אן אמאטאָרען־פאָרשטע־לונג (יעדענפאלס איז דאָס זעהר א שווערע אויפ־גאבע). ממילא איז די ארבייט פון די דראמקרייזען בלויז „פאר איינענעם געברויך”, פאר די מיטגלי־דער פון דער אינסטיטוציע, וועלכע קומען סיי ווי, ווען מ׳רופט זיי. דערפאר באַנוגענט מען זיך אין בוענאָס־איירעס אין די קלובען און ביבליאָטעקען מיט׳ן שפּילען סצענקעס, מאָנאָלאָגען אדער לייכטע איינאקטערס, בעת אויף דער פּראָווינץ האָט מען געשפּילט און עס ווערען געשפּילט לאנגע פּיע־סען אויף דעם פּרימיטיווסטען אופן. פאראיינען אויסשליסליך פאר טעאטער זענען געווען ווייניג. אויף די פינגער פון איין האַנט איבערצוצעהלען. די וויכטיגסטע פון זיי זענען געווען: „יעקב גאָר־דין” אין 1921; „ארטיסטיש ווינקעלע” אין 1924 אונטער דער אָנפיהרונג פון משה טאַבאַקשניידער און נחמיה צוקער; „פרייהייט”, א קלוב, וואו ל. פאקטאָראָווסקי האָט עקספּערימענטירט קאָמפּראָ־

לעטאריש אויך אלס דראמאטיקער מיט חוש פאר מוזיק און געזאנג, אין 1926־1927; און אין 1926 איז געלייגט געוואָרען דער גרונטשטיין פאר „יונג־ארגענטינע", וואס האָט געגעבען דעם אמאטאָרי־שען טעאטער קינסטלערישע אימפולסען און איז געוואָרען דער יסוד פאר א שפּעטערדיגער העכערער אַמאַטאָרישער ביהנע־אַרבייט, „איפט". א פּרואוו פאַר אַן אַנטיטעזע פון „איפט", וואָס געהערט צום לינקען לאַגער, באַווייזט זיך אין די פּועלי־ציוניס־טישע קרייזען, אין 1940, אונטער דעם נאָמען „אינאַרקוף", געגרינדעט פון לעאָ האַלפּערן און פאָרגעזעצט פון ח. באָגאָפּאָלסקי.

„יונג־ארגענטינע", פּרעזענטירט אין 1928 אין לעאָ האלפּערנ'ס אויפפיהרונג פון ה. סעקלער'ס דראמע „דעם צדיק'ס נסיעה", איז געווען אַן אַנ־זאָג פון זעהר־ערנסטען צוגאַנג צו אַמאַטאָרישען טעאָטער און א וויזיט־קאַרטע פון א רייהע טאלאַנ־טירטע שפּילער (356), איינינע פון זיי, אַנהויבער, מיט פעהיגקייטען און נויגונגען פאר פּראָפע־סיאָנאַליזם. „יונג־ארגענטינע" האָט געוויזען, אז מ'קען אויך מיט ליבהאָבער פארצייכענען שעהנע קינסטלערישע אויפטוען, ווען ס'איז דאָ אַן אידע־אַליסטישער צוגאַנג. דער דאָזיגער אידעאַליזם האָט אבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. מיד פון די מאטע־ריעלע קרבנות און אָנשטרענגונגען, באַאומרוהיגט פון די אינערליכע צאַנקערייען איבער אמביציעס, וועלכע מ'געפינט געוועהנליך ביי פּראָפעסיאָנאַלען. איז „יונג־ארגענטינע" צעבראָקעלט געוואָרען נאָך איליאַ ריס' (357) אויפפיהרונג פון מאקסים גאָר־קי'ס „אויפ'ן אָפּגרונט". דאָ האָבען אויך צוגע־

---

(356) איז „יונג־ארגענטינע זענען אריבער די בעסטע אמאטאָרען פון א רייהע ב"א ליבהאָבער־קרייזען פון אלטע און נייע קלובען און לאנדסלייט־פאראיינען.

(357) איליאַ ריס, א רוסישער רעזשיסאָר פון אָפּערע־טרופּעס, איז געשטאָרבען אין 1934. אין דעם זעל־ביגען יאָהר איז געשטאָרבען ל. פאקטאָראָווסקי, וועלכער האָט פארפאַסט א רייהע אקטערס. ביידע פארענדיגט זייער לעבען אין נויט און פיזישע פּיין.

שפּילט פּאָליטישע אַרגומענטען. זענען אייניגע אוועק צו די מיטגלידער פון „פרייהייט"־קרייז, וועלכע האָבען געשאַפען א נייעם אמאַטאָרען־פאַר־איין, וואס האָט זינט 1932 געהייסען „אידראַמסט" און פון 1936 „איפּט" („אידיש פאָלקס־טעאַטער"). אונטער פאַרשיידענע לייטונגען, פון ל. פאַקטאָראָוו־סקי, יעקב פלאַפּאַן, יוסף שווארצבערג, גד זשע־ליאזשאָ, חיים בראַקאַזש, דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק, און דוד ליכט. עטליכע צעהנדליג פּיעסען זענען אויפגעפיהרט געווארען אין אָט־דעם טעאַטער. „אידראַמסט", אָנגעהויבען מיט „בעז־באָזשניק"־טעאַטער, האָט זיך דערשלאָגען צו עט־ליכע גרויסע ספּעקטאַקלען, אדאַנק דער איבערגע־געבענקייט פון ארבייטער־קאָלעקטיוו, דיסציפּלינירט פון די רעזשיסאָרען. שווארצבערג'ס אויפפיהרונג פון דר. ציפּור'ס „דערוואכונג" („אויפשטאַנד") אין 1936 איז געווען דאָס בעסטע פון „אידראַמסט", א ספּעקטאַקעל מיט פארב און בלוט און אימפּעט. דער גרויסער אָנהויב פון „איפּט" איז געווען אין ראָזענבלום־מעלניק'ס דוד הערמאַנ'ישער אויפפיה־רונג פון „ביינאַכט אויפ'ן אלטען מארק", וואו ס'איז געווען א פיינער אָנזאָג פון קינסטלערישען אַנ־סאַמבעל־ספּעקטאַקעל. די ברייטסטע מעגליכקייטען האָט אבער באַקומען דוד ליכט, א טאַלאַנטירטער רעזשיסאָר, דער איינציגער רעזשיסאָר, וואס ווערט אויסגעהאַלטען פון א אידישען טעאַטער אין בוע־נאָס־איירעס (358). ער האָט אויפגעפיהרט משה קולבאַק'ס „בויטרע", י. ל. פּרצ'עס „אין פּאָליש אויף דער קייט", לייוויק'ס „קייטען" און „אָרימע

(358) אין פּראָפעסיאָנעלען טעאַטער איז, מיט איין אויסנאַהם, קיינמאָל נישט געשטעלט געווארען אויף א רעזשיסאָר. די חברים־טרופּע פון „עקסעלסיאָר" האָט געפּרואווט שטעלען דאָס טעאַטער אויף א רעזשי־סאָר, אין 1935. יצחק נאָזשיק האָט אלס רעזשיסאָר באַדאַרפט פאַרטרעטען דעם סטאַר, האָט געשטעלט די רעווי „תל־אביב" און אנד., אבער אָהן דערפאָלג. דער עולם פאַרשטעהט, אז אויב א „סטאַר", מוז עס זיין אַן אקטיאָר און ע ר מוז זיין אויף דער ביהנע וואָס־לענגער...

מלוכה", אהרן צייטלינ'ס „אין קיינעמ'ס לאנד" און מ. דאניעל'ס „יאהאן גוטענבערג", פון וועלכע איי־ניגע זענען געווען איינדרוקסרייכע ספעקטאקלען, וואו דאס סאציאלע איז שטארק אונטערגעשטראָ־כען געווארען און וואו דאס בעסטע איז געווען אין די מאסען־סצענעס און אין צוזאמענשפיל. הגם מען שפירט דעם מאנגל פון ארטיסטישע עלע־מענטען (נישט אין כמות, נאר אין איכות), האבען די אמאטארען פון „איפט", דיסציפלינירט פון רעזשיסאר, דערגרייכט דורך קרבנות און עקשנות א סך וויכטיגע קינסטלערישע מאמענטען, און אזוי ארום איז דער „איפט" קולטורעל געווארען גאנץ־אפט א געגענגעוויכט צום שונד־טעאטער. וואס פארפלייצט אנדערע ביהנעס. פון קאלעקטיוו באווייזט זיך ווי א שוישפילער זישע גאלדוואסער און עס ווייזען ארוים באגאבונג ירדניה פיין, מאקס בערלינער, ה. מערקין, גאלדע פלאם א. א.

פאר דער קינסטלערישער דערהויבונג ווירקען די באזוכען פון קאנצערטיסטען, וועלכע שאפען — טעאטער ביחידות.

די קאנצערטען פון דער גרעסטער אידישער פאלקלאריסטין, איזא קרעמער, האבען א שייכות צום אידישען טעאטער און באאיינפלוסען די סביבה. הויבענדיג דעם ניווא פון ווארט, מוזיק און גייסטי־גער פעריפעריע. הערץ גראסבארט, דער „בעל־תפילה פון דער אידישער ליטעראטור", ווירקט טעאטרא־ליש, ווי קינסטלעריש־אינטים ער זאל האלטען דאס ווארט, זיין קלאנג און פארב. שוישפילעריש און רעציטאטאריש רופען צו שעהנערע פארמען די פיין־אינטעליגענטישע דבורה ראזענבלום און נחום מעליניק. אימפרעסיאנירענדיג־דראמאטיש האט אויפגעזונגען דאס ווארט חיה'לע גראבער. אקטיאָ־ריש־קאנצערטאליש זענען געווען די אויפטריטען פון וויקטאר הענקין. און די אלע געהערען בלויז צום לעצטען צעהנדליג יאהר פון פופציג־יאהריגען לע־בען אין ישוב. עס האבען באדארפט א סך יאהרען אריבערגעהן, אז א פיינשמעקערישער קינסטלער פון קאנצערט, וואס האט נישט די בענגאלישע פייערען פון ספעקטאקלען, זאל אנהויבען קומען. און זיי קומען שוין און קומען.

די אימיגראציע האט אראפגעבראכט אין די

לעצטע יאהרען א סך נייע כוחות, וועלכע בילדען צוזאמען מיט די פון פריער, א 80 שוישפילער. צווישען וועלכע עס געפינען זיך א סך מיט טאלאנט און חן, ווי שמואל אירים, זלמן הירשפעלד, זינא ראפעל, סאלאמאן און קלארא שטראמער, אדאלף שטרייטמאן, קאטיא פלאווינא, קלארא פרידמאן, אסתר ראפעל, ענריקע כייקאווסקי, בן ציון און שושנה בערדיטשעווסקי, צילי טעקס, ישראל פעלדבוים, בערטא זאסלאווסקי, עלזא ראבינאוויטש א"א, טייל אויפגעקומענע אין ארגענטינע, ווי סאמועל זילבערבערג (359), שפרה לערער, זישע גאלד, יוסף מאורער, יוסף שיין, אנא ראפעל, ע. פאטראן. און פון ניי־אנגעקומענע, מאקס באזשיק, גיטא גאלינא, חבל בוזגאן, רבקה שילער, מאקס פערעלמאן. ווי אויך די דיריגענטען, קאמפאזיטאר יעקב פיכער אויפ'ן ערשטען פלאן. געווארען א דיריגענט פון סימפאנישע ארקעסטערס, יעקב שקליאר, סימאן טענאווסקי, י. ציגאנערי. מישע שטרייטמאן — א גרויסע משפחה פאר טעאטער, מיט מעגליכקייטען, מיט רעכט אויף דערווארטונגען, ווי מען זעהט און מען הערט פון זיי, ווען זיי שפילען אונטער דער רעזשי פון גאסטשפילער, שאפענדיג דעם גאנצען ארום און אפטמאל דעם פונדאמענט, דעם קערן. אויך א קינסטלערישע סביבה פון גראנדיעזע ספעקטאקלען.

געוועזן א דיריגענט, א טעאטראל, דער קאמפאזיטאר מרדכי האכבערג, וועלכער האט געמוזט וואנדערען איבער בראזיל, זוכענדיג מזל, און דארטען האט ער, אין 1931, פארלוירען דאס לעבען אין אן אקצידענט. נישט געהאט קיין מזל ביים אידישען טעאטער אין ארגענטינע — נאך אלע גרויסע גליקען און דערפאלגען!... דער ערשטער אידישער טאלאנטפולער דיריגענט אין ארגענטינע, י. יאהאנעס, האט אויך ביים טעאטער זיך נישט געקענט איינהאלטען. אברהם גאלובטשיק איז זיינע לעצטע צעהן יאהר געוועזן דיריגענט פון ארקעס־

---

359) אלבערטינא און פאולינא סיפצער, צוויי טאלאנטירטע ארגענטינער אידישע אקטריסעס, וואס האבען א גלאנץ־געטון, זענען געשטארבען אין ב"א פאר דער צייט, זעהר־יונג.

מער אין „בית־יתומים". דער דיריגענט הענדעל קומאַק, אין וואַרשעווער טעאַטער ביי זיך אין דער היים, איז אין בוענאָס־איירעס אַן עלענטער.

געוועזן פּרוּוון פון דיריגענטען ־ קאָמפּאָזיטאָ־רען, אליין צו פאַרפאַסען מוזיק צו פּיעסען, אָבער — עס האָט ניט געלוינט די אַרבייט. צו־קורץ האָט מען געשפּילט אין ב"א פּיעסען, אַז אַ קאָמפּאָזיטאָר זאָל לוינען אוועקצוגעבען אַזוי פיל אַרבייט, וויפיל עס פאַרלאַנגט מוזיק פאַר אַ פּיעסע, וואָס האָט דערווייל נישט געהאַט די מינדעסטע שאַנסען אויף אויסלאַנד. ה. לודוויג אין „איפט" מאַכט אין דער ריכטונג די גרעסטע אַנשטרענגונג — פאַר מוזיקאַ־לישע אילוסטראַציעס צו ליטעראַרישע ספּעקטאַקלען. (וועגען מוזיק שרייבען דילעטאַנטען. דער וואָס שרייבט צום פאַכמענישסטען וועגען מוזיק, אָבער ווייניג שרייבעריש, איז אַנאַטאָל קאַהאַנאָוויטש).

בעסערע רעזולטאַטען האָבען דערגרייכט מאָ־לערס ביים מאַכען דעקאָראַציעס פאַרן טעאַטער. מישאַ שוואַרץ אין די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס האָט פאַרצייכענט אַ רייהע דערפאָלגען. בייטראָ־גענדיג פאַר ספּעקטאַקלען, איבערהויפּט פאַרן בע־סערען רעפּערטואַר. משה פייגענבלום, אַ מאָהלער מיט חוש פאַר אַלטע אידישע נוסחאות, האָט געהאַט אַ ספּאָראַדישען דערפאָלג. אויך י. בירנבוים. און חיים סאַקאָלאָווסקי איז אַרבייטזאָם אין „איפט", האָט ווייניגער באַגאַבונג ווי אַנדערע, נאָר אַרבייט.

דאַנגענען די פּרוּוון פון שוישפּילער זענען אין די לעצטע יאָהרען געווען ווייניג געבענשט מיט דערפאָלג. איז נישט געראָטען אויך דער פּרוּוו צו שאַפען אַ סטאַביל טעאַטער אין דער פּראָווינץ סאַנ־טאַ־פע (אינם יאָהר 1932), צו שפּילען יעדע וואָך אין עטליכע שטעדט, ווי ראָזאַריאָ, מאָזעסוויל א"א.

אַ גליק נאָך, וואָס עס איז געוואַקסען דער ישוב אין מאָנטעווידעאָ, וואו עס האָט זיך איינ־געשטעלט אַ סטאַבילער טעאַטער, וואָס איז אַ שטיצע פאַר דער טעאַטער ־ פּראָפעסיע אין בוענאָס־איירעס זינט 1937.

די גליקען פון אידישען טעאַטער אין אַרגענ־טינע זעהען אָבער אויס נישט מעהר ווי טעאַטער־עפּעקטען. נישט דאָס אַרטיג טעאַטער ווערט דערפון

רייכער, נישט די אָרטיגע שוישפּילער ווערען דער־פון גרעסער.

האָבען מיר געהאַט אין בוענאָס־איירעס טעאַ־טער־ספּעקטאַקלען פון כל׳ערליי סטילען, טענדענ־צען, פאָרמען און ריכטונגען. אַלט־רעאַליסטישע און עקסטרעם־מאָדערניסטישע. בוען יאַנג׳ס אויפפיה־רונג פון „שאַ, דער רבי געהט" האָט געהאַט פון ביידע מינים. מנחם רובינ׳ס אויפפיהרונג פון שלום עליכם׳ס „200.000" האָט געהאַט סאָוועטישען נוסח. לעאָן האַלפּערנ׳ס אויפפיהרונג „דעם צדיק׳ס נסיעה" האָט געהאַט ווייט־געהענדיגע סטיליזאַציע. נאָר... נאָך דעם אַלעמען קען מען ניט זאָגען, ביי וועלכען ס ט י ל אָדער פ אָ ר ם עס האַלט זיך דאָס אידישע טעאַטער אין אַרגענטינע... די איינציגע „ריכטונג", וואָס הערשט, איז — צופעל־ליגקייט.... מען זוכט מאָמענטאַנעם דערפאָלג — און דאָס איז אַלץ . . .

ביי אַזאַ גאַנג איז נישט מעגליך, אַז אָרטיגע שוישפּילער זאָלען אויסוואַקסען.

דאָס, וואָס אָרטיגע שוישפּילער קענען נישט הויך אויפשטייגען, איז די סיבה, וואָס בערטאַ זינ־גערמאַן, היינט די גרעסטע אינטערפּרעטירערין פון שפּאַנישען וואָרט, די רומרייכסטע רעציטאַטאָרשע פון דער גאַנצער שפּאַנישער וועלט, כאָטש אָנגעהוי־בען שפּילען אין בוענאָס־איירעס אין אידישען טעאַ־טער, איז גאָר־גיך אַריבער אויף שפּאַניש, וואו דער דערפאָלג האָט אויף איהר געוואַרט מיט צעעפענ־טע אָרעמס (360).

שטעהט פאַר די אויגען אַ ריזיגע אידישע טעאַ־

(360) בערטאַ זינגערמאַן איז אויפגעטראַטען אין אַנ־סקי׳ס „דיבוק", אין דער ראָלע פון „לאה", דעם 19־טען מערץ 1922, אין טעאַטער „גאַריבאַלדי", אונטער דער רעזשי פון אהרן לאַגער. אויך פאַ־לינאַ זינגערמאַן, היינט באַריהמט אַלס שפּאַנישע אַקטריסע, האָט אין 1926 געשפּילט אידיש, אין „פאָלקס־טעאַטער". פאַני ברענער איז אַלס פאַני ברענאַ אַן אָנגעזעהענע ערשטע אַקטריסע אויף דער שפּאַנישער בינע. זי האָט געפּרואווט אויפסניי שפּילען אידיש, אין 1931, אין „עקסעלסיאָר", אָבער מ׳האָט די צאַרטע אַקטריסע נישט באַנומען.

טער־אינסטיטוציע, אויף וועלכער אַקטיאָרען פון אויסלאַנד קוקען מיט קנאה — און זיי האָבען וואָס מקנא־צו־זיין, ווייל ביי דער גאַנצער קליינצאָהליג־קייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַרגענ־טינע האָט דאָס טעאַטער ריזיגע מעגליכקייטען און צעהנדליגער טויזענטער באַזוכער שוין אין בוע־נאָס־איירעס (361).

זענען אויסלענדישע שוישפּילער מקנא אונ־זער טעאַטער און דאָס אידישע טעאַטער אין אַר־גענטינע איז מקנא דאָס געדרוקטע וואָרט . . .

ווייל דאָס טעאַטער איז נאָך אַלץ — אַ האָ־טעל מיט טראַנזיט־וויזעס. דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט אין אַרגענטינע איז שוין — אַ היים. און אַ באַשיידענע היים איז נאָהענטער ווי דער לוקסוס־דיגסטער האָטעל . . .

דער פאַקט, וואָס נאָך אַ האַלבען יאָהרהונדערט אידיש לעבען אין אַרגענטינע איז נישט געווען אַפילו איין פּרואוו אַרויסצוגעבען אַ טעגליכע שפּאַ־ניש ־ אידישע צייטונג, איז דער בעסטער סימן, אַז די פּאָזיציע פון אידישען וואָרט איז אַ מעכטי־גע און זי ווערט נאָך־מעכטיגער מיט'ן חורבן פון די אַלטע אידישע ישובים אין איראָפּע.

דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט און טעאַטער אין אַרגענטינע, צוזאַמענגענומען, איז אַ ברייט־פאַרצווייגטע און טיף־גרייכענדיגע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס בילדען, ביי אַלע פעהלערען און שטערונגען, אַ פעסטונג פאַר דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען פון לאַנד און אויך אַ וויכטיגע פּאָזיציע פאַר דעם אידישען לע־בען אין דער גאַנצער וועלט.

---

361) בוענאָס־איירעס'ער פּראָפעסיאָנעלע אידישע אַקטיאָ־רען האָבען נאָך ניט געמאַכט קיין פּרואוּוען פאַר קינ־דער־טעאַטער אָדער טעאַטער פאַר קינדער, הגם די פּרואווען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען מיט שול־ספּעקטאַקלען, אויך פון „איפּט" און פון אַ קרייז אונטער דער לייטונג פון שמואל גלאַזערמאַן, באַ־וויזען, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער אינטערעס אויך פאַר קינדער־טעאַטער.

צוזעצעל פון נעמען, דערמאָנטע אין בוך

— א —

אבראַמאָף, ר. 36
אבראַמאָוויטש, ב. 236
אַדלער, י. 17
אַדלער, צ. 154
אויערבאַך, ב. 242
אוישער, מ. 229, 240
אוריבורו, גענ. 48
אייזנשטיין, י. 111, 135, 150־151
אייטשלבוים, מ. 117
איסאַקסאָן, י. 99, 187
איצקאָוויטש, ג. 121
איריס, ש. 251
אַלגין, מ. 84
אַלטמאַן, מ. 192
אַלטשולער, י. 150
אַלפּעראָוויטש. אַ. 199
אַלפּערסאָן, מ. 33, 34, 52, 111,
135, 138, 142־144, 218
אַלשאַנסקי, ב. 86
אַנבי, ז. 54
אַנ־סקי, ש. 253
אַסטענגאַ, ע. 232
אָקון, י. 189
אַקסענצאָוו, י. 102, 187
אַש, ש. 113, 224, 225

— ב —

באָגאָפּאָלסקי, ח. 248
באָוושאָווער, י. 150
באָזשיק, מ. 229, 251
באַטאַשאַנסקי, י. 47, 48, 100,
101, 102, 112, 136, 154,
157־160, 184, 196
באַקונין, מ. 81
באַראַטאָוו, פּ. 229, 240
באַראַץ, ד. 235
באַראַק, ס. 36
באַררעט, ר. 186
בובליק, ג. 116
בוזגאַן, ח. 244, 251
בולאָוו, י. 212, 222, 240, 241
בומאַזשני, ע. 100
בורסוק, מ. 183
ביאַליק, ח. נ. 148
ביזבערג, פּ. 91, 115, 136
171־172
ביירעק, ר. 118
בירנבוים, י. 116, 252
בירנבוים, מ. 187
בירנבוים, ש. 140, 170־171
בלאַנק, אַ. 233

בלאשטיין, ה. 13, 57, 84, 85,
101, 106, 112, 136, 160-
162, 184
בלומשטיין, י. 130, 156-157
בן עמי, י. 201, 212, 220,
223, 239
בעלגאראדסקי, ל. 175
בערגלסאן, ד. 177
בערדיטשעווסקי, ב. 251
בערדיטשעווסקי, ש. 251
בענדערסקי, ב. 111, 135, 149
בערלינער, מ. 250
בערעלעכים, ט. 217
בראדסקי, א. 13, 135, 144, 146-
147, 218
בראקאזש, ח. 115, 187, 249
ברוז, ע. 109
ברוסילאווסקי, ה. 104, 105, 123
ברכות, ז. 192
ברענער, פ. 242, 253
ברעסלער, וו. 104, 105

— ג —

גאווינאסער. י. 185
גאלד, ז. 251
גאלדבערג, א. 168
גאלדבערג, י. ל. 136, 167
גאלדוואסער, ז. 250
גאלדמאן, ד. 7, 24, 34, 74
גאלדנבורג, ס. 153, 218, 224,
236, 240
גאלדפאדען, א. 188, 231, 232,
233, 237
גאלדשטיין, דזש. 240
גאלדשטיין, י. 124, 190
גאלדשטיין, מ. ז. 136
גאלדשטרייך, ח. 177
גאלובטשיק, א. 170, 251
גאלינא, ג. 251
גאמבינסקי, א. 91
גאראדיסקי, י. 187
גארדין, י. 225, 237, 238,
242, 247
גארעליק, י. ל. 123
גארקי, מ. 220, 248
גארשינסקי, י. 170
גוטנטאג, ב. 242
גוטנטאג, ק. 242-243
גוטשקאוו, ק. 133
גיסער, מ. ד. 114, 130, 155-156
גלאזמאן, י. 186
גלאזער, י. 99, 147
גלאזערמאן, ד. 118
גלאזערמאן, ש. 47, 98, 103, 109,
111, 136, 140, 152-153, 217,
218, 232, 243, 254
גלאנץ, ל. 116
געזאנג, נ. 186
גערמאן, ל. 229, 240
גערסטין, ב. 220, 240
גערשונאוו, א. 79, 180
גראבער, ח. 250
גראל, טש. 201, 229
גראניטשטיין, מ. 129, 136, 157,
164-165
גראניעוויטש, ש. 167
גראסבארט, ה. 250
גרוזמאן, י. ל. 103, 105, 111,
114-115, 117, 136
גרינבערג א. צ. 163
גרינבערג, ב. 140, 172-173
גרינגלאז, ש. 150

— ד —

דאם, י. 186
דאניעל, מ. 250
דאס פאסאס, דזש. 132
דוכאווני, ל. 99
דונאיעווסקי, פ. 185
דזשאזעף, ה. 42
דזשייקאבסאן, ה. 240
דייטש, י. 216, 217
דינעזאן, י. 9
דינער, מ. 119
דיקלער, וו. 184
דראפקין, י. 90
דרוקאראוו, א. 189

— ה —

האכבערג, מ. 251
האלפערן, ל. 248, 253
האלפערן, מ. ל. 158
הארן, י. 43, 103, 105, 107,
115, 120, 185
הדסה, א. 176
הויכמאן, ב. 183
הוראוויטש 91
הורוויץ, ש. י. 91, 183
היטלער, א. 85, 104, 106, 140
הירשביין, פ. 51, 53, 54, 152,
160, 207, 208, 224
הירשפעלד, ז. 237, 251
הלוי, פ. ש. 11, 36־38, 93, 108,
109, 121
הלוי, ר׳ יהודה 133
העללמאן, אי. 9
העלמאן, י. 186
העלער, ב. 190
העלפמאן, י. 81, 96, 98, 127,
135, 138, 144, 145־146
הענקין, וו. 250
הערמאן, ד. 249
הערצל, ט. 206
הערש, ל. 84

— וו —

וואלד, פ. 50, 57, 83, 84, 102,
107, 127, 150, 218
וואל, י. מ. 117
וואלף, ה. 111, 129, 136, 163־
164
וואלף, פ. 220
וואסערמאן, ש. 140, 171, 189,
237
וואסערצוג, ז. 98, 99, 136, 165,
190
ווארטמאן, מ. 91
וואקסמאן, מ. 236
ווארשאווסקי, מ. 216
וויאנא, ב. 186
וויטאל, נ. 81, 96, 98, 135,
138, 144, 145, 146
וויינשטאק, ב. 61, 104
ווייס־לעווין, מ. 233
ווייסמאן, ב. 7, 15, 230, 231,
232, 233־235
ווייסמאן, ד. 240

ווייסנבערג, ד. 246
ווייצמאַן, אַ. 174
ווילקאָווינִיצער, י. 81
ווינאַקור, ל. 133
ווערבלון, ע. 174
ווערימקרויט, ח. 117
ווערמאַנט, אַ. 11, 12, 22, 23, 25, 26, 28, 31-35, 37, 38, 46, 47, 74, 91, 108, 115, 217, 230
ווערסמאַן, אַ. 183

— ז —

זאַכאַק, ה. 187
זאַלאַטאַרעווסקי, א״ז. 219, 224
זאַסלאַווסקי, ר. 71, 154, 169, 209, 210, 240, 244, 251
זאַץ, ל. 240
זאַקוסקי, א. י. 174, 188
זאַקס, ש. 189
זיגער, י. 189
זייד, א. 136, 152
זיידערמאַן, ד. 239
זילבערבערג, ס. 251
זילבערט, י. 239
זילבערצווייג, ז. 15, 188, 246
זינגער, יואל 119
זינגער, י. י. 211, 225
זינגערמאַן, ב. 253
זינגערמאַן, פּ. 253
זרובבל 53
זשיטלאָווסקי, ח. 163
זשיטניצקי, ל. 102, 180, 184, 237
זשעליאַזאָ, ג. 224, 249

— ט —

טאַבאַקשניידער, מ. 247
טאָלמשינסקי, ל. 88
טאָלסטאָי, ל. 81, 222
טאָמאַשעווסקי, ב. 17, 200, 204, 240
טופּיאַש, ט. 190
טורקאָוו, מ. 99, 102, 103, 181
טורקאָוו, ז. 160, 239, 240
טענאַווסקי, ס. 251
טעקס, צ. 251
טקאַטש, א. 117
טראַמפּאָלסקי, ג. 61
טראָצקי, א. 99, 102
טראָצקי, ל. 157, 158
טריוואַקס, ה. 182
טשערנאָוועצקי, וו. 69, 117

— י —

יאַבלאָקאָוו, ה. 240
יאַגופּסקי, י. 190
יאָהאַנעס, י. 251
יאַנג, ב. 252
יאַנג, ק. 240
יאַסעלעוויטש, י. 37-39, 108, 185
יהודי, א. 110
יואָווילער, ק. 236
יורים, א. ש. 53, 186, 188
יעדוואַבניק, י. 9
יפה, ל. 53
ירחי, נ. 172

— כ —

כאזאנאוויטש, ל. 82, 121
כארימאנסקי, ב. 116
כוסטא, גען. 48
כייקאווסקי, ע. 242, 251
כ"ץ, ח. 226-228
כ"ץ, מ. 115
כצמאן, י. 90
כ"ץ, פ. 11, 21, 28, 31, 81, 96, 100, 102, 108, 112, 127, 137, 184, 186, 218, 243

— ל —

לאבל, מ. 236, 240
לאגער, א. 45, 240, 242-243, 253
לאטיינער, י. 219, 234
לאמאנאסאוו, ד. 186
לאפידוס, מ. 116
לאפין, ב. 192
לאצקי-בערטאלדי, וו. 53
לודוויג, ה. 252
לוצקי, א. 186
לוצקי, י. 185
ליאכאוויצקי, י. ש. 12, 28, 29, 40-46, 77, 85, 95, 96, 107, 108, 116, 122, 138, 150, 204
ליבערמאן, י. 176
לייוויק, ה. 53, 215, 220, 221, 222, 245, 250
ליבט, ד. 184, 222, 249
לעבעדיעוו, א. 240
לינקאווסקי, י. 187
לעווין, א. 237
לעווין, ב. 189
לעווין, ז. 26, 27, 46, 47, 115, 116, 217
לערנער, ח. 239
לערנער, פ. 105, 140, 174
לערער, ש. 251

— מ —

מאגולעסקא, ז. 188
מאורער, י. 251
מאזור, ז. 111, 140, 175
מאיאנץ-רמן, ג. 114
מאנגער, א. 128
מאני לייב 151
מאס, ל. 73, 95, 96-97, 150, 181
מאקטאס-אלפערסאן, ר. 103
מאקראנסקי, י. 185
מארגאלין, א. 136, 167, 189
מארטין, ע. נ. 88
מאריענהאף, מ. 235
מארעווסקי, א. 222, 239, 240
מאשקאוויטש, א. 111, 136, 151
מאשקאוויטש, מ. 211, 222, 236, 240
מוקדוני 157, 158
מיבאשאן, א. 186
מידע, א. 47, 201
מיזשעריצקי, נ. 119
מיטלער, י. 110, 171
מיטרע, ב. 85
מיידאניק, מ. 136, 166, 186

מייזיל, נ. 9
מייעראוו, מ. 189
מיכאלעסקא, מ. 240
מימי פינזאן 174
מינקאווסקי, מ. 245־246
מישעל, ל. 81
מלאך, ל. 47, 109, 111, 114, 136, 153־155, 184
מלמד, נ. 176
מעדעם, נ. 53
מעלניק, נ. 249, 250
מענדעלסאן, י. 84, 95, 97־98, 137, 184, 186
מענדעלע (מוכר־ספרים) 108, 133, 167, 240, 244
מעסטל, י. 201, 220
מערקין, ה. 250
מערקין, מ. 99, 102, 184

— נ —

נאזשיק, י. 249
נאטאנסאן, י. 240
נאמבערג, ה. ד. 48, 52, 53, 69, 111, 113, 142, 143, 145, 235
נוגער, י. 201, 223, 243
ניגער, ש. 53, 54, 163, 245
ניימאן, א. 233
ניעמאי, פ. 69
נעמיראווסקי, י. 116

— ס —

סאבאראוו, מ. 91, 172
סאלאמאן, ס. 61
סאמבערג, י. א. 158, 239, 240
סאנדלער, א. 174
סאנטשעס, פ. 243
סאפאזשניקאוו, ג. 104, 105, 183
סאקא און וואנצעטי 167
סאקאלאוו, ל. 244
סאקאלאווסקי, ח. 116, 252
סארקין, ז. 82, 121
סגל, ש. 119, 166
סוסקאוויטש, ש. 173
סטאליאר, מ. 80, 95, 96, 98
סטאלין, י. 85, 106, 140
סטרינדבערג, א. 222
סיגעל, וו. 219, 233
סין, א. 243
סילאנע, אי. 220
סילוויא, ס. 236
סיני, מ. ה. 9־10, 20־21, 28, 36, 40־41, 90, 122, 188, 150
סיני, ר. 41
סיפצער, א. 251
סיפצער, פ. 251
סעגאל, י. 99, 187
סעקלער, ה. 248
ספיוואק, א. 103, 104, 105
סקולניק, מ. 240

— ע —

ערעלשטאט, י. 150
עדלשטיין, ע. 81
עליאשבערג, א. 187
עפלבוים, מ. 237
עפשטיין, ב. 140, 173
עפשטיין, פ. 207, 218, 240
ערנבורג, א. 132

— פּ —

פּאַטראַן, ע. 251
פּאַר, ל. 116
פּאַלאַסיאַס, א. 236
פּאַליאַק, מ. 80, 81, 82, 107
פּאַליפּאַרע, ב. 243
פּאַרישעווסקי, י. 185
פּוסטילניק, מ. 92
פּושקין, א. 168
פּי אי אַרסואַגאַ 186
פּינטשעווסקי, מ. 128, 135, 137, 138, 144, 145, 148-149
פּיקאַן, מ. 229, 240
פּלאַווינאַ, ק. 251
פּלאַפּאַן, י. 136, 162-163, 249
פּערלמאַן, א. 216
פּערלמאַן, י. 238
פּערלמאַן, מ. 251
פּריץ, ד. 107
פּריץ, י. ל. 9, 12, 104, 167, 215, 216, 249
פּשעפּיורקע, מ. 119, 188

— פֿ —

פֿאַוועלוקעס, ח. 119
פֿאַקטאַראָווסקי, ל. 248, 249
פֿאַרבער, ח. י. 168
פֿאַרבער, ק. 174
פֿויכטוואַנגער, ל. 224
פֿוקס, ח. 177
פֿידלמאַן, ק. 243
פֿייגאַן, ב. צ. 168
פֿייגנבלום, מ. 116, 252
פֿיין, י. 140, 175, 250
פֿייערמאַן, א. 136, 166
פֿייערשטיין, י. 89, 90, 91, 111, 175
פֿיכער, י. 251
פֿינגערמאַן, י. 92, 182
פֿינקעל, ס. 233
פֿיערט, ש. 140, 174
פֿישער, א. א. 136, 166-167
פֿישמאַן, י. 189
פֿלאַם, ג. 250
פֿעלד, א. 240
פֿעלדבוים, י. 251
פֿערער, פּ. 188
פֿרוכטער, נ. 102
פֿרומקין, מ. 135, 176-177
פֿרידמאַן, י. 176
פֿרידמאַן, ק. 251
פֿריימאַן, ל. 219
פֿריילאַך, ש. (ליטמאַן) 100, 101, 102, 136, 165-166, 184
פֿרענקעל, נ. 114

— צ —

צודיקער, י. 184
צוקערמאַן, איז. 233
צוקערמאַן, נ. 107
צוקער, נ. 105, 117, 136, 167, 237, 248
צוקער, ר. 239
ציגאַנערי 251
צייטלין, א. 250
צייטלין, וו. 47, 121
צימבאַליסט 239
צעסלער, ש. 140, 169-170

— ק —

קאדיסאן, ל. 212, 240
קאהאנאוויטש, א. 252
קאוואל, א. 174
קאוועגסקי, י. 183
קאטאווסקי, פ. 174
קאלמאנאוויטש, ה. 224
קאנטאר, א. 170
קאניעווסקא, וו. 239
קאנסטאנטינאווסקי, מנשה 117, 133, 168
קאנעפא, ר. 201
קאנסטאנטינאווסקי, משה 163
קאסטיושא, ג. 243
קאסטרינסקי, מ. 90, 186
קאפלאן, י. 86, 183
קאפלאנסקי, ג. 166, 168
קאפלאנסקי, ש. 83
קאסא, ר. 223
קאצאוויטש, נ. 91, 182
קאראלניק, א. 96
קארדונער, ל. 103
קארפעס, י. 229
קויפמאן, מ. 105, 140, 173
קולבאק, מ. 249
קומאק, הענדל 251
קיפין, מ. 86, 90
קלאצמאן, א. 119
קלאצמאן, ל. 170
קלינגער, א. 135, 144, 147-148, 176, 177
קלינגער, ק. 140, 170
קלינגער, נ. 220
קעסמאן, נ. 210, 240
קעשיר, איז. 240
קראסילאווסקי, ה. 92, 187
קראפאטקין, פ. 81
קריטשמאר, נ. 183
קרימער, ג. 178
קרעמער, איזא 250
קרעסין, מ. 240

— ר —

ראבינאוויטש, י. 136, 166
ראבינאוויטש, ע. 251
ראזאווסקי, מ. 186
ראזנבלום, ד. 249, 250
ראזנפעלד, י. 224
ראזע־טקאטש, י. 190
ראזענבלים, י. 26
ראזען, ח. 184
ראזענפעלד, מ. 222
ראזשאנסקי, ש. 9, 98, 107, 111, 113, 136, 170, 184, 237, 243
ראטושני, מ. 175
ראסיאנסקי, י. 99
ראפעל, אנא 251
ראפעל, אסתר 251
ראפעל, ז. 251
ראקא, גענ. 35
ראשקאוואן, ד. 150
רובין, מנחם 239, 240, 253
רובין, משה 132-133
רוזשאנסקי 91
רייזען, ז. 31, 53
רינסקי, ח. 89
רים, א. 248
ריקלים, א. 206

רעגאַלסקי, מ. 98, 184
רעזניק, ב. 183
רעזניק, ש. 185
רעכאַוויצקי, ב. 183
רעסלער, ב. 241
רש״י 133

— ש —

שאַבאַד, צ. 119
שאַפּיר, א. 174
שוואַרץ, וו. 240
שוואַרץ, ח. 182
שוואַרץ, מאַרים 71, 154, 211, 212, 219, 224, 225, 240
שוואַרץ, מישאַ 116, 237, 252
שוואַרץ, צ. 186
שוואַרצבערג, י. 249
שוסהיים, א. ל. 98, 99, 196
שטוקער, מ. 176
שטיינבערג, י. 211
שטיינבערג, ג. 163
שטילמאַן, א. 88
שטראַמער, ס. 201, 251
שטראַמער, ק. 251
שטרייטמאַן, א. 251
שטרייטמאַן, מ. 251
שטרייכער, י. 111, 136, 137, 150־151
שיינגאָלד, י. 240
שיין, י. 251
שילער, ר. 251
שלום־עליכם 25, 71, 196, 210, 215, 224, 253
שלייפער, ב. 183
שלמן, א. 90
שמערקאַוויטש, י. 189
שניידער, צ. 138
שעכטער, ב. 86
שענדעריי, מ. 90, 99, 185
שעפּנער, ב. 53
שעקספּיר, וו. 133
שערמאַן, י. 236
שפּרינבערג, מ. 69, 116
שפּרינבערג, פּ. 81, 82
שפּריצער, א. 111, 140, 169, 190
שקאָלניק, ה. 175
שקאָלניק, ח. 92
שקאָלניק, צ. 109
שקליאַר, י. 170, 251

דאָס דאָזיקע בוך, געזעצט דורך יצחק זינגמאַן
און געשלאָסן דורך הערש קאַמעט, איז
אַרויס פֿון דרוקעריי יהודה גלאַזמאַן,
ק אָ ר י ע נ ט ע ס 1 9 7 6 ,
דעם 15-טן מערץ 1941.